STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07316

DI TSOYBER MATONE

O. Henry

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אָ. הענרי

די צויבער מתנה

און אַנדערע דערציילונגען

פון ענגליש אָריגינאַל
וואָלף שאַפּאָשניק

ארויסגעגעבן אַף אייגענע
נישט מאַידאַנעק־געלטער.
דער איבערזעצער

פאַרלאַג „יידיש וואָרט"
בוענאָס־איירעס 1955

O. HENRY

DI TZOIBER MATONE

CUENTOS SELECTOS

Traducido del inglés
por WOLF SHAPOSHNIK

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Queda hecho el depósito que marca la ley.

EDITORIAL "IDISH WORT"
Buenos Aires
1955

אָ. הענרי

איז דער ליטעראַרישער נאָמען פון וויליאַם סידני פּאָרטער, וועלכער איז געבוירן געוואָרן דעם 11טן סעפּטעמבער 1862 אין גרינסבאָראָ, נאָרט־קאַראָליינע (צפון־אַמעריקע). זיין מוטער איז געשטאָרבן פון שווינדזוכט, ווען ער איז אַלט געווען דריי יאָר. צו פופצן יאָר האָט וויליאַם פאַרלאָזט די שול און אונטער דער השפּעה פון זיין מומען, אַ לערערן, האָט ער אַ סך געלייענט און גייסטיק געוואַקסן. זייענדיק אַ שוואַכער און בלאַסער, האָט ער אַ פּאָר יאָר פאַרבראַכט אַף אַ פאַרם אין טעקסאַס, גרייטנדיק זיך צו זיין אַ „קאַו באָי". פּאָרטער האָט אויך געלעבט אַ צייט אין צענטראַל־אַמעריקע און אין זיינע דערציילונגען מיט יענע איינדרוקן באַנוצט ער שפּאַנישע אויסדריקן. וויליאַם האָט אויך געאַרבעט פינף יאָר אין זיין פעטערס אַפּטייק.

בעייסן זיין אַן אָנגעשטעלטער אין אַ באַנק, האָט מען וויליאַם פּאָרטערן באַשולדיקט אין פינאַנץ־מיסברויכן (קאַרגע 1.000 דאָלער) און איז צוגעפּסקנט געוואָרן צו פינף יאָר טורמע. (זיינע פריינט האָבן געצווייפלט אין יושר פונעם שנעלן, ניט באַגרינדעטן משפּט). פאַר גוטן אויפפיר איז ער נאָך דריי יאָר אַרויס אַף דער פריי.

אין תּפיסה האָט ער אונטער דער התימה סידני פּאָרטנער אָנגעהויבן שרייבן קורצע דערציילונגען פון זיינע דערפאַרונגען און אויך אַרעסטאַנטן־ווידוים. איינע פון זיי (וועגן אַ קאַסע־ברעכער, וועלכער האָט מיט זיין „קונסט" געראַטעוועט אַ קינד) געשריבן געפּילפּול און קינסטלעריש, האָט געמאַכט אַ רושם. ער האָט באַקו־

מען פאַר דערינען 250 דאָלער און פאַרן רעכט צו אינסצעניזירן — 500. דער מחבר האָט זיך באַגנוגנט דערמיט און אָפּגעזאָגט זיך אַליין צו דראַמאַטיזירן די דערציילונג; אַן אַנדערער, פּאָול אַרמס־טראָנג, האָט עס געטאָן און באַקומען העכער הונדערט טויזנט דאָ־לער פון אויטאָרן־רעכט.

אָ. הענרי האָט געשריבן פאַרן „ניו־יאָרק־וואָרלד" מיט אַ וועכנטלעכער שכירות פון הונדערט דאָלער פאַר אַ דערציילונג. זיין טאַלאַנט האָט אַמשטאַרקסטן זיך צעבליט און זיין שם איז געשטיגן, ווען ער איז געוואָרן אַ ניו־יאָרקער תושב, אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן. אָ. הענרים ווערק זיינען גיך געוואָרן „בעסט סעלערס". פון 1899 ביז 1911 זיינען זיי געדרוקט געוואָרן אין צוועלף אויפלאַגעס. זיינע ענגלישע שאַפונגען זיינען איבערזעצט געוואָרן אין פיל לשונות (אין 1954 איז אַרויס אין שפּאַניש זיין בוך: „די פיר מיליאָן"). די קריטיק האָט געשאַצט אָ. הענרין אַלס איינעם פון די בעסטע מייסטער פון דער קורצער דערציילונג. די „ענציקלאָפּעדיע בריטאַניקאַ" רופט אים אָן: „גאָון".

הגם אָ. הענרים ווערק זיינען געפאַרבט אין קאָלירן פון אַ פאַרגאַנגענער תקופה, אָטעמען זיי מיט פרישקייט, זיינען צאַפּלדיק, און ווערן עד היום געלייענט מיט פאַרכאַפּנדיקן אינטערעס.

אַף מ. גאָרקים שטייגער ווידמעט אָ. הענרי אַ חשוב אָרט די דערנידעריקטע און באַליידיקטע, „שכנים" פון מאַנהעטענער (ניו־יאָרקער) סקווערן און פּאַרקן. זיינען קרעאַציעס צייכנען זיך אויס מיט טיפערן סאָציאַלן אינהאַלט, בילדלעכקייט און הומאָר. אַן אָריגינעלע מעלה שטעלן מיט זיך פאַר זיינע אומדערוואַרטעטע שלוסן, פון וואָסערע דער לייענער בלייבט ממש געפּלעפט. זיינע אַרבעטן זיינען אויך געוויזן געוואָרן אַפן לייוונט מיט דערפאָלג.

וועגן פסעוודאָנים „אָ. הענרי" זיינען די ביאָגראַפן מחולק: צי שטאַמט עס פון זיין פעטער, דעם אַפּטייקער אָדער פון אַ סימפּאַטישן טורמע־שומר — ביידע האָבן געטראָגן ענלעכע נעמען.

שווערע פורעניותן — געפענקעניש, פאַרלעגערישע דורכפאַלן, אַבידות: זיין יונגע פרוי, וועלכע האָט געירשנט פון אירע עלטערן

די אָרעמאַנסקע מחלה און איז מיט זייער ערשטן קינד, ווי זיין מו־טער, דערפון אומגעקומען — האָט לחלוטין צעטרייסלט דעם קינס־טלערס אַזוי אויך שוואַכן געזונט. אין עלטער פון אַכט און פערציק יאָר האָט דער באַרימטער דערציילער אָ. העגרי, פון דער זעלבער חולאת ווי זיינע נאָענטסטע, פאַרלאָזט די ליכטיקע וועלט.

וו. ש.

די צוױבער מתנה

איין דאָלער מיט זיבן און אכציק סענט. דאָס אַלץ. זעכציק פון זיי אין פּענים, אָפּגעשפּאָרט צו איינע, צוויי, נאַרנדיק דעם שפּייז־קרעמער, גרינס־פּאַרקויפער, קצב, ביז די באַקן צינדן זיך דיר אָן פון בזיון. דריי מאָל האָט דעלאַ געציילט: איין דאָלער און זיבן און אכציק סענט. און מאָרגן איז קריסטמעס.

קענסט גאָרנישט טאָן חוץ וואַרפן זיך אויפן דיוואַן און כליפּען. דאָס האָט דעלאַ טאַקע געטאָן. דאָס ווייזט, אַז איינעמס לעבן באַשטייט פון זיפצן, קרעכצן, די גאַל אויסרייסן.

בשעת די פרוי גייט איבער פון איין מדרגה צו אַ צווייטער, לאָמיר כאַפּן אַ קוק אויף איר היים: אַ מעבלירטער צימער פאַר 8 דאָלער אַ וואָך. אין וועסטיביול הינטן איז פאַראַן אַ פּאָסט־קעסטל, וווּהין קיין קאָנווערט גייט ניט אַריין, פונעם עלעקטרישן גלעקל קען קיין לעבעדיקער פינגער ניט אַרויסקריגן קיין פּיפּס. דאָרט איז אויך געהאַנגען אַ צעטל מיט אַ נאָמען: מר. דזשעימס דילינגהעם יאָנג.

אַמאָל, ווען דילינגהעם האָט באַקומען 30 דאָלער אַ וואָך, האָבן די אותיות געשיינט. היינט, ווען די שכירות זיינען אַראָפּגעזונקען צו 20, זיינען די בוכשטאַבן אָפּגעבליאַקעוועט. אָבער ווען ער קומט אַהיים הייסט ער דזשימי, און עס כאַפּט אים אַרום מיט ליבשאַפט מר"ס דילינגהעם יאָנג, וועמען מיר האָבן אָנגערופן דעלאַ.

דעלאַ האָט אָפּגעוויינט און זיך גענומען צו אירע באַקן מיט אַ פּוּ־דער־קישעלע. זי האָט זיך געשטעלט באַם פענצטער און געקוקט אומעטיק אויף אַ גרויסער קאַץ, וואָס האָט געשפּאַצירט אויף אַ גרויען פּלויט אין אַ גרויען אונטערהויף. מאָרגן וועט זיין קריסטמעס, און זי האָט נאָך $ 1.87 צו קויפן דזשימין אַ מתנה. חדשים לאַנג האָט זי געשפּאָרט פּענים, און דאָס איז דער סך־הכל. מיט צוואַנציק דאָלער אַ וואָך קען מען ווייט ניט אַוועק. די הוצאות זיינען גרעסער, ווי זי האָט גערעכנט. בלויז $ 1.87

אף א מתנה פאר דזשימין, איר דזשים. א סך לאנגע פריילעכע שעהן האט זי געקלערט וועגן עפעס אזוינס ווי אזעלכעס צו קויפן פאר אים. ס'זאל זיין שיין, זעלטן. ס'זאל האבן די זכיה צו טראגן דזשימים נאמען.

א שפיגל איז געהאנגען צווישן די פענצטער. האט איר געזען די שמאלע שפיגלען אין אן אכט־דאלערדיקן מעבלירטן צימער? א שמאלער, דארער מענטש קען זיך קוים דארט אנזען. דעלא איז געווען דין, האט זי באוויזן די קונץ.

האט זי פארקירעוועט פון פענצטער צום שפיגל. אירע אויגן האבן אויפגעשיינט. שנעל האט זי א צעפלעכט געטאן אירע האר און געלאזט פאלן אין זייער גאנצער לענג.

צוויי אוצרות האבן פארמאגט די דילינגהעם יאנגס, וועלכע האבן זיי ביידע אנגעפילט מיט גדלות. ער האט פארמאגט א זייגער — ירושה פון פאטער און זיידן, דאס צווייטע — אירע צעפ. ווען מלכת שבא זאל וווינען אין אנטקעגנדיקן צימער, וואלט דעלא צעלייגט אירע לאקן טריקענען פון פענצטער ארויס צו פארטונקלען דער קעניגנס צירונג און מתנות. ווען שלמה המלך זאל זיין אויפפאסער און זיין גאנץ עשירות אנגעפראפט אין קעלער, וואלט דזשימי יעדער מאל, פארבייגייענדיק, ארויסגעשלעפט דעם זייגער, דער קעניג זאל זיך צופן די האר פון בארד פון קנאה.

דעלאס שיינע, צעלאזטע לאקן האבן געבליאסקעוועט און זיך גע־כוואליעט ווי א ברוינער וואסערפאל. זיי האבן געגרייכט נידעריקער פון אירע קני און זי פארדעקט ווי א פעלערינע. זי האט גיך, נערוועזיש נאכ־אמאל זיי א טרייסל געטאן. א ציטער האט זי אנגעכאפט. זי איז א ווײַלע געשטאנען, און צוויי טרערן האבן אראפגעקאפעט אפן אויסגעטראגענעם רויטן טעפיך.

דעלא האט א כאפ געטאן אף זיך איר אלט, ברוין זשאקעטל, אויך אזא היטעלע. מיט א פלאטער פון קליידל און א פינקל אין די אויגן האט זי ארויסגעשוועבט פון דער טיר און איז ארונטער פון די טרעפ אף דער גאס.

זי האט זיך אפגעשטעלט בא א שילדל, וואס האט געזאגט: מאדאם סאפראניע, אלערליי הארווארג. א שטאק ארויף איז דעלא געלאפן, גע־טעמט שנעל, נאר אײַנגעהאלטן זיך. די מאדאם, א גרויסע, ווײַסע און קאלטע האט זי באגעגנט.

— איר ווילט קויפן מײַנע האָר? — האָט דעלאַ געפרעגט.

— איך קויף האָר, — האָט די מאַדאַם געענטפערט. — נעמט אַראָפ אײַער היטעלע, און לאָמיר אַ קוק טאָן.

דער ברוינער וואַסערפאַל האָט אַ שימער געטאָן.

— צוואַנציק דאָלער, — האָט די קויפערן געזאָגט, אונטערהייבנדיק די האָר מיט אַ געניטער האַנט.

— דאָס געלט אַהער, שנעל! — האָט דעלאַ צוגעאײַלט.

האַ! זי איז געפלויגן אויף ראָזע פליגל, נישטערנדיק אין די קראָמען פאַר דזשימען אַ מתנה.

ענדלעך האָט זי געפונען. ווי טאַקע פאַר אים געמאַכט, נישט פאַר קיינעם. נישטאָ קיין צווייטס אַזאַ אין קיין אַנדער געשעפט. זי האָט אַלע איבערגעקערט: אַ פּלאַטינום קייטל, פּשוט און איידל, געשאַצט מיט דער ווערט פון מאַטעריאַל, נישט פון שרײַענדיקן פוץ, ווי יעדער ווערטפולער חפץ, און ווי עס פּאַסט פאַר זײַן זייגער. דערזעענדיק עס נאָר האָט זי גלײַך געזאָגט, אַז דאָס מוז ווערן דזשימס. טאַקע ווי ער אַליין איז: אײַנגע־האַלטן און ווערטיק. איין און צוואַנציק דאָלער האָט מען גענומען בײַ איר; און זי איז אַוועק אַהיים מיט די 87 סענט. מיט אַזאַ קייטל מעג שוין דזשימי וועלן וויסן, ווי שפּעט ס'איז אין יעדער געזעלשאַפט. ווי גרויס־אַרטיק זײַן זייגער איז, קוקט ער אויס עפּעס נישטיק איבערן לעדערנעם רימענדל, וואָס ער האָט, אַנשטאָט אַ געהעריק קייטל.

אין דער היים איז איר באַרוישטקייט אָפּגעטראָטן פאַרן שׂכל, באַ־טראַכטקייט. זי האָט אַרויסגענומען דאָס קרויז־אײַזן, אָנגעצונדן די גאַז און אָנגעהויבן פאַרריכטן דעם שאָדן פון איר ברייטער האַנט אין צוגאָב צו ליבע.

אין משך פון פערציק מינוט איז איר קאָפּ באַדעקט געוואָרן מיט דינע, געדיכטע קרײַזעלעך, ווי בײַ אַ שולקינד. זי האָט געקוקט אויף זיך אין שפּיגל לאַנג, פאָרזיכטיק און קריטיש. „אויב דזשימי וועט מיך נישט דערהרגענען איידער ער טוט אַ צווייטן בליק אויף מיר, האָט זי גערעדט צו זיך, וועט זײַן אַ נס. ער וועט זאָגן, אַז איך קוק אויס ווי אַ קוני־איילאַנדער כאָר־מיידל. אָבער, וואָס האָב איך געקענט טאָן מיט אַ דאָלער און זיבן און אַכציק סענט?”...

זייגער זיבן איז די קאווע געווען פארטיק און די פליטע הייס, גרייט צו פרעגלען די קאטלעטן.

דזשים קומט קיינמאל ניט שפעט. האט דעלא גענומען דאס קיטעלע אין האנט און געזעצט זיך אפן ברעג טיש, נאענט צום אריינגאנג. זי האט דערהערט זיינע טריט אף די שטיגן פון ערשטן שטאק. זי איז בלאס געווארן אף א רגע, און געבעטן: גאטעניו! מאך אים דענקען, אז איך בין נאך שיין.

די טיר האט זיך געעפנט און דזשימי איז אריינגעקומען. ער האט אויסגעקוקט מאגער און שטארק ערנסט. א רחמנות, ערשט צוויי און צוואנציק יאר — און איז שוין באלאכט מיט א הויז-געזינט! ער דארף א מאנטל, האט ניט קיין הענטשקעס...

דזשים האט אנגעשטעלט די אויגן אף דעלאן מיט אן אויסדרוק, וואס איז געווען פאר איר אומקלאר און געשראקן. עס איז נישט געווען קיין בייזקייט, אומצופרידנקייט, אדער צארן צי איינס פון די סענטימענטן, אף וואס זי האט זיך געריכט. ער האט בלויז אויסגעגלאצט אף איר די אויגן ניט מיט דער געוויינלעכער מינע אפן פנים.

דעלא האט זיך אראפגעשארט פון טיש און איז צוגעגאנגען צו אים.

— דזשים ליבער, קוק נישט אזוי אף מיר, — האט זי אויסגערופן. איך האב אפגעשניטן און פארקויפט מיינע האר, ווייל איך וואלט נישט געווען איבערגעלעבט קריסטמעס ניט געבנדיק דיר קיין מתנה. מיינע האר וועלן צוריק וואקסן. וועסט נישט בייז זיין? איך האב דאס געמוזט טאן. זיי וואקסן שנעל. זאג שוין: א פרייליכן קריסטמעס!, דזשים, און לאמיר טאקע זיין פריילעך. דו ווייסט נישט סארא שיינע, וווּנדערלעכע מתנה איך האב פאר דיר.

— דו האסט אפגעשוירן די האר? — האט דזשים געפרעגט פארטיפט, ווי ער האט נישט געקענט כאפן דעם געדאנק, אפילו נאכן פארטראכטן זיך.

— אפגעהאקט און פארקויפט, האט זי אפגעשניטן, ליבסטו מיך ניט סיי־ווי־סיי? איך בין אלץ איך, אפילו אן די האר, ניין אפשר?

ער האט ארומגעקוקט דאס צימער, פארשנדיק. „דו זאגסט, דיינע האר זיינען אוים?" האט דזשים געזאגט מיט א מינע פון א צעררודערטן.

— זוך נישט. זיי זיינען ניטא — האט דעלא פארגעזעצט. כ'האב

דאָך דיר געזאָגט: פאַרקויפט און פטור! ס'איז קריסטמעס אָוונט, בחור. זײַ גוט צו מיר, כ'האָב עס דאָך געטאָן פון דײַנעט וועגן: קיינער קאָן ניט איבערשאַצן מײַן ליבע צו דיר. זאָל איך צושטעלן די קאָטלעטן, דזשים?

ער האָט שנעל זיך אויפגעוועקט פון זײַן צעטראָגנקייט און געדריקט צו זיך זײַן דעלאַן.

דזשים האָט אַרויסגעשלעפּט אַ פּעקל פון זײַן רעקל און עס געוואָרפן אַפן טיש.

— מאַך נישט קיין טעות, דעל, האָט ער געזאָגט, איך גלייב נישט, צי אָפּגעשניטענע האָר אָדער אַפילו אָפּגעגאָלטע, צי וואָס קען מיך מאַכן ליב האָבן מײַן מיידל ווינציקער. עפן נאָר דאָס פּעקל, וועסטו זען פאַר־וואָס איך האָב אַזוי פיל געקלערט פריער.

ווײַסע, רירנדיקע פינגער האָבן אויפגעריסן דאָס שניר׳ל מיטן פּאַפּיר, נאָכדעם — אַ קוויטש פון באַגײַסטערונג און פרייד. אָבער שפּעטער, אוי ווי! אַ גיכער בײַט צו פרויען היסטעריע, פון טרערן און זיפצן האָט באַוויזן דזשימין צו באַנוצן אַלע זײַנע באַרויִקנדיקע אײַנשטילנדיקע ליבלעכקייטן.

ווײַל דאָרט זײַנען געלעגן דרײַ קאַמען, זײַטנדיקע, וואָס דעלאַ האָט אַזוי געגאַרט, זעענדיק זיי אין אַ קראָם־פענצטער, פון זייער ריינעם טוירטל־שאָל מיט קאָלירטע שטיינער אַרומגעזוימט — פונקט דער קאָליר פון די פאַרלוירן געגאַנגענע האָר. זיי קאָסטן טײַער, האָט זי געוווּסט. זי האָט בלויז געקוואָלן פון דערווײַטנס אַף זיי אָן דער מינדסטער האָפע־נונג צו פאַרמאָגן זיי אַמאָל. איצט זײַנען זיי אירע. נאָר די צעפּ באַפּוצט צו ווערן מיט די קאַמען זײַנען פאַרשוווּנדן.

זי האָט זײַן מתנה געדריקט צו איר ברוסט, און מיט פאַרחלומטע אויגן און אַ שמייכל האָט זי געמורמלט: מײַנע האָר וואַקסן גיך, דזשים!

ער האָט נאָך נישט געזען זײַן שיינע מתנה, זי האָט עס געהאַלטן מיט נײַגעריקייט אַף איר דלאָניע. דער מאַטער, נאָר טײַערער מעטאַל האָט געשײַנט מיט אַן אָפּגלאַנץ פון איר ליכטיק, גליִענדיקן געמיט.

— איז עס נישט אַ צאַצקע, דזשים? איך בין אויסגעלאָפן די גאַנצע שטאָט נאָך דעם. דו מעגסט קוקן אַפן זייגער כאָטש אַ הונדערט מאָל אַ טאָג. גיב מיר דײַן זייגער, כ'וועל זען ווי עס זעט אויס דערמיט.

איידער פּאָלגן זי, האָט דזשים זיך אַ וואָרף געטאָן אָפּן דיוואַן, פאַר־לייגט די הענט הינטערן קאָפּ און געשמייכלט.

— דעל — האָט ער געזאָגט, לאָמיר דערוויַיל אַוועקלייגן אונדזערע קריסטמעס מתנות, זיי זיַינען צו שיין אַף צו נוצן גלַייך איצט. איך האָב פאַרקויפט דעם זייגער און פאַרן געלט געקויפט דיר די קאַמען. און איצט שטעל צו די קאָטלעטן.

די צויבערער, ווי באַוווּסט זיַינען געווען קלוגע מענטשן. זיי פּלעגן ברענגען מתנות צו קינדער אין דער וויג. זיי האָבן צוגעטראַכט קריסט־מעס־פּרעזענטן. האָב איך געבראַכט צוויי נאַרישע קינדער, וועלכע האָבן גאָרניט קלוג מקריב געווען איינס פאַרן צווייטן די גרעסטע שאַצן וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט. נאָר פון אַלע מתנות זיַינען אָט־די צוויי די שענסטע, די סאַמע צויבערנדיקע.

צוויי בירגער אין טאָג פון „טהענקסגיווינג"

דער לעצטער דאָנערשטיק אין נאָוועמבער איז „טהענקסגיווינג", דער טאָג פון דאַנק, אַ העכסט אַמעריקאַנער יום־טוב.

סטאָפּי פּיט זיצט אַף אַ באַנק, באַם אַרײַנגאַנג צו יוניאָן־סקווער, פון מזרח־זײַט, אַנטקעגן פאָנטאַן. שוין נײַן יאָר, ווי ער זעצט זיך אין דעם טאָג פון „טהענקסגיווינג", פונקט איינס אַזייגער אַף דעם אָרט. ווײַל יעדער מאָל, ווען ער זיצט דאָ, אין דער צײַט געשעט עפּעס, וואָס מאַכט אָנשוועלן זײַן זשילעט איבערן האַרץ.

הײַנט גראָד האָט פּיט פאַרנומען דאָס דאָזיקע פּלאַץ מער פון געוווינהייט, איידער פון יערלעכן הונגער, ווי די צדקה־געבער דענקען וועגן דעם אויסגעצויגענעם אינטערוואַל פון די קבצנישע מאָגנס.

באַ פּיטן האָט איצט ניט געחלשט דאָס האַרץ. ער האָט נאָר וואָס פאַרדײַעט אַ סעודה, פון וועלכער עס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אַ שוויס, און ער האָט קוים געאָטעמט, אַזש ס'האָבן אים די אויגן אַרויסגעסטאַרטשעט. די קנעפּלעך, וואָס זײַנען צוגענייט געוואָרן מיט עמעצנס יום־טובדיקע פינגער זײַנען זיך צעפלויגן און צעשפּרייט אַף דער ערד. זײַן צעפּאָרענע העמד איז געווען אָפן. דער נאָוועמבער־ווינט מיט די שניי־פּעדערלעך האָט אים מערבדיק געקילט. און אוועקגענומען די איבעריקע קאַלאָריעס פון די אַרײַנגעשטאָפּטע אָיסטערס ביזן פלוימען־קוגל, אײַנגעשלאָסן געבראָטענעם אינדיק, געבאַקטע קאַרטאָפל, הון־סאַלאַט, מערן־צימעס און אײַז־קרעם. איז ער איצט געזעסן אַן אָנגעפּילטער און געקוקט מיט דער גלײַכגילטיקייט פון נאָך אַ מאָלצײַט.

די סעודה איז געווען אַן אומגעריכטע. ער איז פאַרבײַגעגאַנגען אַ רויט־ציגל בנין, באַם אָנהייב פינפטע עוועניו, וווּ ס'האָבן געוווינט צוויי לעידים פון אַן אַלטער משפּחה מיט לאַנג־יאָריקע מנהגים. זיי האָבן זיך

נישט אומגעקוקט אף ניו־יאָרק. דער דאַנק־טאָג איז אין זייערע אויגן געווען אַ יום־טוב פון דער סביבה פון וואַשינגטאָן־סקווער. איז געווען איינגעפירט באַ זיי אַוועקצושטעלן נאָכמיטיק דעם משרת באַם טויער און דעם ערשטן פאַרבייגייענדיקן אָרעמאַן אַרײַנרופן און אים אָנהאָדעווען וויפל ס׳וועט אין אים אַרײַן. פּיט איז גראָד דורכגעגאַנגען אפן וועג צום פּאַרק, האָט דער באַדינער מקיים געווען אף אים די מצווה פון זײַנע באַלעבאָסטעס.

נאָכן קוקן אַ צײַט אין איין ריכטונג, האָט פּיט געפילט אַ פאַרלאַנג אויסצוברייטערן זײַן זע־שטח. ער האָט מיט אַ היפּשער אָנשטרענגונג אויסגעדרייט דעם קאָפּ אין דער קעגנאיבערדיקער זײַט. זײַנע אויגן האָבן זיך אזש צעגלאָצט, זײַן אָטעם האָט זיך פאַרהאַלטן, די שפּיץ פּיס האָבן געשאַרט די אויסשיט־שטיינדלעך.

פּיט האָט דערזען זײַן אַלטן מכנים־אורח אָנקומען פון פערטער עוועניו גלײַך צו זײַן באַנק.

שוין נײַן יאָר קומט דער אַלטער מאַן אהער און געפינט סטאָפּין זיצן אף דער באַנק. דער ווילטעטיקער אַלטיטשקער האָט עם געמאַכט פאַר אַ מנהג: יעדן „טהענקסגיווינג״־טאָג, אין משך פון נײַן יאָר, האָט ער גע־נומען סטאָפּין אין אַ רעסטאָראַן און געהאַט הנאה פון אָנשטאָפּן אים מיט אַ גוטן, גרויסן מאָלצײַט. דאָס איז אַן אַמעריקאַנער מצווה־ - יום־טוב, און דער אַלטער, אַן אמתער פּאַטריאָט, האָט געהיט דעם מנהג געטרײַ.

ער איז געווען דאַר, הויך און אין די זעבציקער; געטראָגן שוואַרצע מלבושים און אַלטמאָדישע ברילן, וואָס האַלטן זיך ניט אף דער נאָז. זײַנע האָר זײַנען געווען ווײַסער און דינער פון לעצטן יאָר און ער האָט אויך געניצט זײַן שטעקן מיטן קרומען הענטל מער ווי אַמאָל. ער האָט געציטערט און זיך פאַרשטעלט פון ווינט.

ווען דער בעל־טובה איז צוגעקומען, האָט סטאָפּי אָנגעהויבן סאָפּען און ציטערן, ווי אַ קליין הינטל, ווען אַ גרויסער כלב גרײַפט אים אָן. די שנײ־פעדערלעך האָבן אזש געזאָטן אף זײַנע פאַרשוויצטע ווײַעס. ער האָט געוואָלט אַ פּלי־טאָן צו אים, נאָר זײַן באַמיִונג האָט נישט געקלעקט אויפ־צוהייבן אים פון דער באַנק. דער שליח פון די צוויי לעידים האָט זײַן חוב געטאָן בשלמות.

— גוט מאָרגן, — האָט זיך אָנגערופן דער אַלטער. עס טוט מיר הנאה צו זען, אַז די פּאַסירונגען פון פאַרגאַנגענעם יאָר האָבן אײַך גע־שפּאָרט דאָס געזונט צו געניסן פון דער שײנער װעלט. צוליב דעם טאָקע איז דער דאַנק־טאָג געשאַפן פאַר איטלעכן פון אונדז. אויב איר װילט גײן מיט מיר, װעל איך אײַך אָן אויפנעמען מיט אַן אָנבײַסן, צו באַפעסטיקן אַף װײַטער אײַער קערפּער, װי אויך די נשמה.

דעם דאָזיקן מזמור פלעגט דער מכנים־אורח איבערחזרן יעדן „טהענקסגיװינג" אין משך פון נײַן יאָר שוין. די װערטער אַליין זײַנען געװאָרן אַ חוב, עלעהיי די „דעקלאַראַציע פון אומאָפּהענגיקײט". פריִער פלעגט דער פּסוק קלינגען אין סטאָפּיס אויערן װי מוזיק. אַצינד אָבער האָט ער געקוקט אין יענעמס פּנים מיט אַנגסט־טרערן.

פּיט פלעגט זיך װוּנדערן, װאָס די שטים פון זײַן בעל־טובה קלינגט טרויעריק, ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז יענער האָט געבענקט נאָך אַ זון, װעלכער זאָל אים פאַרבײַטן נאָך זײַן אָפּשייד פון דער װעלט, און זאָל זײַן בכוח צו שטײן פאַר סטאָפּיס נאָכפאָלגער און זאָגן: „אין אָנ־דענק פון מײַן פאָטער לאַד איך אײַך" — — —

אָבער דער בעל־צדקה האָט קײן קרובים ניט געהאַט. ער האָט גע־װוינט אין אַ געדונגענער דירה, אין אַ ברוין הויז, אַף דער מזרח־זײַט פון סקװער. װינטער פלעגט ער זיך באָדן בײַ בלומען־ פּרילינג — געמאַר־שירט אין איסטער־פּאַראַד. זומער — געװוינט אַף אַ פאַרם, אין ניו־דזשורזי און זיך געהוידעט אין אַ שאָקל־שטול. האַרבסט האָט ער געהאָ־דעװעט סטאָפּין מיט אַ יום־טובדיקער סעודה.

סטאָפּי פּיט האָט אַ האַלבע רגע געקוקט אין בעל־טובהס אויגן פול מיט דאגה און רחמנות צו זיך אַליין. יענעמס בליקן האָבן געשײַנט מיטן תענוג פון געבן. זײַן געזיכט טאָקע מער געקנײטשט, אָבער דאָס קלײנע שװאַרצע האַלדז־בענדל איז אויסגעקניפּט גלאַט װי שטענדיק, דאָס װעש װײַבער, און די װאָנצעס פאַרבויגן אַרויפצו.

פּיט האָט אַ מורמל געטאָן, װי דער רויש פון בעבלעך אין טעפּל. און װײַל דער מכנים־אורח האָט געהערט דעם שאַרך שוין נײַן מאָל, האָט ער עס אָנגענומען פאַר סטאָפּיס צושטימונג.

— אַ דאַנק, מײַן הער. איכל גײן מיט אײַך. זײער דאַנקבאַר. איך בין זײער הונגעריק, סער.

די תמעוואטקייט פון אן איבערגעפולטן מאגן האט ניט אפגעטויט אין סטאפין די איבערצייגונג, אז ער איז א פונדאמענט פון א פעסטן מנהג, אז זיין אפעטיט איז ניט געווען זיינער אליין, נאר געהערט, מיט די רעכט פון א הייליקן מנהג, צו דעם איידעלן אלטינקן, וועלכער האט עס מקיים געווען· אמת, אמעריקע איז פריי. נאר כדי איינצושטעלן א מנהג, מוז זיין עמעצער, וועלכער זאל עס ווידערהאלן, איינוואָרצלען.

דער דזשענטלמאן האט געפירט זיין יערלעכן אורח צו דעם רעסטאָראן און טיש אפילו, ווו די סעודה קומט כסדר פאר. מ'האט זיי דערקענט.

— אט גייט דער אלטער מיט זיין שטענדיקן גאסט אף „טהענקסגי־ווינג", — האט געזאגט א קעלנער.

דער בעל־מצווה האט זיך געזעצט קעגן טיש און געלויכטן ווי א פור־רים־קוילעטש, זעענדיק ווי דער מזבח פון איינגעפונדעוועטער טראדיציע ווערט אנגעפראפט מיט כל־טוב. און סטאפי מיט א קרעכץ, וואס איז בטעות פארעכנט געווארן אלס סימן פון הונגער, האט זיך באוואפנט מיט גאפל־מעסער און געשניטן פאר זיך שטיקער פון דער נצחון־קרוין.

קיין העלד האט אזוי ניט דורכגעבראכן א וועג דורכן שונאס רייען: אינדיק, קאטלעטן, זופן, גרינסן, צימעסן, קוגלען זיינען אנטרונען אזוי שנעל, ווי זיי זיינען געגרייט געווארן. כאטש אנגעשטאפט פון פריער, האט ער אויסגעהאלטן ווי א דזשענטלמאן, צוזעענדיק דעם תענוג, וואס דער בעל־שמחה האט גענאסן. פון זיין ספראווען זיך מיט די מעדני־מלך, און ניט געלאזט יענעם אנקוועלן אומזיסט.

אין א שעה ארום האט סטאפי זיך אנגעשפארט אף צוריק, נאכן גע־וווּנענעם געראנגל.

— א שיינעם דאנק, סער, — האט ער ארויסגעלאזן פון זיך א דאמף־רער;, „א דאנק פאר א הארציקער סעודה".

דערנאך האט ער שווער אויפגעהויבן זיך מיט גלעזערנע אויגן און זיך געלאזט אין קיך אריין. דער קעלנער האט אים אויסגעקערעוועט ווי א דריידל און אנגעטייטלט צו דער טיר. דער מכניס־אורח האט אויסגעצאלט א דאלער מיט דרייסיק און נאך דריי ניקלס פארן קעלנער·

זיי האבן זיך צעשיידט ווי יעדער יאר; דער אלטער צו דרום און סטאפי — קיין צפון.

באַם ראָג האָט סטאָפּי זיך אויסגעדרייט, געשטאַנען אַ מינוט, דאַן האָט ער אָפּגעשטויסן זײַנע מלבושים פון זיך, ווי אַ פויגל די פעדערן און האָט אַ פאַל געטאָן צו דער ערד, ווי פון זון־שלאָג אַ פערד.

דער אַמבולאַנס־דאָקטער און דער טרײַבער האָבן זיך געזידלט אי־בער סטאָפּיס וואָג. קיין אַלקאָהאָל ריח האָט זיך נישט געהערט, מ׳זאָל אים דאַרפן נעמען אין אַרעסט־הויז. איז ער מיט זײַנע צוויי סעודות אָפּגע־פירט געוואָרן אין שפּיטאָל, מ׳האָט אים געלייגט אין אַ בעט, מיט דער האָפענונג, מ׳זאָל דאַרפן נוצן אָף אים דאָס מעסער.

און הערט! אין אַ שעה אַרום האָט אַ קראַנקן־וואָגן געבראַכט דעם אַלטן בעל־שמחה. ער איז אַוועקגעלייגט געוואָרן אין אַ צווייטן בעט אונ־טערן חשד פון אַפּענדיסיטיס.

אַ יונגער דאָקטער, וועלכער האָט גערעדט צו אַ שיינער בלוי־אויגי־קער קראַנקן־שוועסטער, האָט דערציילט מיט חידוש:

— „ווער איר גלייבן? דער אַלטער איז געפאַלן פון הונגער! ער שטאַמט פון אַן אַמאָליקער גאָוהדיקער משפּחה. ער האָט זיך מודה געווען, אַז שוין דרײַ טעג ווי ער האָט אין זײַן מויל ניט געהאַט“.

סאָפּיס מזל

סאָפּי האָט זיך אומרויִק געדרייט אַף דער באַנק, אין מעדיסאָן סקווער. ווען ווילדע גענדז פליִען הויך אין די נעכט, ווען פרויען אָן פוטערס ווערן נענטער צו זייערע מענער, און ווען סאָפּי באַוועגט זיך אָן רו אַף זײַן פּאַרק־באַנק, — איז אַ סימן, אַז דער ווינטער רוקט זיך אָן.

אַ געלער בלאַט איז אַראָפּגעפאַלן אין סאָפּיס באַזוך, דאָס איז געווען זיידע־פּראָסטס אָנזאָג צו די כּסדרדיקע שכנים פון סקווער און אַ וואָרנונג וועגן זײַן באַזוך.

סאָפּיס מוח האָט באַנומען דעם פאַקט, אַז ס'איז צײַט אונטערצונעמען עפּעס וועגן דער אָנקומענדיקער צרה. דערפאַר דרייט ער זיך איצט אַזוי אַף זײַן זיץ.

סאָפּיס ווינטערונג־פאַרלאַנגען זײַנען ניט געווען פון די גרויסע. ניט קיין מחשבות וועגן ים־רײַזעס צו די באַרויִקנדיקע דרום־הימלען, אָדער וועגן טובלען זיך אין וועזוווי־אײַנגוס. דרײַ חדשים אפן אינדזל איז געווען זײַן נשמה־באַגער. דרײַ מאָנאַטן זיכערע קעסט און געלעגער אין אַ פרײַנטלעכער סביבה, באַשיצט פון די צפון־ווינטן און „בלויע רעק" — איז געווען אַלץ וואָס סאָפּי האָט פאַרלאַנגט.

יאָרנלאַנג איז דער גאַסט־פרײַנטלעכער בלעקוועל אינדזל*) געווען זײַן ווינטער־אכסניה. פּונקט ווי זײַנע מער מזלדיקע ניו־יאָרקער פרײַנט האָבן געקויפט בילעטן קיין פלאָרידע, צי קאַליפאָרניע, אַזוי האָט סאָפּי געגרייט זיך צום יערלעכן ווינטער־סעזאָן אפן אינדזל. איצט איז שוין מאָקע צײַט. פאָריקע נאַכט האָבן די דרײַ זונטיק־בלעטער, אויסגעבעטע אונטער זײַן מאַנטל ביז די קנעכל — נישט באַוויזן צו פאַרטרײַבן די

---

*) אַ טורמע אין ניו־יאָרק.

קעלט, ווען ער איז געשלאָפן אַף זײַן באַנק, נעבן דעם פאָנטאַן אַפן אַלטן סקווער. דעריבער איז דער בלעקוועל־אינדזל אויסגעוואַקסן אַזוי גרויס אין סאָופּיס געדאַנקען, ס'זײַנען אים נמאס געוואָרן די צדקה־נאַכטלעגערס פאַר די שלעפּער. ס'זײַנען געווען אַ סך שטאַטישע און קהלשע ערטער, וווּ ער וואָלט געקענט באַקומען דירה און שפּײַז, נאָר פאַר די צדקה־טובות מוז מען צאָלן: — אויב נישט מיט געלט, איז מיט בזיונות פאַר יעדן געשענקטן ביסן. דערפאַר איז שוין בעסער זײַן אַ גאַסט באַם „געזעץ". כאָטש ער האַלט זיך בײַ שטרענגע כללים — קריכט ער דיר נישט אַרײַן אין די ביינער, טרעט ניט אַף דײַן נשמה.

קוים האָט סאָופּי באַשלאָסן גיין אַפן אינדזל, האָט ער זיך גענומען גרייטן.

ס'זײַנען געווען גענוג דרכים דערצו. דער בעסטער איז — אָפּצועסן אין אַ פײַנעם, טײַערן רעסטאָראַן, דאַן — דערקלערן זיך ניט צאָל־פּעיִק, שטיל, אָן גערודער, איבערגעגעבן ווערן צו אַ פּאָליסמאַן, און דער ריכטער וועט שוין טאָן דאָס איבעריקע.

סאָופּי האָט פאַרלאָזט זײַן באַנק, אַרויסגעשפּאַנט פון פּאַרק און מיטן גלאַטן אַספאַלט אַריבער אַהין, וווּ בראָדוועי און פינפטע עוועניו טרעפן זיך. אַרויף מיט בראָדוויי האָט ער זיך פאַרהאַלטן לעבן אַ פינקלדיקער קאַפע, פון וועלכער ס'האָבן דורך די פענצטער אַרויסגעשײַנט די בעסטע פליישן, פישן און פרוכטן.

סאָופּי איז געווען זיכער מיט זיך, אָנהייבנדיק פון לעצטן זשילעט־קנעפּל אַרויפצו. ער איז געווען אָפּגעגאָלט, זײַן מאַנטל דערטרעגלעך, און זײַן גלאַטער, שוואַרצער שניפּס נישקשהדיק, אַ מתנה פון עפּעס אַ וווילטעטיקער מאַדאַם. ער זאָל נאָר קענען געפינען אַ טיש אין רעסטאָראַן, וועט שוין זײַן גאָר גוט. זײַן האַלטונג באַם טיש וועט געווים ניט אַרויסרופן קיין חשד באַם קעלנער. אַ געבראָטענע געפּילטע קאַטשקע, גלייבט סאָופּי, זאָל זײַן דאָס הויפּט געריכט. דערצו אַ פלאַש גוטן שאַבליווײַן, דערנאָך אַ שטיקל קאַמעמבער־קעז אַ טעפּעלע געשמאַקע שוואַרצע קאַווע און אַ ציגאַר. איין דאָלאַרדיקער ציגאַר וועט זײַן גענוג. דער סך־הכל וועט ניט זײַן אַזוי הויך אַרויסצורופן אַ באַזונדער צאָרן און שטראָף באַם הויפּט־קעלנער. דאָס פלייש וועט אים מאַכן זאַט און צופרידן, גרייט צו דער רײַזע אַף זײַן ווינטער־קוואַרטיר.

אָבער ווי נאָר סאָופי האָט אַוועקגעשטעלט דעם פוס אַף דער שוועל פון רעסטאָראַן, האָט דער הויפּט־קעלנער גלײַך געוואָרפן אַ בליק אַף זײַנע צעקנייטשטע הויזן און צעשקראָבעטע שיך. אַ פּאָר שטאַרקע הענט האָבן אים גלײַך געטאָן אַ דריי אויס, אַרויסגעפירט אַפן טראָטואַר און אַפילו ניט דערלאָזט אים אומקוקן זיך אַף די אויסגעחלומטע פּאָטראַוועס.

סאָופי האָט זיך, פּאַרקירעוועט צוריק פון בראָדוויי. דאָס האַרץ האָט אים שוין געזאָגט, אַז דער וועג צום געהאָפטן וועט ניט זײַן קיין לײַכטער. מ׳דאַרף צוטראַכטן אַן אַנדער שטעג אין חד־גדיא אַרײַן.

באַם ווינקל פון זעקסטער עוועניו האָט די עלעקטריק באַלויכטן אַ געשליפענע שויב פון אַ פענצטער באַלייגט מיט סחורות, האָט סאָופי גענומען אַ היפּשן שטיין און אַרײַנגעקנאַקט אים דורכן גלאָז. ס׳איז זיך באַלד צונויפגעלאָפן אַן עולם מיט אַ פּאָליצמאַן פאָרויס. סאָופי איז זיך געשטאַנען ווי ניט אים מיינט מען, מיט די הענט אין די קעשענעס און געשמייכלט צו די מעשענע קנעפּ.

— ווער האָט עס געטאָן? ווו איז ער?

— ווערסט אפשר מיך וועלן חושד זײַן? — האָט סאָופי געזאָגט שטעכעדיק גאָר פרײַנטלעך, ווי איינער וואָס איז צופרידן מיט אַ גוטן אויפטו.

יענעם איז אַפילו אַפן געדאַנק ניט געקומען חושד צו זײַן סאָופן: שויבן־ברעכער בלײַבן נישט שטיין שמועסן מיט דער מאַכט; זיי אַנטלויפן געוויינלעך. און באַמערקנדיק ווי איינער לויפט צום טראַמוואַי, האָט ער מיט אַן אויפגעהויבענעם שטעקן זיך גענומען יאָגן נאָך אים. סאָופי איז געבליבן אַן אַנטוישטער: שוין צוויי מאָל דורכגעפאַלן.

אַנטקעגן איז געווען אַ רעסטאָראַן אָן גרויסע פּרעטענזיעס. זײַנע באַזוכער האָבן פאַרמאָגט היפּשע אַפעטיטן מיט מאָגערע קעשענעס... אַהער איז סאָופי אומגעשטערט אַרײַן אין זײַנע שיך מיט אָפענע מײַלער און באַשולדיקנדיקע הויזן. ער איז געזעסן בײַ אַ טיש און געשלונגען ביפשטעקס, צימעס, קיכלעך און קוגל. דערנאָך האָט ער אויפגעדעקט פאַרן קעלנער דעם פאַקט, אַז די קלענסטע מטבע און ער — זײַנען ניט קיין פּאָר.

— מאַך עס שנעל, רוף אַ קנעפּל — האָט סאָופי געזאָגט, — און לאָז אַ מענטשן נישט וואַרטן.

— וועסט זיך באדרייען אַן אים — האָט דער קעלנער געזאָגט מיט אַ שטים, ווי פּוטער־קיכלעך און אויגן ווי קאַרשן פון אַ מאַנהעטן קאָקטעיל.

פלינק, מיטן אויער אַפן שטעכעדיקן טראָטואַר האָבן צוויי קעלנער אַ שלייַדער געטאָן סאָופּין. ער האָט זיך אויפגעהויבן גלידערווייַז, און אָפּגעפּראָשעט דעם שטויב פון די קליידער. שלעכט: אַן ארעסט האָט אָנגעהויבן אויסקוקן ווי אַ ווייַטער טרוים. אַ היטער, וואָס האָט צוגעזען פון ווייַטן, ווי מ'האָט סאָופּין אַרויסגעשטויסן, האָט אַ לאַך געטאָן און איז אַוועק.

סאָופּי האָט זיך געשלעפּט פינף בלאָק ביז דער יצר־הרע האָט זיך אין אים ווידער דערוועקט. דאָס מאָל האָט דער צופאַל צוגעשאַרט אַ געלעגנהייַט, וואָס איז געווען ממש ווי אַ האָר פון דער מילך. אַ יונגע פרוי איז געשטאַנען פאַר אַ וויטרינע און געקוקט אַף די אויסגעשטעלטע חפצים מיט גרויס אינטערעס. צוויי שפּאַן פון פענצטער איז אַ שומר געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אַף אַ וואַסער־טומבע.

סאָופּי האָט באַשלאָסן צו שפּילן אַ ראָל פון אַ חוצפּהניק. דער איידעלער אויסזען פון זייַן קרבן און דער שטרענגער קוק פון דעם פּאָליצמאַן האָבן אים דערמוטיקט צו האָפן, אַז אָט דערפילט ער באַלד אַ פעסטע האַנט, וואָס וועט אים פאַרזיכערן אַ ווינטער־וואַקאַציע אַף דעם קליינעם, שיינעם אינדזל.

סאָופּי האָט אויסגעגלעט דעם געשענקטן באַנטיק, אַרויסגעצויגן די צעריבענע מאַנקעטן פון די אַרבל, פאַררוקט דעם קאַפּעליוש אַף אַ זייַט און צוגעשאַרט זיך נענטער צו דער יונגער דאַמע. ער האָט גענומען וואַרפן אייגעלעך, געהוסט כלומרשט, געשמאָרעט מיט דער נאָז, געשמייכלט — אויסצוזען עזותדיקער. מיט אַ האַלב אויג האָט סאָופּי געזען, אַז דער שומר קוקט אים נאָך. די פרוי האָט זיך אָפּגערוקט אַביסל און ווידער געקוקט אַף די אַנטיקן אין פענצטער. דער חוצפּהניק האָט זיך נאָכגערוקט, אַראָפּגעצויגן זייַן הוט און געזאָגט:

„העלאָ, מיידל! וואָלסטו נישט וועלן קומען שפּילן זיך אין מייַן **הויף?"**.

דער פּאָליצמאַן האָט אַלץ געקוקט. די יונגע פרוי וואָלט נאָר געדאַרפט געבן אַ ווונק, אַ ריר טאָן מיט אַ פינגער, און סאָופּי וואָלט געווען אַפן וועג צו זייַן אינדזל־גן־עדן. ער האָט זיך שוין פאַרגעשטעלט, ווי ער

פילט די ווארעמקייט פון ארעסט־הויז. די יונגע פרוי האָט אָבער אַ קוק געטאָן צו אים און אים אָנגענומען באַם אָרבל.

„אוודאי, מאַיק", האָט זי געזאָגט פריילעך. „ווען סטו מיך מכבד זיַין מיט ביר? איך וואָלט שוין פריִער געווען געדעט צו דיר, נאָר דער בלויער ראָק האָט געהיט".

מיט דער מיידל אונטער דער האַנט איז סאָופי פאַרבייגעגאַנגען דעם אָנגעבלאָזענעם קנאַפּ, ער האָט זיך געפילט ווי פאַרמשפּט צו... פריַיהייט.

באַם צווייטן ראָג האָט ער זיך אָפּגעטרייסלט פון זיַין באַגלייטערן און איז אַוועק. ער האָט זיך ווידער פאַרהאַלטן אַף איינער פון די ליכטיקסטע גאַסן ווו ס'גייען אַרום די ליַיכטסטע הערצער. פרויען אין פוטער־מאַנט־לען, מענער אין ווארעמע קליידער האָבן זיך פריילעך באַוועגט אין דער קאַלטער לופט. אַ שרעק האָט אָנגעכאַפּט סאָופין, אַז עפּעס ווי אַ כּשוף־שטערט אים אַרעסטירט צו ווערן. ווען ער האָט דערזען אַ גרויסן פּאָלי־צמאַן שטייענדיק אָנגעשפּאַרט באַ אַ גרויסאַרטיקן טעאַטער, האָט ער זיך אָנגעכאַפּט ווי אין אַ שטרוי פאַר דער מעגלעכקייט פון „אומאָרנט־לעכער אויפפירונג". סאָופי האָט אָנגעהויבן שריַיען, זידלען ביז הייזעריק ווערן. ער האָט געטאַנצט, געדעוועט און געשטערט די פאַרבײַגייער.

דער פּאָליצמאַן האָט אָבער געדרייט מיטן שטעקן, זיך אויסגעקערע־וועט מיט דער פּלייצע צו סאָופין און געזאָגט צו אַ בירגער:

„דאָס איז מסתמא אַ קאָלעדזש־סטודענט. זיי מאַכן אָפּט אַזעלכע טומלדיקע שטיק. אָבער ניט געפערלעך. מ'האָט אונדז געהייסן לאָזן זיי צורו".

אַן אַנטוישטער האָט סאָופי אויפגעהערט קאָמאַנדעווען אומזיסט. וועט דאָס געזעץ טאָקע קיינמאָל נישט לייגן די האַנט אַף אים? אין זיַין פאַנטאַזיע האָט זיך דער אינדזל שוין פאָרגעשטעלט ווי אַן אומדערגרייכ־באַרער גליק. ער האָט ענגער פאַרשפּיליעט זיַין דינעם אויבעררעקל קעגן קאַלטן ווינט.

אין אַ ציגאַר־געשעפט האָט ער דערזען אַ פיַין געקליידטן מאַן פאַר־רויכערן אַ ציגאַר באַ אַ גאַז־ליכטל. דעם זיידענעם שירעם האָט ער אָנגע־שפּאַרט באַם אַריַינגאַנג. סאָופי איז צוגעקומען, געלייגט די האַנט אַפן שי־רעם און איז פּאַמעלעך אַרויסגעגאַנגען. דער מאַן מיטן ציגאַר איז שנעל גאָך:

—היי, מײַן שירעם!", האָט ער בײז אויסגערופן.

— הא, טאַקע? — האָט זיך סאָופי אַ קרים געטאָן מיט אַ באַליי־דיקנדיקן טאָן, ווי אַ הוספה צו דער גנבה — יאָ, איך האָב צוגענומען דײַן שירעם, איז פאַרוואָס רופסטו ניט אַ קנעפּל? אָט שטייט דאָרט איינער אַפן ראָג.

דער שירעם־אייגנטימער איז אײַנגעשטילט געוואָרן. סאָופין האָט דאָס האַרץ געזאָגט, אַז אויך דאָס מאָל שפּילט אים ניט דאָס מזל. דער פּאָליצמאַן האָט פון ווײַטנס געקוקט אַף זיי ביידן.

— נו, מילא, האָט געזאָגט דער מאַן פון דעם שירעם, — עס טרעפן זיך טעותן, הע, הע. אויב ס'איז אײַער שירעם וועט איר מיר, האָף איך, פאַרגעבן. איך האָב אים גענומען הײַנט אין אַ רעסטאָראַן. אויב איר דערקענט, אַז דער שירעם איז אײַערער, איז הע, הע, האָפנטלעך... איר וועט..."

— געווים איז ער מײַנער — האָט סאָופי געענטפערט מיט עזות.

דער מאַן האָט זיך צוריקגעצויגן, דאָס קנעפּל איז געווען פאַרנומען מיט העלפן אַ בלאָנדער דאַמע אַריבערגיין דעם וועג, מער ניט.

סאָופי איז געגאַנגען דורך אַ גאַס, וואָס איז געווען צעלעבערט מיט גריבער. האָט ער אַרײַנגעוואָרפן דעם שירעם און געמורמלט מיט פאַר־דראָס קעגן דער פּאָליציי: גראָד ווען ער וויל אַרײַנפאַלן אין זייערע לאַ־פּעס, באַהאַנדלען זיי אים ווי אַ קעניג, וועלכער קען גאָר קיין שלעכטס ניט באַגיין.

לסוף איז סאָופי אַרײַן אין אַ גאַס, ווּהין דער גלאַנץ און טומל פון די הויפּט־עוועניוס האָט קוים דערגרייכט. ער האָט זיך געלאָזט גיין צום מעדיסאָן סקווער, צו זײַן „היימישער" פּאַרק־באַנק.

באַ אַ גאָר שטילן ראָג האָט זיך סאָופי אָפּגעשטעלט. פון אַן אַלטן קלויסטער דורך אַ בלוי פענצטער האָבן זיך דערטראָגן די קלאַנגען פון אַן אָרגאַן. די מוזיק האָט צוגעצויגן סאָופין צום אײַזערנעם פּלויט. די לבנה האָט געשײַנט, אָרום, איז געווען שטיל, פייגעלעך האָבן שלעפעריק זיך איבערגערופן. די מוזיק טענער האָבן דערמאָנט סאָופין אין די טעג, ווען ער האָט נאָך פאַרמאָגט טאַטע־מאַמע, פרײַנט און . . .

עפּעס האָט זיך געביטן אין סאָופיס האַרץ. ער האָט מיט גרויל דער־זען דעם אָפּגרונט, ווּהין ער איז פאַרקראָכן, די דערנידעריקע טעג,

ווערטלאָזע פאַרלאַנגען, טויטע האָפענונגען און וויסטע באַגערן, וועלכע האָבן אָנגעפילט זײַן עקזיסטענץ.

אין אַ רגע האָט זײַן נשמה אויפגעציטערט מיט אַ נײַעם ווילן. אַ פלוצעמדיקער שטאַרקער געפיל האָט זיך גענומען ראַנגלען אין אים קעגן זײַן ביטערן גורל. ניין! ער מוז זיך אַליין פאַר די אויערן אַרויסשלעפּן פון דעם גיהנום. ער וועט גובר זײַן דאָס בייז וואָס געוועלטיקט איבער אים. ס'איז נאָך דאָ צײַט. ער איז נאָך גענוג יונג. ער וועט אין זיך דערוועקן די אַמאָליקע אַמביציעס, און זיי פאַרווירקלעכן. מאָרגן נאָך וועט ער אוועק דאַון־טאַון זוכן אַרבעט. אַ מאָן האָט אים אַמאָל פאַרגעלייגט ווערן זײַן שאָפער. ער וועט אים אָפּזוכן און בעטן די אַרבעט. ער וועט ווידער ווערן אַ מענטש. ער וועט...

סאָופי האָט דערפילט אַ האַנט אויף זײַן אָרעם. ער האָט שנעל אַ בליק געטאָן אַ פּאָליצמאַן אין פּנים אַרײַן.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט יענער געפרעגט.

— גאָרנישט, — האָט סאָופי געענטפערט.

— קום־זשע מיט מיר, — האָט דער פּאָליצמאַן געזאָגט.

— דרײַ חדשים אויפן אינדזל, — האָט אויף מאָרגן געפסקנט דער פּאָליצײ־ריכטער.

קאַבאַלעראָס וועג

דער יונג קיסקאָ האָט דערהרגעט זעקס אין מער וויניקער ערלעכע סכסוכים; צוויי מאָל אַזוי פיל (מעקסיקאַנער) פשוט געשיקט אַף יענער וועלט און אַ גרעסערן סכום וואָס ער האָט פאַרפעלט צוּ צאָלן. דערפאַר האָט אַ פרוי זיך אין אים פאַרליבט.

דער מוצלח איז אַלט געווען פינף און צוואַנציק, אויסקוקנדיק מיט פינף יאָר ייִנגער; אַ פאַרזיכערונג־געזעלשאַפט וואָלט אָפּגעשאַצט זײַן פגירה צו זעקס און צוואַנציק.

דעם יונגס מלוכה האָט זיך געשפּרייט צווישן פריאָ און ריאָ־גראַנדע. די רציחות איז ער באַגאַנגען — ווײַל ער האָט געהאַט אַ בליציקן טעמפּעראַמענט: אויסצומײַדן אַרעסט, פאַר לוסט און — גלאַט אַזוי. ער האָט זיך תמיד אויסגעדרייט, וואָרעם מיט איין זעקסטל פון אַ רגע האָט ער געשאָסן שנעלער פון יעדן פּאָליציי שעריף און רענדזשער. אויך ווײַל ער האָט געריטן אַף אַ פלינק, געפּינטלט ברוין־גרוי פערד, וואָס האָט געווּסט יעדער שפּאַרונע אין געדיכטן וואַלד פון סאַן אַנטאָניע.

טאָניע, די מיידל, וואָס האָט זיך פאַרליאַפּעט אין בוחר קיסקאָ, איז געווען חצי קאַרמעק און חצי מאַדאָנע; דאָס איבעריקע, אַ זינג־פייגעלע. געוווינט האָט זי אין אַ גראָז־באַדעקטן ערד־שטיבל אין אַ קליינעם מעקסיקאַנישן ישוב, באַם וואָלף־קרײַץ פון פריאָ. מיט איר איז אויך געזעסן אַ פאָטער, צי אַ זיידע פון אַצטעקן־דור, עפּעס וויניקער ווי טויזנט יאָר אַלט. ער האָט געפּאַשעט אַ מאה ציגן און געווען אין שטענדיקן שכרות־חלום פון טרינקען מעסקאַל. אונטער זייער קוליבע האָט זיך געצויגן אַן אוראַלטער וואַלד מיט ביימער ווינציקסטן צוואַנציק פוס הייך און דערגאַנגען ביזן טיר. טאָקע דורך דאַנען פלעגט דער פאַרדאַכט ברענגען דעם יונגן זײַן מיידל. און איינמאָל, טוליענדיק זיך ווי אַ יאַשטשערקע צום גרע־

נעץ־סלופּ איבערן גראָז — געדעקטן דאַך, האָט ער געהערט ווי דאָס זינג־פייגעלע, זײַן טאָניע, האָט געלייקנט שטיין און ביין וועגן איר אויפנעמען בײַ זיך דעם מערדער קיסקאָ אַף איר לשון פון שפּאַניש־אַמעריקאַניש.

איין טאָג האָט דער אַדיוטאַנט־גענעראַל פון שטאַט, וועלכער איז אויך געווען דער קאָמאַנדיר פון די רענדזשער־קרעפטן, געשריבן אַ סאַרקאַסטיש בריוול צו קאַפּיטאַן דאָוואַל פון קאָמפּאַניע מכוח דעם רויִקן אומגע־שטערטן קיום פון רוצחים און אויסוווּרפן אין זײַן טעריטאָריע.

דעם באַאַמטנס פּנים האָט באַקומען אַ ציגל־שטויב־קאָליר, און ער האָט גלײַך איבערגעשיקט דעם קאָמוניקאַט מיט אַן אייגענעם פּירוש צום רענדזשער עלטסטן, ביל אַדאַמסאָן, איבערצוגעבן צום געהילף סאַנד־רידזש מיט אַ באַפעל אײַנצושפּאַנען אַ סקוואַד פון אַזויפיל און אַזויפיל אווּעקצושטעלן דאָס געזעץ אין אָרדענונג.

לייטענאַנט סאַנדרידזשס צורה איז געוואָרן חנוודיק־ראָז אַנשטאָט זײַן שטרוי־קאָליר; ער האָט אַרײַנגעשטעקט דעם פּאַפּיר אין קעשענע און אָפּגעבימן אַ שטיק וואָנצע.

אַף מאָרגן פרי האָט ער אָנגעזאָטלט זײַן פערד און אַוועקגעריטן צום מעקסיקאַנישן גרענעץ באַם וואָלף־קרייץ צוואַנציק מײַל ווײַט.

הייך זעקס פוס צוויי, בלאָנד און שטיל ווי אַ גײַסטלעכער, סכנהדיק ווי אַ מאַשין־ביקס איז סאַנדרידזש אַרומגעגאַנגען די באַטעס צו דער־שנאַפּן נײַעס וועגן יונג קיסקאָ.

מער נאָך ווי די מאַכט האָבן די מעקסיקאַנער געשווידערט פאַר דער קאַלטער מוראַדיקער נקמה פון דעם געזוכטן, בײַ וועמען ס'איז געווען אַ צײַט־פאַרטרײַב צו זען מעקסיקאַנער אין גסיסה. זיי האָבן געציטערט פאַר זײַן דוך. יעדער פון זיי האָט דעריבער מיט אויפגעהויבענע ברעמען און אָנגעצויגענע אַקסלען אָנגעפילט די לופט מיט הכחשות, פאַרלייקענונג פון עפּעס ידיעות וועגן קיסקאָן.

בלויז דער קרעמער, פינק, וואָס האָט געהאַלטן אַ קלייט באַם קרײַץ־וועג, האָט געזאָגט סאַנדרידזשן: „אומזיסט די טרחה, צו פרעגן די מעק־סיקאַנער. זיי פלאָטערן. דער יונגאַטש, מיטן ריכטיקן נאָמען גודאָל, (ניט אמת?) איז געווען אין מײַן קראָם אַ פּאָר מאָל. כ'גלייב, איך קענט אים גע־פינען... נאָר ס'טויג מיר אויך ניט קריכן. כ'בין אַף צוויי סעקונדן צוריק שטייענדיק אין ציִען אַ שפּײַער, איידער אַמאָל און איבער דעם אונטער־

שייד דאַרף מען צוויי מאָל טראַכטן. דער חברהמאַן האָט אַ האַלב מעק־סיקאַנער געליבטע, וועמען ער קומט זען. זי וווינט אין אַ געצעלט, אַ הונ־דערט שפּאַן פון וואָלף־קרײַץ באַם ברעג וואַלד. אפשר זי ווײַט... נאָר כ׳גלויב נישט, אָבער סײַ־ווי, סלווינט זיך אונטערקוקן באַ יענעם מקום.

סאַנדרידזש איז צוגעפאָרן צו דער ערד־לאָך. די זון איז געשטאַנען נידעריק, און גרויסע שאָטנס פון די וואַלד־ביימער האָבן פאַרטונקלט דעם גראָז־דאַך. די ציגן זײַנען שוין פאַרשפּאַרט געווען אַף דער נאַכט. נאָר אַ פּאָר יונגינקע ציגעלעך האָבן ארומשפּאַצירט, ציפּנדיק בלעטלעך. דער אַלטער מעקסיקאַנער איז געלעגן אַף אַ קאָלדרע אַפּן גראָז, פאַרטשאַדעט פון מעסקאַל און געדרעמלט. אין טיר איז געשטאַנען טאָניע. סאַנדרידזש איז געזעסן אין זאָטל און אַף איר געקוקט.

דער יונג קיסקאָ איז געווען אַ קליין, נישטיק מענטשל, ווי אַלע גע־פערלעכע רוצחים. זײַן האַרץ וואָלט ארויסגעשפּרונגען, ווייסנדיק, אַז צוויי מענטשן, וועמענס מוחות ער האָט געבויערט, האָבן מיט אַ פּשוטן איבער־קוקן זיך פאַררוקט אים אין אַ ווינקל.

אַזאַ מאַן האָט טאָניע נאָך נישט געזען, ווי געשאַפן פון זון־ליכט, בלוט־רויטע, דורכזיכטיקע הויט. זײַן שמייכל ווי דער זון־אויפגאַנג האָט פאַרטריבן די וואַלד־שאָטנס. די מענער, וועמען זי האָט געקאַנט, זײַנען געווען טונקל און נידעריק געוואַקסן. אפילו דער חתן איז ניט געווען העכער פון איר, מיט שוואַרצע, גלאַטע האָר און אַ קאַלט, שטיינערן פּנים וואָס פרירט דעם מיט־טאָג.

טאָניע אָבער וואַרעמט און דערהויבט דאָס געמיט. אירע בלוי־טונ־קעלע האָר, גרויסע, מעלאַנכאָלישע אויגן האָבן איר געגעבן אַ מאַדאָנע־אויסזען. אירע באַוועגונגען, תנועות, האָבן ארויסגעבראַכט דעם באַהאַל־טענעם פײַער און צויבער — אַ ירושה פון גיטאַנאַ־שייוועט פון באַס־קער געגנט. דער זינג־פייגעלע־טאָל האָט געגעסטעט טיף אין איר האַרץ און אַ שעמעץ דערפון האָט מען געקענט דערבליקן אין איר רויט קליידל און בלוי קאַפּטל.

דער נײַ־דערשינענער זון־גאָט האָט געבעטן אַ טרונק. טאָניע האָט געבראַכט דעם קרוג וואַסער, וואָס איז געהאַנגען אין שאָטן. סאַנדרידזש איז אראָפּ פון זאָטל, צו פאַרקלענערן איר טרחה.

אין איין פערטל שעה איז געשען אַ נס: סאַנדרידזש האָט איר גע־

לערנט פלעכטן פון רוי־פעל אַ שטריק; און טאָניע האָט זיך געקלאָגט, אַז ווען נישט דאָס ענגליש־ביכל, וואָס דער גייענדיקער פּאַטערל האָט איר געגעבן און דאָס קרומע בערעלע, וואָס זי שפּײַזט פון פלעשל, וואָלט איר געווען זייער אומעטיק.

דערפון געדרונגען: קיסקאָס פּלויט מוז ווערן אונטערגעשפּאַרט; און דעם קאַפּיטאַנס רייד זײַנען פאַרזייט געוואָרן אַף אַ פרוכטבאַרן באָדן.

אַהיימקומענדיק, האָט סאַנדרידזש געמאָלדן, אַז דער יונג קיסקאָ וועט מוזן אָדער נאָגן די שוואַרץ־ערד פון די פּריאָ־פּרעירים אָדער ווערן געהאָנגלט פאַרן ריכטער און אַ דזשורי. צוויי מאָל אַ וואָך פלעגט דער קאַפּיטאַן רײַטן צום וואָלף־קרייץ און פירן טאָניעס שלאַנקע פינגער פון לימענע קאָליר איבער דעם וואַקסנדיקן לעדער־שטריק.

דער רענדזשער האָט געוווּסט, ער קען דאָרט טרעפן דעם געגאַרטן און געהאַלטן זײַן פּיסטויל גרייט. ער האָט אויך געוואָרפן אַן אויג אָפן צו־גאַנג צום פּריאָ־געצעלט.

קיסקאָ האָט בשעת־מעשה געמלאכהוועט אַף זײַן שטייגער. ער האָט באַשאָסן אַ שענק; דורכן בלעכל איינגעשטילט דאָס האַרץ פון אַ מאַרשאַל, און איז אַוועק אַ צעבראָכענער נעבעך, וואָס דער געהרגעטער איז געווען אין די עלטערע יאָרן און גענוצט אַן אַלטע ביקס.

ווי יעדער מענטש נאָכן באַגיין אַן עבירה פאַרגלוסט זיך עפּעס בעסערם, שענערם; האָט אויך דער רוצח פאַרבענקט זיך נאָך זײַן געליבטער, זי זאָל אים פאַרזיכערן איר געטרײַשאַפט טראָץ זײַנע מעשים טובים. ער האָט געגאַרט, זי זאָל זײַן בלוטדורשטיקייט אָנרופן טוגנט; זי זאָל אים געבן אַ קאַלטן טרונק און דערציילן, ווי ס'לעבט זיך דעם בערעלע.

קיסקאָ האָט פאַרקערעוועט זײַן פערד אין דער ריכטונג פון וואָלף־קרייץ. דער סוס האָט געוווּסט, אַז ס'דערוואַרטעט אים די פּעטע פּאַשע פון וואַלד, לויז אַף אַ פּערציק־פוסיקן שטריק באַם סלופּ, בעת זײַן רײַטער וועט רוען אין זײַן געליבטערס גרינעם בײַדל, מיטן גראָזיקן דאַך.

דורך שטעכעדיקע גרוי־גרינע קאַקטוסעס פון אַלערליי פּאַסאָנען וואָס פאַרשטעלן דעם שווינדלדיקן וועג ביז פאַרלוירן גיין, האָט די קלוגע געניטע שקאַפּע געאײַלט, געיאָגט, און מיט יעדן זיכערן קער און דריי פאַרקירצט דעם מהלך צו זײַן בעל הביתם ציל. דער ווילער יונג האָט געזונגען. דאָס איינציקע ליד, וואָס ער האָט געוווּסט גלײַך מיט זײַן איינ־

ציקן פאַך, פון וואָס ער האָט געלעבט און די איינציקע פרוי, וועלכע ער האָט געליבט. ער, דער קליין־קעפּיקער, האָט אויך באַזעסן פּיצלדיקע געדאַנקען. מיט זײַן קול פון אַ קאַיאָט האָט ער אויסגעשריִען זײַן ליד, ס'איז אים אויסגעקומען, דאָס פעלד־און־וועג־ליד האָט אײַנגעטייטשט דעם מוסר השכל: טשעפּע ניט מײַן מיידל, אַניט וועל איך ניט איידל זײַן, דאָס פערד איז שוין געווינט געוועזן צום טאָן, און געטאָן זײַנס.

ענדלעך האָט דער רײַטער דערזען דעם גראָז־דאַך. ער האָט פאַר־האַלטן זײַן פערד און, גייענדיק צופוס, געבליקט דורך די שפּאַלטן געבווי־גענערהייט. דער פערדאַטש האָט געוווּסט זײַן ראָל און געשטאַנען שטיל, אָן גערויש.

קיסקאָ איז צוגעקראָכן נאָענט און ווײַטער געקוקט דורך די בלע־טער פון די קאַקטוסעס.

ער האָט געזען זײַן טאָניען פלעכטן אַ שטריק פון רויער פעל — מהיכא תיתי. אָבער איר קאָפּ האָט גערוט אױף דער ברוסט פון אַ בלאָנדן, וועלכער האָט געהאַלטן זײַן האַנט אַרום איר און געפּירט מיט אירע פינ־גער באַ דער אַרבעט!

סאַנדריעדזש האָט אַ שנעלן בליק געוואָרפן, דערהערנדיק אַ דראָענ־דיקן קליק פון אַ ביקס. דער גערויש האָט זיך אָבער נישט איבערגעחזרט און טאָניעס פינגער האָבן געמוזט געפּירט ווערן.

דאָן, אין שאָטן פון טויט, האָבן זיי ווײַטער געשמועסט וועגן זייער ליבע; און אין דעם שטילן יוני־טאָג האָט יעדער קלאַנג דערטראָגן זיך צו די אויערן פונעם יונג.

— געדענק־זשע, האָט טאָניע איינגעטענהט — קום נישט ביז איכל שיקן נאָך דיר. מ'האָט מיר איבערגעגעבן, אַז מיט אַ דרײַ טעג צוריק האָט מען אים געזען דאָ אַרום, וועט ער געוויס קומען. און טרעפט ער דיך, איז דײַן סוף. וואַרט־זשע אױף מײַן וואָרט.

— גוט און ווויל — האָט געענטפערט דער רענדזשער — אָבער וואָס דערנאָך?

— דערנאָך מוזטו ברענגען דײַנע מענטשן און פאַרענדיקן מיט אים. אַניט וועט ער דיך, ווי ער האָט געטאָן צו אַ סך אַנדערע — האָט זי געענטפערט.

— אמת, ער איז נישט קיין מענטש זיך אונטערצוגעבן — האָט דער קאַפּיטאַן צוגעשטימט. „ס'איז: טויט אָדער ווער געטויט פאַר דעם וואָס גייט אַפן הער קיסקאַ".

טאַניע האָט אוועקגעלייגט דאָס געפלעכט און פאַרלייגט אַ לימענע קאָלירטן אָרעם אַפן קאַפּיטאַנס אַקסל. קאָן מען, קענענדיק דיך, רויטער בארג, אויסקלײַבן אים? דו ביסט שטאַרק, גוט און איידל אָבער יענער? זאָל ער פגרן! וועל איך נישט דאַרפן דאגהן פאַר מיר און דיר".

— אָבער, ווי וועל איך וויסן, ווען צו קומען? — האָט געפרעגט סאַנדריעדזש.

— ווען ער קומט, שטייט ער אָפּ אַ צוויי־דרײַ טעג — האָט טאַניע דערקלערט — וועל איך אַ ברייוול דיר שיקן דורך אַ בחורל, גרעגאָריע, וועלכע האָט אַ ביסטרע פערד. ער וועט זיכער ברענגען דיר מײַן כתב. דעמאָלט נעם וואָס מער פון דײַן חברה און קום, ווײַל ער איז זייער גע־שיקט אַרויסצולאָזן אַ קויל פון זײַן פּיסטויל.

— קומען וועל איך אַליין — האָט דער קאַפּיטאַן געענטפערט. ווײַל מיין עלטסטער האָט מיר געשריבן אַ פּאָר הארבע ווערטער, מוז איך אַליין דורכפירן דעם עסק: אַליין אָדער גאָרניט! זײַ־זשע מיר מוידיע און איך וועל טאָן דאָס איבעריקע.

— גוט, מיין רויטער בארג, האָט טאַניע געזאָגט. כ'פאַרשטיי גאָר־ניט, ווי איך האָב געקענט פאַרכליאָפּטשען זיך אין דעם גזלן וועלכער שמייכלט קיינמאָל.

סאַנדריעדזש האָט אויפגעהויבן טאַניען מיט איין האַנט צום זייַ־געזונט. די יולי־רויִקייט איז נאָך געלעגן אויסגעשפּרייט. דער רויך הינ־טערן ציגן־געבראָטנס האָט זיך געצויגן גלײַך דורכן לייםענעם קוימען.

ווען דער קאַפּיטאַן איז פאַרשוווּנדן, איז דער יונג צוריקגעקראָכן און אָפּגעריסן אַ שטרעקע און דערנאָך זיך געלאָזט מיט געזאַנג צו דער וואַלד־קוליבע.

טאַניע האָט אים דערהערט און אַרויסגעגאַנגען באַגעגענען. ער האָט, ווי קיינמאָל פריִער, געשמייכלט, איר דערזעענדיק. טאַניע איז אַרײַנגע־פאַלן אין זיינע צעשפּרייטע אָרעמס. ער האָט געקוקט אָף איר מיט ליב־שאַפט, זײַנע שווארצע האָר האָבן געקלעפּט צו זײַן שטערן. די באַגעגע־ניש האָט דערוועקט אין אים אַ צערודערונג אָף זײַן געזיכט, וואָס איז

זייער שטײַף ווי אַ וואַקסענע מאַסקע.

— ווי פילט מײַן מיידל? — האָט ער געפרעגט צודריקנדיק איר.

— קראַנק פון וואַרטן אַזוי לאַנג אויף דיר — האָט זי קאָקעטיש געענטפערט — איך קוק מיר די אויגן אויס, פאַרשנדיק דורך די בלויזן אין די ביימער. אָבער אַבי דו ביסט שוין מיט מיר, ווייל איך פאַרגעסן. וואָלסט באַדאַרפט קומען אָפּטער זען דײַן באַשערטע. גיי אַרײַן, רו זיך אָפּ. איך וועל אָנטרינקען דײַן פערד און צובינדן צום סלופּ. אין קרוג איז דאָ קאַלטע וואַסער.

ער האָט איר געקושט און געזאָגט: — קיינמאָל אין דער וועלט וועל איך לאָזן אַ פרוי באַמיִען זיך אַרום מײַן פערד. בעסער זאָלסטו אַרײַנגיין און צושטעלן אַ טאָפּ קאַווע, איך וועל באַזאָרגן די שקאַפּע און איכל דיר האַרציק דאַנקען.

קיסקאָ האָט געקענט נוצן זײַן צונג ווי אַ „קאַבאַלעראָ” אין באַצוג צו פרויען. קיין אומאַנשטענדיק וואָרט — צום שיינעם מין. ער האָט געקענט מאָרדן זייערע מענער, ברידער, אָבער מיט קיין פינגער ניט באַרירן אַ פרוי. האָבן טאַקע פילע פון זיי נישט געוואָלט גלייבן וואָס מ׳האָט דערציילט וועגן זײַנע מערדערײַען.

נאָך זון־פאַרגאַנג האָבן זיי געזעצט זיך אַרום טיש באַשטעלט מיט ציגן־בראָטן, געקענטע פּערעשקעס און קאַווע, באַם ליכט פון אַ לאַמטערן. דער אַלטער האָט פאַררייכערט, באַזאָרגט זײַן טשערעדע און אײַנגעוויקלט אין אַ קאָלדרע פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מומיע. טאָניע האָט געוואַשן דאָס געפעס און קיסקאָ האָט געווישט מיטן האַנטעך פון אַ מעל־זאַק. אירע אויגן האָבן געגלאַנצט ווען זי האָט דערציילט דאָס פאָרגעקומענע אין זײַן אָנוועזנהייט ווי בשעת אַלע זײַנע וויזיטן. דערנאָך האָט זי אין אַ גראַז־האַמייק געשפּילט אויף דער גיטאַרע און געזונגען אַ ליבע־ליד.

— ליבסטו מיך, ווי שטענדיק, אַלטינקע מײַנע? — האָט ער געפרעגט, זוכנדיק ציגאַר־פּאַפּיר אין זײַן קעשענע.

— תמיד דאָס זעלבע, קלײנינקער, — האָט זי געענטפערט, גלעטנדיק אים מיט אירע אויגן.

— איך מוז לויפן אין קלייטל נאָך רויכער־פּאַפּיר, כ׳ל באַלד זײַן צוריק — האָט קיסקאָ געזאָגט.

— פלי — האָט זי געאײַלט — און זאָג מיר, צי וועסטו איצט

שטיין לענגער מיט מיר?

— כ׳ל איבערזיצן א צוויי־דריי טעג — האָט ער געענטפערט מיט א געזעץ — איך בין געווען פאַרנומען א חודש צייט, וויל איך אויסרוען זיך.

אין א האַלבער שעה אַרום איז ער געווען צוריק, און טאַניע האָט נאָך אַלץ פאַרבראַכט אין היימאַק.

— איך פיל משונה, — האָט קיסקאַ געזאָגט — ס׳דאַכט זיך מיר, אַז אונטער יעדער בוים אוןביימל ליגט עמעצער און צילעוועט אין מיר. כ׳האָב קיינמאָל פריִער נישט דורכגעלעבט אַזעלכעס. מ׳האָט מיר געגעבן אָנצוהערן, אַז כ׳מוז פאַרלאָזן קאַיאַר, ווייל ס׳טוט זיך חושך אין שטעטל פאַר מיין אָפּראַמען דעם אַלטן מאַרשל.

— קען דען עמעצער אָפּשרעקן מיין קליינעם גבור? — האָט זי ווי געוווּנדערט זיך.

— איך בין, אוודאי נישט קיין פּחדן, ערגעץ אַנדערש, אָבער דאָ קען אַן אומשולדיקער ליידן.

— בלייב מיט דיין טאַניען: קיינער וועט דיך דאָ נישט געפינען — האָט זי אים צוגערעדט.

ער האָט געקוקט אין אַלע זייטן און געענטפערט, — כ׳ל זען שפּעטער.

האַלבע נאַכט איז א רייטער אָנגעקומען אין רענדזשער־קעמפּ. מיט „האַלאָוס" האָט ער צו וויסן געגעבן, אַז זיין שליחות איז א פרידלעכע. אַף סאַנדריעדזשעס פראַגע האָט ער געענטפערט, אַז ער הייסט דאָמינגאָ סעילעס פון וואָלף־קרייק און אַז ער איז געקומען אָנשטאָט זיין קראַנקן ברודער, גרעגאָרי, דערלאַנגענדיק א בריוו.

דאָס געשריפטס האָט זיך געלייענט ווי פאָלגט:

מיין טייערער.

ער איז געקומען. ווי נאָר דו ביסט אוועק, האָט ער זיך געוויזן. לכתחילה געוואָלט רוען דריי טעג. שפּעטער איז ער געוואָרן פול פּחד, מיך חושד געווען, אַז כ׳ברענג אַף אים דעם טויט דורך באַהאַלטענע אין שאָטנס. וואָרעם כ׳ליב אים נישט מער. ער האָט באַשלאָסן אָפּצופאָרן כאור הבוקר, כדי צו באַווייזן, אַז ער דאַרף נישט שרעקן זיך, זאָל איך אין זיינע מלבושים אַרויספאָרן פריִער, און ער אין מיינע פרויען־קליי־

דער וועט ווארטן צו זען, צי ס'איז טאקע קיינער ניט אין לויער אף אים. קום־זשע דו, מײַן ליבער, באהאלט זיך אונטערן וואָגן און שיס אין אים. טויט אים אפן אָרט. געדענק, ער וועט טראָגן מײַן ווײַבערשע הלבשה.

דײַן אייגענע טאַניע.

סאנדריעדזש האָט אנגעזאָטלט זײַן פערד, געקומען צום קרײַצונג, איז ער אף אַלע פיר צוגעקראָכן צו דער קוליבע און פארשטעקט זיך אונטערן וואָגן מיט זײַן ביקס פארטיק.

ער האָט געוואַרט א פּאָר שעה, ביז צוויי פיגורן זײַנען ארויסגעקומען. איינע אין מענערשע און די צווייטע אין ווײַבערשע קליידער. דער מאנצבילש פארקליידטער גוף האָט ארויפגעכאַפּט זיך און גלײַך אוועקגעריטן אפן פערד. די צווייטע געשטאַלט האָט נאָכגעקוקט אין לבנה־ליכט. סאנדריעדזש האָט באשלאָסן נישט צו ווארטן, ביז זי וועט צוריק קומען. זי מוז ניט זײַן דערבײַ.

— הענט ארויף! — האָט ער באַפוילן ארויסגייענדיק פון אונטערן וואָגן.

די פיגור אין ווײַבערשן האָט זיך שנעל אויסגעדרייט און נישט געפּאָלגט. האָט דער קאַפּיטאַן גלײַך ארײַנגעשאָסן איינס־צוויי־דרײַ און נאָך א פּאָר, צו מאַכן זיכער מיט אַזאַ ווי דער קיסקאָ־יונג.

דער אַלטער האָט זיך פון די דונערן אויפגעכאַפּט, איינהערנדיק זיך ווײַטער צו א טויט־געשריי, האָט ער זיך אויפגעהויבן פון געלעגער קרעכצנדיק אומצופרידן און דערקענט דעם קאַפּיטאַן, וועלכער ~~האָט~~ אראָפּגענומען דעם לאַמטערן און אויסשפּרייטנדיק דעם בריוו אפן טיש, געפרעגט, ווער ס'האָט עס געשריבן?

דער אַלטער האָט געענטפערט: „על טשיוואַטאָ", ווי מ'רופט טאָניעס חתן, האָט דאָס געשריבן, ווען זי איז געשלאָפן, און מיר עס געגעבן אָפּצוטראָגן צו דאָמינגאָ סעילעס פּאָר דיר. איז עפּעס קרום? און קיין טרינקעכטס איז אויך ניטאָ, אָבער טאקע גאָר ניט.

ערשט דעמאָלט האָט סאנדריעדזש געכאַפּט, ארויסגעלאָפן און אַנידערגעזעצט אף דער ערד אין שטויב נעבן דעם זינג־פויגעלע, פון וועמען קיין פעדערל האָט שוין ניט געפלאַטערט.

א מײַל ווײַטער האָט א רײַטער געריעוועט א ליד מיט די ווערטער: „טשעפּע נישט מײַן מיידל, אַניט, וועל איך זײַן ניט איידל..."

שפּורן

אין דער גרויסער שטאָט קען אַ מענטש פאַרשווינדן פּלוצלונג, ווי דער פלאַם פון אַן אויסגעלאָשן ליכט. אַלע מיטלען פון נישטערן, זוכן — וואַך־הינט, געהיים־אַגענטן מיט זייערע לערע־מעטאָדן — מעגן אָנגעווענדעט ווערן, אָבער ס׳רוב איז עס תקות שוא... — אַרויסגעוואָרפענע אַרבעט. ס׳קען אַמאָל טרעפן, אַז נאָכן דורכקעמען טײַכן, איבערזיפּן רעסטאָראַנען, זען צי האָט דער פאַרפאַלענער נישט געשטעלט זיך וואַשן געפעס, פאַר אַ סטייק אַ געבראָטנס, געפינט מען, אַז ער האָט זיך אַריבערגעקליבן אין שכנישן הויז.

אַן ענלעכע אינטערעסאַנטע מעשה האָט זיך פאַרלאָפן מיט מערי שנײַדער.

אַ מיטליאָריקער מאַן, מ״ר מיעקס איז געקומען פון מערב קיין ניו־יאָרק אויסזוכן זײַן שוועסטער מיטן נאָמען: אַן אַלמנה, עלטער צוויי און פופציק, האָט געווינט יאָרן אין אַ טענעמענט־הויז פון אַ געדיכט באַזעצטער געגנט.

אַף איר לעצטער וווינונג האָט מען דעם ברודער געענטפערט, אַז זי האָט זיך אַרויסגעקליבן מיט אַ חודש צוריק. וווּהין? קיינער האָט נישט געוווּסט איר נײַעם אַדרעס.

האָט מ״ר מיעסק זיך געווענדעט מיט זײַן רעטעניש צו אַ פּאָליציסט.

— מיין שוועסטער, — האָט ער דערקלערט — איז זייער אָרעם און איך בין נײַגעריק איר געפינען. איך בין געוואָרן רײַך פון אַ בלײַ־מינע און כ׳וויל זי זאָל טיילן מײַן עשירות. מעלדן אין צײַטונגען וועט גאָר־ניט אויפטאָן, ווײַל זי קען ניט לייענען.

דער בלויער ראָק האָט זיך אַ גלעט געטאָן די גאָמבע און אויסגעקוקט אַזוי פאַרטיפט אין די מחשבות, אַז ס׳האָט אים געדאַכט, אָט זעט דער

ברודער זײַן שוועסטערס פֿריידיקע טרערן רינען אַף זײַן בלויען שניפּס.

— „פּאָרט צו אין קאַנאַל־סטריט נאָכבאַרשאַפט" — האָט דאָס קנעפּל געראָטן, — דאָרט ווו ס'ציִען זיך די שווערע וועגענער. אַף יענעם פּלאַץ ווערן עלטערע פֿרויען איבערגעפֿאָרן אָפט, צווישן זיי קען זײַן אויך אײַער שוועסטער. אויב איר ווילט ניט דאָס טאָן, גייט צו אין פּאָליציי, זאָלן זיי שיקן איינעם צו העלפֿן אײַך אין דער אַרבעט.

אין פּאָליציי־סטאַנציע האָט מען מ"ר מיעקסן גערן געגעבן הילף. זיי האָבן באַלד צעשיקט אַן אַלאַרם און קאָפּיעס פֿון מערי שנײַדערס פֿאָטאָגראַפֿיע, וואָס איר ברודער האָט בײַ זיך געהאַט. אין מאַלבערי גאַס האָט דער שעף באַשטימט דעם געהיים־אַגענט מולינס.

דער ציוויל־געקליידטער האָט אַוועקגענומען מיעקסן אין אַ זײַט און געזאָגט:

— ס'איז נישט קיין שווערער פֿאַל אויסצוגעפֿינען. גאָל דיר אָפּ די וואָנצעס, לייג אָן די קעשענעס מיט גוטע ציגאַרן, און לאָמיר זיך באַגעגענען אין דער קאַפֿע בײַ וואַלדאָרף האָטעל, דרײַ נאָכמיטאָג.

מיעקס האָט אויסגעפֿאָלגט. מולינס האָט דאָרט שוין געוואַרט. בײַ אַ פֿלאַש ווײַן האָט דער אַגענט אים אויסגעפֿרעגט וועגן זײַן פֿאַרלוירענער שוועסטער.

— נו, איר ווייסט דאָך — האָט דער דעטעקטיוו געזאָגט — ניו־יאָרק איז אַ היפּש שטעטל אָבער מיר האָבן אײַנגעשטעלט אַ סיסטעם אויסצוגעפֿינען מענטשן. ס'זײַנען פֿאַראַן צוויי־דרײַ וועגן: צו ערשט וועלן מיר פּרובירן איינעם. איר זאָגט, זי איז אַלט בײַ צוויי און פֿופֿציק יאָר.

— עפּעס אַריבער — האָט מיעקס געענטפֿערט.

דער דעטעקטיוו האָט צוגעפֿירט דעם מערבדיקן צו אַן אַנאָנס־אָפֿיס פֿון אַ גרויסער צײַטונג. ער האָט אָנגעשריבן אַ מעלדונג און דערלאַנגט מיעקסן, אַזוי: „מ'דאַרף גלײַך הונדערט אָנציִענדע דאַר־מיידלעך צו אַ נײַער מוזיקאַלער קאָמעדיע. פֿרעגן אַ גאַנצן טאָג אין נומער בראָדוויי".

מיעקס האָט זיך געפֿילט באַליידיקט: „מײַן שוועסטער איז אַן אָרעמע, עלטערע אַרבעטער־פֿרוי. איך פֿאַרשטיי ניט, ווי קען אַזאַ אַנאָנס העלפֿן איר אָפּצוזוכן?"

— „אָלרײַט", — האָט נאָכגעגעבן דער אַגענט. — כ'זע איר קענט נישט ניו־יאָרק. נאָר, אויב דאָס געפֿעלט אײַך נישט, לאָמיר נעמען דאָס

צוויטע מיטל. ס'איז א זיכערער, נאָר ס'וועט אײַך קאָסטן טײַערער.

— פון הוצאות רעדט נישט — האָט געזאָגט מיעקס, לאַמיר פּרוּוון.
דער דעטעקטיוו האָט אים צוריקגעפירט אין וואַלדאָרף.

— דינגט דאָ אַ פּאָר שלאָפצימער און אַ זאַל — האָט ער געעצהט — און לאַמיר אַרויפגיין.

אָפּגעטאָן — זײַנען ביידע אַרײַן אין אַ גרויסאַרטיקן סוּאיט אױפן פערטן גאָרן. מיעקס האָט געצויגן מיט די אַקסל, דער געהיים־אַגענט האָט זיך אַרײַנגעוואָרפן אין אַ פּליושענער האַנט־שטול, אַרויסגעצויגן זײַן ציגאַרן־טאַש און געזאָגט:

— איך האָב פאַרגעסן אײַך הייסן נעמען דאָס וווינונג אױפן חודש, וואָלטן זיי אײַך ניט אַזוי „באַריסן".

— אױפן מאָנאַט גאָר? — האָט מיעקס געשטוינט.

— זיכער, האָט יענער געפּרוּווט אים באַרויִקן. ס'דאַרף נעמען חדשים. כ'האָב דאָך אײַך געזאָגט, אַז ס'וועט אײַך קאָסטן טײַערער. מיר וועלן דאַרפן וואַרטן ביזן פרילינג. דאַן וועט אַרויס פון דרוק אַ נײַער שטאַט־דירעקטאָר־בוך. איז זייער מעגלעך, אַז אײַער שוועסטערס נאָמען און אַדרעס וועט דאָרט אויך זײַן.

מיעקס האָט גלײַך זיך אָפּגעשאָקלט פונעם דעטעקטיוו.

אױף מאָרגן האָט אים איינער געראָטן וועגדן זיך צו שאַמראָק דזשאָל־נעם, די באַרימטע ניו־יאָרקער פּריוואַטע געהיים־אַגענטן־פירמע, וואָס נעמט שווינדלדיקע פּרײַזן, נאָר טוט אויף חידושים; אויפדעקנדיק די פאַר־פּלאָנטערטסטע סודות און פאַרברעכנס.

נאָכן אָפּוואַרטן אַ צוויי שעה, האָט מען אים אַרײַנגעלאָזט צו זען דעם הויפּט פאַרזענלעך. דזשאָלנס איז געזעסן אין אַ פּיאָלעטענעם אויפ־נאַם־ראָק באַ אַ העלפאַנט־ביינערנעם טיש מיט אַ זשורנאַל פאַר זיך, פאַרטיפט אויסצוגעפינען אַ מיסטעריע.

דעם באַרימטן דעטעקטיווס פּנים, דורכדרינגנדיקע אויגן און אַ רענדל אַ וואָרט איז באַוווּסט, ניט צו דאַרפן באַשרײַבן ווערן.

מיעקס האָט פאַרגעבראַכט זײַן פּראָבלעם.

— מײַן האָנאָראַר, אויב הצלחהדיק, איז 300 דאָלער.

מיעקס האָט מיט אַ שאָקל פון קאָפּ צוגעשטימט.

— איך נעם אָן אײַער ענין, מר. מיעקס, — האָט ער ענדלעך אַרויסגערעדט.

זיי זײַנען געגאַנגען אין הויז וווּ מערי שנײַדער האָט געהאַט געוווינט. דער שעף האָט געהייסן ווײַזן זיך דאָס צימער, וואָס זי פלעגט פאַרנעמען. קיינער איז דאָרט נישט געזעסן פון יענער צײַט אָן.

דער חדר איז געווען קליין, קויטיק, אָרעם מעבלירט. מיעקס האָט אַ פאַרקימערטער אַוועקגעזעצט זיך אַף אַ צעבראָכענעם שטול, דער גרויסער דעטעקטיוו האָט גענומען אַרומקוקן די ווענט, דעם דיל און שטיקלעך צעשאָטענע מעבל.

אין אַ האַלבע שעה האָט ער צונויפגעקליבן עטלעכע נישטיקע חפצים: אַ ביליקע הוט־שפּילקע, אַ רעשטל פון אַ צעריסענעם טעאַטער־פּראָגראַם און אַ ברעקל פון אַ קאַרטל מיטן וואָרט „ליעקס" און די צייכנס „סי 12".

שאַמראָק דזשאָלנעס האָט זיך אָנגעשפּאַרט אין פענצטער און געשטאַנען אַ צען מינוט טיף פאַרטראַכט. דאַן האָט ער אויפגעלייגט געזאָגט: „קומט מ"ר מיעקס, איך האָב עס! איך קען אײַך נעמען גלײַך אין הויז, וווּ אײַער שוועסטער וווינט. איר דאַרפט ניט דײַגען וועגן איר וווילזײַן, זי איז באַזאָרגט מיט מיטלען, לכל הפּחות אַף אַ צײַט".

מיעקס האָט זיך דערפילט דערמונטערט און פאַרוווּנדערט.

— ווי זײַט איר דאָס דערגאַנגען? — האָט ער געפרעגט מיט שמחה.

דזשאָלנסעס איינציקע שוואַכקייט איז געווען די פּראָפעסיאָנעלע גאַדלעם מיט זײַנע ווונדערלעכע אויפטועז אין אינדוקציע. ער האָט ליב געהאַט באַרימען זיך מיט זײַנע דערגרייכונגען.

— דורך עלימינירן, אָפּזונדערן! — האָט ער געענטפערט, צעשפּרייטנדיק אַף אַ טישל זײַנע מציאות. פריִער האָב איך באַזײַטיקט די טיילן שטאָט, וווּ מר"ם שנײַדער קען ניט זײַן. איר זעט די שפּילקע? דאָס שטעלט ברוקלין אַוועק אין אַ זײַט. קיין פרוי וועט נישט דערוועגן זיך כאַפּן אַ טראַמווײַ באַ ברוקלין בריק, ניט אָנטועגדיק אַ הוט־שפּילקע דורכצושלאָגן זיך דעם וועג אין וואַגאָן אַרײַן. אויך האַרלעמער געגנט — אויסגעשלאָסן און אָט פאַרוואָס? אונטער דער טיר זײַנען פאַראַן צוויי הענגערלעך. אַף איינעם פלעגט אײַער שוועסטער אויפהענגען איר שאַל און אַפן צווייטן די הוט. קוקט: די שאַל האָט געלאָזט אַ שאַרפן פאַר־

סאַליעטן פלעק אַף דער וואַנט. אַ סימען אַז דער שאַל איז געווען אַ פראַנזן. אָבער אַ פרוי האָט געמוזט אין אַ האַרלעם־באַן פאַרטשעפּען אירע פראַנזן און פאַרהאַלטן די פּאַסאַזשירן אונטער איר. איז אויך הערלעם באַזייַטיקט — האָט ער פאַרזיכערט. „דעריבער דרינג איך, אַז אײַער שוועסטער האָט זיך אַריבערגעקליבן ניט ווײַט פונדאַנען. אָט איז אַף דעם שטיקל קאַרטל דאָס וואָרט „לינקס" דער בוכשטאַב „ס" און דער נומער „12". ווייס איך, אַז נומער 12 וועניו סי איז אַן ערשטקלאַ־סיקע הויז פון מעבלירטע צימערן, ווו אײַער שוועסטער וואָלט ניט גע־קענט ווינען לויט איר צושטאַנד, וועלכער איז בײַ אײַך אין זכרון. אָבער, אָט זעט דאָס פאַרקנייטשטע שטיקל פון אַ טעאַטער־פּראָגראַם מיט אַ רונדן צייכן? ס'איז פאַר מיר אויגנשײַנלעך, אַז מר'ס שנײַדער האָט גע־ראַמט, געוואַשן דילן אין אַ טעאַטער, ווו מ'געפינט ווערטפולע כפצים, האָט זי בײַ דער אַרבעט געפונען אַ פינגערל אַ יקר המציאות, זי האָט אָפּ־געריסן אַ שטיקל פון אַ פּראָגראַם, אײַנגעוויקלט סרונדע מציאהלע. אַף מאָרגן האָט זי עס פאַרקויפט און מיט דעם פאַרבעסערטן מצב באַזעצט זיך אין די טײַערע חדרים. אין נומער 12, וועניו סי וועלן מיר דערום געפינען אײַער שוועסטער".

דער באַרימטער געהיים־אַגענט האָט פאַרענדיקט זײַנע מסקנות מיט אַ שמייכל פון אַ מצליחדיקן אַקטיאָר. מיעקס באַגײַסטערונג האָט קיין גרענעץ נישט געהאַט. צוזאַמען זײַנען זיי אַוועק אַף דעם נײַעם אַדרעס.

ס'איז געווען אַן אַלטע הויז אין אַ בעסערער סביבה. אַף זייער אָנ־קלינגען האָט מען געענטפערט, אַז מ'ווייס ניט פון קיין מר"ם שנײַדער און אַז שוין זעקס חדשים, ווי קיינע נײַע קוואַרטיראַנטן זײַנען אַהין ניט אַרײַנגעקומען.

אין גאַס האָט מיעקס גענומען די שפּורן באַטראַכטן, געשמעקט און געזאָגט:

— איך בין נישט קיין דעטעקטיוו, נאָר ווי מיר שײַנט איז אין פּאַ־פּירל געווען אײַנגעוויקלט אַ שמעקעדיקע רונדע צוקערקע, פּעפּערמינץ. און די בוכשטאַבן מיינען גאָר נומער 12 פון באַנק סי, לינקע זײַט פון טעאַטער.

שאַמראָק האָט גערופן מיעקסן אין אַנדער דעטעקטיוו־ביוראָ צו מ"ר

דזשאגענס, וואָס אַרבעט לויט אַנדערע מעטאָדן. יענער האָט אויסגעהערט מיעקסן און געזאָגט: „וואַרט, אין 15 מינוט וועל איך זײַן צוריק מיט גוטע נײַס פֿאַר אײַך".

ער האָט זיך צו צײַט אומגעקערט און געגעבן דעם ברודער אַ פּולן אַדרעס פֿון זײַן שוועסטער און געזאָגט: גייט אַליין און איבערצײַיגט זיך. מיט 20 מינוט שפּעטער איז מיעקס אַ שײַנענדיקער געקומען. ער האָט געפֿונען דאָרט זײַן שוועסטער געזונט און שטאַרק.

— וויפֿל איז אײַער באַלוינונג? — האָט ער געפֿרעגט.

2 דאָלער — איז געווען דער ענטפֿער. אַ בלייכער איז געשטאַנען שאַמראָק באַ דער זײַט.

נאָך מיעקס אָוועקגיין האָט דזשאַגענס אַף זײַן קאָלעגעס פֿראַגע דערקלערט. אַלע אָרעמע פֿרויען נעמען בילדער פֿון זיך אַף אויסצאָלן — אין אַטעליע אַרום ראָג. דאָרט האָט ער געפֿונען דעם פֿאַרלאַנגטן נאָמען און אַדרעס.

דאָס לעבן — אַ שפּיל

זייענדיק באַקאַנט מיט אַ קאָרעספּאָנדענט פון אַ צייטונג, וואָס האָט געהאַט אַ פּאָר בחנומדיקע בילעטן, בין איך געגאַנגען מיט אים זען אַ וואָדעוויל.

איין טייל פון פּראָגראַם איז באַשטאַנען פון אַ פּידל־סאָלאָ, געשפּילט פון אַ מוזיקאַנט אין די פערציקער מיט שטאַרק־געדיכטע גרויע האָר.

אַזוי ווי איך בין ניט קיין גרויסער מבין אַף מוזיק, האָב איך זיך פאַרקוקט אַפן פידלער און געטראַכט מער וועגן אים אַליין.

וועגן דעם חברהמאַן איז מיט אַ חודש צי צוויי צוריק געווען אַ מעשה אין דער פּרעסע. מ׳האָט אַף מיר אַרויפגעלייגט איבערצוגעבן די געשיכטע אַף אַ גרינגן הומאָריסטישן אופן. דעם אַלטן געפעלט דער קאָמיזם, מיט וועלכע איך באַזאַלץ מיינע לאָקאַלע קאָרעספּאָנדענצן. אגב, איך אַרבעט טאַקע איצט אַף אַ קאָמעדיע־פּאַרס. יאָ, בין איך געווען באַ אים אינדערהיים און געקראָגן אַלע פּרטים, אָבער איך בין זיך מודה ומתוודה, אַז איך בין דורכגעפאַלן. איך האָב, אָנשטאָט איבערגעבן די געשיכטע, אַריינגעגעבן אַ קאָמישע באַשרייבונג פון אַ לויה. פאַרוואָס? איך האָב נישט געקענט פאַרטשעפּען דעם ענין מיט מיין הומאָריסטישן גאָפּל. אפשר קענסטו שאַפן דערפון אַן איינאַקטער טראַגעדיע פאַר דער בינע? כ׳וועל דיר באַקאָנען מיט די איינצלהייטן.

נאָך דער פאָרשטעלונג האָט מיין פריינט באַ אַ גלעזל ביר דערציילט די פאַקטן.

כ׳גיי נישט איין, האָב איך געזאָגט צו מיין באַקאַנטן נאָך זיין ענדיקן, פאַרוואָס מ׳זאָל פון דער פּאַסירונג ניט קענען אויפבויען אַ גוטע קאָמישע דערציילונג. יענע דריי פערזאָן וואָלטן ניט געקענט האַנדלען

משונהדיקער, נאַרישער, ווען זיי וואָלטן עס געשפּילט ווי גוטע אַקטיאָרן אויף דער טעאַטער־סצענע. איך דענק טאַקע, אַז די בינע איז אַ וועלט און די אַרטיסטן — ממשותדיקע רעאַלע מענער און פרויען. „די פּאַסירונג איז די שפּיל" — האָט געזאָגט שעקספּיר.

— נעם זיך אונטער, — האָט דער קאָרעספּאָנדענט מיר צוגערעדט.

— מסכים, — האָב איך געזאָגט, כדי אים צו ווײַזן, ווי ער האָט יאָ געקאָנט שאַפן דערפון אַ הומאָרעסקע פאַר זײַן צײַטונג. אָט לייענט און שאַצט.

לעבן אַבינגדאָן־סקווער איז געשטאַנען אַ הויז. אויפן אונטערשטן שטאָק איז שוין פינף און צוואַנציק יאָר געווען אַ קראָם פון שפּילצײַג, אַנטיקלען און שרײַב־געצײַג.

איינמאָל אין אָוונט, מיט אַ פערטל מאה יאָר צוריק, איז פאָרגעקומען אַ חתונה אין וווינונג איבער דער קלייט. די באַלעבאָסטע פון הויז און געשעפט איז געווען די אלמנה מערא. האָט זי אויסגעגעבן איר טאָכטער, העלען, פאַר פרענק בערי. דזשאָן דעלאַני — דעם חתנס נאָענטסטער חבר, איז געווען דער „בעסטער מאַן". העלען איז אַלט געווען אַכצן יאָר און געווען זייער שיין. איר בילד, ווי פון אַ יפת תואר, איז געדרוקט געווען אין די צײַטונגען.

פרענק בערי און דזשאָן דעלאַני האָבן געשמט ווי עלעגאַנטע און אומצעטיילבאַרע בוזעם־פרײַנט. ביידע טאַקע האָבן קאָנקורירט פאַר העלענס האַנט (דאָס איז דער ערשטער קאָמישער פּונקט אין דער געשעעניש). ווען פרענק האָט געוווּנען, האָט דזשאָן אים געדריקט די האַנט און באַגריסט. בנאמנות — ער האָט אַזוי געטאָן.

נאָך דער צערעמאָניע איז העלען אַרויפגעלאָפן אָנצוטאָן איר היטעלע צו גיין צו דער חופה אין אַ רײַזע־קאָסטיום. הינטן האָבן חברה יונגוואַרג געוואַרט מיט פולע בײַטלען קאָנפעטי אד"ג.

האָט זיך דערהערט אַ טופּען איבער די פײַער־שטיגן און אין איר צימער איז אַרײַנגעשפּרונגען אויסער זיך, ווי אַ מטורף, דזשאָן דעלאַני און גענומען באַלעסטיקן די כלה, זײַן פאַרשפּילטע געליבטע, מיט ווילדע, אומאָנשטענדיקע תאווה־אויסברוכן, באַגערנדיק זי זאָל אַנטלויפן מיט אים, פליִען אין ריוועראַ, צי בראָנקס אָדער ווו.

העלען, טיף באליידיקט, מיט שפּיזן אין אירע אויגן, האָט גערעדט צו אים, ניט צו דערוועגן זיך צושטיין צו איר.

אין אַ פּאָר מינוט צײַט האָט זי אים באַוויזן צו פאַרלאָזן דעם צימער. זײַן מענער־לוסט איז אָפּגעפלאָסן. ער האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר זײַן פּלוצלעכן אומקאָנטראָלירטן אימפּולס און צוגעגעבן עפּעס וועגן „אייביק טראָגן אין זײַן האַרץ דעם זכרון פון...״ זי האָט אים באַפוילן גלײַך אַרונטערלויפן מיט דעם זעלביקן וועג וואָס ער איז געקומען.

— איך וועל אַוועק אין... אין „ארבע פינות עולם...״ כ׳קען ניט זײַן נעבן דיר, וויסנדיק, אַז דו באַלאַנגסט צו עמעצן אַנדערש, האָט ער געשטאַמלט.

— אום גאָטעס ווילן, לויף, האָט העלען אים געיאָגט — ס׳קען נאָך עמעצער אָנקומען!

ער האָט געקניט און זי האָט אים אויסגעשטרעקט איר ווײַסע האַנט, דערלויבנדיק אַ קוש טאָן צום „זײַ־געזונט!״

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאַן — אַוודאי, וויאַזוי האָט איר געטראָפן? — האָט די טיר זיך געעפנט און ס׳האָט זיך באַוויזן דער חתן, אומגעדולדיק אַף איר צו לאַנגן פאַרקניפּן די היטל־סטענגע.

דער געזעגענונגס־קוש, אָפּגעפּרעסט אַף העלענס האַנט און דורכן פענצטער אַרונטער מיט די פײַער־טרעפּ איז געלאָפן דזשאָן דעלאַני אַפן וועג קיין אפריקע, צי וווהין.

קלעזמער, אַביסל שטילער, טוט אַ טובה! כליפּע, פּידעלע; קלאַרנעט, אָטעם בלויז; טשעלאָ — קוים אַ ריר! שטעלט זיך פאָר דאָס בילד: פּרענק צעהיצט ביז גאָר, אַנגסט פון אַ טויט־פאַרוווּנדעטן שרײַט פון אים אַרויס. העלען — פּליִענדיק און קלעפּנדיק צו אים, וועלנדיק דערקלערן. ער רײַסט אַוועק אירע פינגער פון זײַנע אַקסלען. איינמאָל, צוויי מאָל, דרײַ מאָל. ער שטויסט זי אָפּ, אַהין, אַהער (דער בינע־קינסטלער וועט אײַך ווײַזן ווי) — און לאָזט איר פאַלן צום דיל צעבראָכן, דערנידעריקט, קלאָגנדיק. קיינמאָל מער וועט ער איר פּנים ניט וועלן אָנקוקן, און אײַלט אַרויס פון הויז פאַרבײַ די שטאַרנדיקע בליקן פון די דערשטוינטע געסט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

איצט, ווײַל ס׳איז פּאַסירונג, ניט שפּיל, זאָל דאָס פּובליקום שטראָ־

מען אין דער רעאַלער וואָרט־זאַל פון דער וועלט און הייראַטן, שטאַרבן, גרוי ווערן, רײַך, בדלות, גליקלעך צי אין מצוות, אין דער צווישן־צײַט פון צוואַנציק יאָר ביז דער פאַרהאַנג וועט זיך ווידער אויפהייבן.

מר"ס בערי האָט געירשנט דאָס הויז מיט דער קראָם. צו אַכט און דרײַסיק־יאָריקן עלטער האָט זי נאָך געקענט שלאָגן מיט איר שיינקייט פיל יינגערע פרויען, אַפילו אַכצניאָריקע מיידלעך. ווינציקע האָט געדענקט איר חתונה־קאָמעדיע. זי האָט נישט געמאַכט קיין סוד דערפון, נישט פאַרפאַקט מיט „לעווענדער", ניט מיט נאַפטאַלין, ווי אויך נישט פאַר־קויפט צו קיין גיריקן זשורנאַל.

איינמאָל אַ טאָג האָט אַ דערפאָלגרײַכער אַדוואָקאַט, וועלכער פלעגט בא העלענען אין קראָם אײַנקויפן זײַנע אָפּיס־מכשירים פאַרן קאַנטאָר, איר פאָרגעשלאָגן מיט אים אַ חופה שטעלן.

— איך דאַנק אײַך זייער, האָט זי אים געענטפערט — נאָר איך האָב זיך פאַרקנסט מיט צוואַנציק יאָר צוריק צו אַן אַנדער מאַן. כאָטש ער איז געווען צו מיר נאָר אַ „גאַנז", כ'האָב אים געזען בלויז אַ האַלבע שעה נאָך דער חתונה, דאָך ליב איך אים נאָך הײַנט. אַנטשולדיקט, וואָסערע טינט דאַרפט איר, צום קאָפּירן אָדער שרײַבן.

דער אַדוואָקאַט האָט זיך איבערגעבויגן גראַציעז און געקושט איר האַנט. העלען האָט אַ זיפץ געטאָן און געענטפערט מיט „אַדיע". איצט, צו אַכט און דרײַסיק, האָט זי פון אירע ליבהאָבער געקענט נאָשן רק סימפּאַטיע און „אַדיעס". ערגער נאָך, מיט דעם האָט זי פאַרלאָרן אין אים אַ קונה אויך.

פּרנסה איז געשלאָגן געוואָרן, און העלען האָט אַרויסגעהאַנגען אַ צעטל צו פאַרדינגען צימערן, וואָס זי האָט געהאַט צוויי אַזעלכע אויפן דריטן שטאָק. קוואַרטיראַנטן זײַנען געקומען און אויך פאַרלאָזט מיט באַדויער, ווײַל איר ווױנונג איז באַזאָרגט געווען אויפן שענסטן, באַקוועמסטן און געשמאַקסטן אופן.

איינמאָל איז געקומען ראָמאַנטי, אַ פידלער און פאַרנומען אַ חדר. זײַן פריַערדיק ווױנונג האָט געליטן פון צופיל טומל פאַר זײַן סענסיטיוון אויער, און זײַן פרײַנט האָט אים געעצהט אַריבערקלײַבן זיך צו העלענען.

דער נײַער שכן, מיט זײַן יונג פּנים, טונקעלע ברעמען, קורץ־שפּי־ציק אויסלענדיש בערדל מיטן חנוודיקן גרויען קאָפּ און קינסטלערישן

טעמפּעראַמענט, וואָס האָט זיך אויסגעדריקט אין זײַנע לײַכטע, לעבעדיקע באַוועגונגען, — איז געווען אַ געוווּנטשענער אײַנוווינער אין שיינעם הויז.

העלען האָט געוווינט איבער דער קראָם. אַפֿן ערשטן שטאָק איז געווען אײַנגעשטעלט אַן אָפּיס, גראַם גענוג אויפֿצונעמען קונים און באַקאַנטע. אין שטילע שעהן פֿון געשעפֿט פֿלעגט זי פֿאַרברענגען. באַ אַ גלעטנדיק פֿײַערל פֿון קאַמין און באַ אַ ראָזעווע לאָמפּ האָט זי גענייט מיט קאָלירטע באַוול צי געלייענט. ראַמאָנטי פֿלעגט גערן אַרײַנקומען אַהער און פֿאַרברענגען, דערציילנדיק פֿון פֿאַריז, ווו ער האָט שטודירט מוזיק באַ אַ באַרימטן מאַעסטראָ.

קוואַרטיראַנט נומער צוויי איז געווען אַ שיינער מעלאַנכאָלישער מאַן אין די פֿערציקער מיט זעלטן אָנציִענדיקע דורכדרינגנדיקע אויגן. ער האָט אויך הנאה געהאַט פֿון העלענס געזעלשאַפֿט און מיט בליקן פֿון ראָמעאָ און אָטעלאָס צונג האָט ער זי געצויבערט מיט זכרונות פֿון ווײַטע מקומות און רמזים פֿון ליבע.

לכתחילה איז העלען פֿאַרכאַפּט געוואָרן פֿון זײַן אָנגענעמען קול. ס'האָט געוועקט דערינערונגען פֿון איר יוגנט־ראָמאַן. זי האָט געלאָזט פֿאַרוויגן זיך אין די זכרונות, און ס'האָט זיך איר געדאַכט, אַז דער מענטש איז ווי געווען אַ שותּף צו אירע דערפֿאַרונגען. מיט אַ פֿרויען־חוש האָט זי ווי דערשפּירט, אַז איר באַשערטער האָט זיך אומגעקערט. זי האָט אַרויסגעלייענט פֿון זײַנע אויגן אַ ליבשאַפֿט; און חרטה און שטראָף צו זיך האָבן גענומען פֿאַרשווערן איר געמיט, וואָס האָט זיך אַלץ נאָענטער געצויגן צו אים.

העלען האָט אָבער נישט געוואָלט אַרויסווײַזן קיין סימן דערפֿון. אַ מאַנצביל, וועלכער האָט זיך אַרויסגעכאַפּט אַף אַ ווײַלע פֿון צוואַנציק יאָר און זיך באַרעכנט, קען נישט געפֿינען זײַנע שטעק־שיך באַם געלעגער, אויך נישט קיין שוועבעלע גרייט צו פֿאַררייכערן. עס מוזן פֿריִער קומען אוינעש און תּשובֿה. דערפֿילנדיק זײַן שולד, קען ער ערשט פֿאַרדינען זיך אַ האַרץ און קרוין, דעריבער האָט זי זיך געמאַכט כּלומרשט ניט־ווויסנדיק.

(און מײַן פֿרײַנט, דער רעפּאָרטער, האָט אויך דערין נישט געזען גענוג שטאָף פֿאַר זײַן הומאָר ־ אויפֿגאַבע. אָבער לאָמיר נישט דערגיין די יאָרן אַ ברודער און גיין ווײַטער מיט דער פּאַסירונג).

אין אָוונט איז ראַמאָנטי אַרײַנגעקומען אין העלענס אָפּיס — און גאַסט־צימער און אויסגעגאָסן זײַן האַרץ פול ליבע אין טענער פון האַר־ציקע איידעלע קינסטלער־געפילן. זײַנע רייד זײַנען געווען אַ לויכטנדי־קער פּלאַם פון הימלישן פײַער, וואָס גליט אין האַרצן פון אַ טרוימער־רעאַליסט.

— נאָר איידער איר גיט מיר אײַער ענטפער — האָט ער פאַרכאַפּט, ווײַל זי האָט געקענט פאַרוואַרפן אים אומדערוואַרטקייט, פּלוצעמדיקייט — מוז איך אײַך זאָגן, אַז „ראַמאָנטי" איז דער איינציקער נאָמען, וואָס איך קען אײַך אָנגעבן. מײַן אָרגאַניזאַטאָר רופט מיך אַזוי. ווײַטער ווייס איך נישט, ווער איך בין און פון וואַנען איך שטאַם. מײַן ערשטע דערי־נערונג איז פון אַ שפּיטאָל, ווו איך האָב מײַנע אויגן געעפנט. יונגערהייט בין איך דאָך געלעגן וואָכנלאַנג. מײַן לעבן פון פריִער איז פאַר מיר אַ ווײַס פּאַפּיר. זיי האָבן מיר דערציילט, אַז מ'האָט מיך געפונען אין גאַס מיט אַ וווּנד אין קאָפּ, און אַז אַמבולאַנס האָט מיך געבראַכט. זיי האָבן געדענקט, אַז איך בין געפאַלן און זיך צעקלאַפּט. קיינע פּאַפּירן האָט מען בא מיר נישט געפונען, און איך געדענק נישט ווען, וואָס און ווער. נאָכן שפּיטאָל האָב איך זיך גענומען צום פידל און מיט דערפאָלג. איך פיל צו אײַך ליבע פון ערשטער רגע, וואָס כ'האָב אײַך דערזען, מר"ס בערי. איר זײַט די איינציקע פרוי, ווען איך קען ליבן.

העלען האָט זיך דערפילט ווידער יונג. אַ שטאָלצקייט און גדלות האָבן זי באַהערשט. זי האָט אַ בליק געטאָן אָפן קינסטלער און געפילט ווי אַ ציטער, ער איז איר אויך געווען אײַנגעבאַקן אין האַרצן פון זינט זי האָט אים געזען, כאָטש זי האָט דערפון ניט געטראַכט פריִער.

— מ"ר ראַמאָנטי, האָט זי געזאָגט באַזאָרגט (ניט אַף דער סצענע, פאַרגעסט נישט) — צום גרויסן באַדויערן, איך בין אַ פאַרהייראַטע.

דערנאָך האָט זי אים דערציילט איר געשיכטע (ווי אַ העלדין מוז טאָן פריִער צי שפּעטער — צום רעזשיסער אָדער קאָרעספּאָנדענט).

ראַמאָנטי האָט געקושט איר האַנט און אַוועק צו זיך אין חדר.

העלען איז געזעסן און געקוקט אַף איר האַנט, וואָס דרײַערליי מע־נער האָבן געקושט אָן אַ פּועל יוצא. די ריטער אַף זייערע ביסטרע פערד האָבן אַוועקגעגאַלאָפּירט.

שפּעטער איז אַרײַנגעקומען דער ניסטער, וואָס האָט איר ווי אַ יעגער נאָכגעשפּירט. העלען האָט געשטריקט אַ קלייניקייט פון קאָלירטער וואָל. ער האָט גענומען אויסגיסן פאַר איר זײַנע ליבע־געפילן און לסוף געזאָגט:

— העלען, דערקענט איר מיך נישט? מיר דאַכט, כ'האָב עם געזען אין אײַערע אויגן. קענט איר פאַרגעסן די פאַרגאַנגענהייט און געדענקען די ליבע וואָס האָט געטליִעט צוואַנציק יאָר. איך בין זייער שולדיק קעגן אײַך, כ'האָב מורא געהאַט אומצוקערן זיך. נאָר מײַנע געפילן האָבן אי־בערגעשטאַרקט דעם מוח. ווילט איר און וועט איר מיר מוחל זײַן?

העלען איז אויפגעשטאַנען. דער מיסטעריעזער פרעמדער האָט גע־האַלטן איר האַנט אין זײַן שטאַרקער ציטערדיקער זשמעניע (אַ שאָד וואָס קיין סצענע איז נישט געשאַפן געוואָרן פון איר האַלטונג און געזיכט־אויסדרוק). זי איז געשטאַנען מיט אַ צעטיילט האַרץ. די מיידלשע פרישע אומפאַרגעסלעכע ליבע צו איר ערשטן דערוויילטן האָט איר באַוויליקט. אַ צווייטע עמאָציע, אַ נײַערע, אַ לעבעדיקע, האָט געקעמפט פאַר הענגעמאָניע.

אין איר צווייפלען האָט זי דערהערט די ווייכע, בעטנדיקע טענער פון פידל. די מוזיק און דער פידלער האָבן איר גערופן, און די אַלטע ליבע האָט צוריקגעהאַלטן.

— מחילה, האָט ער דערווײַל געבעטן.

— צוואַנציק יאָר אָוועקשטיין פון זײַן ליבע־אָביעקט איז פאַרדעכ־טיק, האָט זי פאָרגעוואָרפן.

— ווי האָב איך געקענט אַנדערש, האָט ער זיך מתנצל געווען — כ'וועל אַלץ אויפדעקן פאַר אײַך. יענע נאַכט, ווען ער איז אַוועק, האָב איך אים נאָכגעפאָלגט. איך בין געווען משוגע פון אייפערזוכט. אין דער טונקלקייט האָב איך אים אַ זעץ געטאָן, ער האָט ניט אויפגעהויבן זיך. זײַן קאָפּ האָט געטראָפן אין אַ שטיין. כ'האָב נישט געזוכט צו הרגע־נען אים. בלויז ליבע און אייפערזוכט האָבן געברענט אין מיר. איך האָב זיך פאַרשטעקט און געזען ווי אַן אַמבולאַנס האָט אים אָוועקגענומען. איר זײַט געגאַנגען צו דער חופּה מיט אים, העלען!

— ווער זײַט איר? — האָט אויסגעשריִען די פרוי מיט אויסגעגלאָצ־טע אויגן, אַרויסכאַפּנדיק איר האַנט.

— גערענקסטו מיך נישט, העלען, דעם וואָס האָט דיך אַזוי שטאַרק און כסדר געליבט? איך בין זשאַן דעלאַני, איצט זײַ מיר מוחל.

נאָר העלען איז פאַרשווונדן. היפּנדיק, יאָגנדיק, פאַלנדיק, פליִענ־דיק אַרויף די שטיגן צו דער מוזיק און צו דעם וואָס האָט פאַרגעסן, וועלכער האָט איר אָבער געקענט אַלס זײַנע אין זײַנע ביידע לעבנס; און קלעטערנדיק האָט זי געזיפצט, געקרעכצט, געשריִען, געזונגען:

— פרענק! פרענק! פרענק!

דרײַ לעבנס האָבן געשפּילט מיט יאָרן ווי מיט ביליאַרד־קוילן. און מײַן פרײַנט, דער צײַטונגס־מאַן האָט ניט געזען דערין קיין קאָמיזם.

דער ניט-גוטער

— לחלוטין אויסדריקלעך — אין א באַשליק! — האָט איבער־געחזרט מר״ס קינסאַלווינג ווייטיקלעך.

מר״ס בעלאַמי־בעלמאַר האָט אויסגעבויגן אירע ברעמען אין מיט־געפיל־טרויער און איבעראַשונג.

— כ׳גלייב, זי וועט אומעטום איבערדערציילן, האָט פאַרגעזעצט די באַלעבאָסטע, אַז זי האָט געזען אַ שד אין איר שלאָף־צימער, אין אַרבעט־קליידער, געראויכערט אַ ליולקע און אין אַ באַשליק. איר אומגעלומפּערטע מעשה וויַיזט איר רשעות. ס׳איז אויף דער וועלט נישט געווען קיין קינסאַל־ווינג, וואָס האָט געטראָגן אַ באַשליק. יעדער ווייס, אַז מיַין שווער האָט דערוואָרבן זיַין פאַרמעגן דורך גרויסע בוי־קאָנטראַקטן. ער אַליין אָבער האָט קיינמאָל זיַין רוקן ניט געבויגן, קיין האַנט אין קאַלט וואַסער ניט אַריַינגעטאָן. דאָס הויז האָט ער געבויט לויט זיַין אייגענעם פּלאַן. נו, נו! נאָ דיר גאָר אַ באַשליק! פאַרוואָס האָט זי געדאַרפט זיַין אַזוי ביטער, שלעכט?

— ס׳איז זייער מאוס, האָט אַ מורמל געטאָן מר״ס בעלמאַר, צו־שטימענדיק מיט אַ צוגעוואָרפענעם בליק פון אירע שיינע אויגן אַרום דעם זאַל, וואָס איז געווען שפּאַלירט אין לילאַק און גאָלד — טאַקע אין דעם צימער, וווּ איך שלאָף, האָט זי אים געזען? ס׳שרעקט מיך נישט, ניין! איך האָב נישט קיין מורא פאַר קיין רוחות. טראַכט נישט איבער וועגן מיר. איך בין צופרידן, וואָס איר האָט מיר באַזעצט דאָ. איך דענק נאָר, אַז משפּחה־גיַיסטער זיַינען העכסט אינטערעסאַנט. נאָר אין אמתן קלינגט די געשיכטע בווידעם־קלאָץ. איך האָב דערוואַרט פון מר״ס פישער־סיומ־קינס עפּעס בעסערס. כ׳בעט איַיך, פלעגן זיי נישט טראָגן קיין ציגל אין די באַשליקן? נאָר צו וואָס זאָל אַ ניט־גוטער ברענגען ציגל אין אַ הויז,

געבויט פון מירמלשטיין? עס טוט מיר לייד, נאָר מיר דאַכט, אַז די עלטער רעדט פון מר״ם פישער־סיומקינס.

— דאָס הויז, האָט פאָרגעזעצט מר״ם קינסאָלווינג — איז געבויט אַפן פּלאַץ פון אַ פּרַיעדיקן, וואָס די משפּחה האָט גענוצט אין צײַט פון דער רעוואָלוציע. מעגלעך, אַז ס׳האָט זיך פאַרהאַלטן אַ „דאַמאָוואָי״ (אַ ניט־גוטער). קאַפּיטאַן קינסאָלווינג האָט געקעמפט אין גענעראַל גרינס אַרמיי, הגם מיר האָבן קיינמאָל נישט געקענט אויסגראָבן קיין באַווײַזן, איז פאַרוואָס ניט זײַן גײַסט, ניט פון אַ פּשוטן אַרבעטער?

אַ רוח פון אַ רעוואָלוציאָנערן זיידן וואָלט ניט געווען קיין קרומער געדאַנק, האָט מסכים געווען מר״ם בעלמאָר — אָבער איר ווייסט, ווי בייזוויליק און אומטאָלעראַנט אַ גײַסט קען האַנדלען. און אפשר אַנט־שטייען זיי אין אויג בלויז ווי ליבע, למשל. דער חסרון פון די, וועלכע זענען גײַסטער, איז, וואָס מ׳קען זיי נישט איבערשפּאַרן. חוץ דעם קען אין אַ צו־להכעיס־אויג פון אַן אַרמיי־זעקל ווערן אַ באַשליק. טײַערע מר״ם קינ־סאָלווינג, נעמט זיך נישט צום האַרצן. ס׳איז זיכער געווען אַן אַרמיי־בײַטל.

— זי דערציילט אָבער אַ יעדן! — האָט געקלאָגט דיווירטן.

— זי באַשטייט אַף אַלע פּרטים: אַ ליולקע אָווערעלס און באַשליק, האָט געענטפערט מר״ם בעלמאָר מיט אַ פאַרשטעלטן גענעץ — פּעלים, גרייט צו מײַן וואַנע, זײַ אַזוי גוט. מר״ם קינסאָלווינג, ס׳איז שיין פון אײַך אַרײַנצוקומען אַ שמועס טאָן פאַרן מאָלצײַט. מיר געפעלן די פּלאַפּלע־רײַען וועגן אַ גײַסט. עס מאַכט מיך זיך פילן היימיש. צום באַדויערן, כ׳מוז זיך אָנטאָן. איך בין אַזוי צעפּיעשטשעט, פויל, אַז כ׳לייג אָפּ דאָס אָנטאָן זיך ביז דער לעצטער מינוט.

מר״ם פישער סיומקינס איז געווען די ערשטע גרויסע ראָזשינקע, וואָס די קינסאָלווינגס האָבן אַרויסגעקראָגן פון לעקעך. לאַנג איז דער טאָרט געווען פאַרדוקט ווײַט אַף דער אייבערשטער געזעלשאַפטלעכער פּאָליצע. נאָר די קעשענע און עקשנות האָבן עם סוף־כּל־סוף אַרונטער־געבראַכט. מר״ם פישער־סיומקינס איז געווען די זון־גלאָז, אין וועלכער די קהלשע סמעטענע האָט זיך געשפּיגלט. אירע פאַרבינדונגען און לויזע צונג האָבן רעפלעקטירט די לעצטע און פאַרשפּיצסטע שליסל־לאָך־געשע־ענישן. צוריק מיט אַ צײַט איז איר באַרימטקייט און פירערשאַפט געווען

געזיכערט, און זי האָט ניט געדאַרפט די שטיצע פון אויסטיילן לעבעדיקע זשאַבעס באַ איר באַנקעט־באָל צו באַפעסטיקן איר טראָן. איצט איז דער ייִנגערער דור געקומען פאַרנעמען דעם אויבנאָן. זי קען נישט נאָכטאַנצן. די סענסאַציע־בלעטער האָבן איר פאַרקירצט פון אַ פולער זײַט צו בלויז אַ פּאָר שפּאַלטן. איר הומאָר איז דערפאַר געוואָרן שטעכיק, איר פּירעכץ גראָב, אומבאַרעכנט.

אונטערן דרוק פון די קינסאָלווינגס בקשות האָט זי נאָכגעגעבן זיי צו באַזוכן אַף איין מעת לעת. זי האָט זיך באַלוינט, דערציילנדיק די מעשה אַף צופוקעניש דער באַלעבאָסטע וועגן שד אין אַרבעט־קליידער און באַשליק. יענע, זײַענדיק לכתחילה אַפן זיבעטן הימל מיטן וויזיט פון איינער פון די הויכע פענצטער, האָט דערנאָך דאָס אויסגעקרענקט. מען האָט איר מיטגעפילט אָדער געלאַכט? ס'איז שווער געווען אונטערצושיידן.

דערפאַר איז דער מר"ס קינסאָלווינג באַצאָלט געוואָרן כפל כפלים, מ'האָט געקראָגן פאַר אַ גאַסט אַ גרעסערן העכט — די פּערזאָן פון מר"ס בעלאַווי־בעלמאָר און אַף גאַנצע דרײַ טעג.

מר"ס בעלמאָר איז געווען איינע פון די ייִנגערע מאַטראָנעס, וועמענס גלאַנץ, אָפּשטאַם און נגידות האָט איר פאַרזיכערט מיט אַ שטענדער אין קדשי קדשים אָן איבעריקע כוחות צוצולייגן. זי האָט מיט איר מילדקייט מסכים געווען צו וויזיטירן די קינסאָלווינגס, וועמענס חיות עס איז ממש אויסגעגאַנגען. בענייבײ האָט זי טאַקע אינזינען געהאַט וויפל זי וועט נושא חן זײַן באַ טערענסן און אפשר אים אינגאַנצן געווינען.

טערענס איז געווען מר"ס קינסאָלווינגס נײַן־און־צוואַנציק יאָריקער זון, זייער אַ באַחנטער און מיט סודותדיקע זיטן. ערשטנס איז ער געווען צוגעבונדן צו זײַן מוטער ביז גאָר. צווייטנס, ער האָט אַזוי ווייניק גערעדט, אַז צום ניט־גוט ווערן. שעמעוודיק אָדער צו טיף? מר"ס בעלמאָר האָט געוואָלט דערגיין, וואָס פון דיביידע איז ער? אויב שעמעוודיק, וועט זי אַנטלויפן, ווײַל עס איז אַ נודנע מידע. ווען זייער טיף — זאָל ער אויך זיצן, ווײַל מ'קען אים, מחמת וואָס צו איז איבעריק.

אַפן דריטן טאָג האָט טערענס אָפּגעזוכט מר"ס בעלמאָר זיצן אין אַ ווינקל, בלעטערנדיק אַן אַלבום.

— ס'איז זייער שיין פון אײַך אַראָפּצוקומען און אויפהייבן אונד־זער געמיט, האָט ער געזאָגט — איר האָט מסתמא געהערט, ווי מר"ם פּי־שער סיומקין האָט געלעכערט די שיף באַם פּאַרלאָזן. מיט אַ באַשליק האָט זי אויסגעהאַקט אַ היפּשן חלל אין דעק. מײַן מוטער איז שטאַרק פאַרבי־טערט. קענט איר נישט, מר"ס בעלמאַר, פאַר אונדז דערזען אַ גײַסט — אַ צאַצקע, מיט אַ שטיקל קרוין אַפן קאָפּ און אַ טשעק־ביכל אונטערן אָרעם?

— טערענס, יענע איז אַן אַלטע מכשפה צו דערציילן אַזעלכע באָבע־מעשיות. זי האָט איר געגעבן אַ צו פעטן ביסן אָדער גאָר אַ טרוים. איז אײַער מוטער שטאַרק געקרענקט דערפון?

— יאָ, האָט טערענס געענטפערט — גלײַך ווי איטלעכס ציגל, גע־טראָגן אין באַשליק, איז אַף איר געפאַלן און צוגעדריקט. זי איז אַ גוטע מאַמע און איך וואָלט ניט וועלן זען איר פאַרדאַגהט.

— איך שלאָף אין דעם גאַסט־צימער, האָט מר"ם בעלמאַר געזאָגט פאַרקלעמט — ס'איז מיר אַזוי גוט דאָרט, אַז איך וואָלט עס פאַרביטן אפילו, ווען כ'זאָל מורא האָבן. איך פיל אָבער ניט קיין שרעק, ס'וואָלט מיר געפּאַסט צונויפצושטעלן אַ פאַרקערטן פּזמון מיט אַ געוווּנטשענעם, אַריסטאָקראַטישן ניט־גוטן. איך וואָלט עס געטאָן, נאָר ס'קען זײַן צו אָפן אַלס אַ קעגנגעוויכט צו יענער געשיכטע און וועט נישט ווירקן.

—אמת, האָט צוגעגעבן טערענס, קעמענדיק זײַנע ווייכע ברוינע האָר מיט צוויי פינגער. דאָס וועט ניט מאַכן קיין רושם. אָט ווען דער זעלביקער רוח אין אָוועראָלס און מיט גאָלדענע ציגל — דאָס וואָלט דערהויבן איר שטימונג. מײַן מאַמע האָט זיך גענומען אין קאָפּ הערלאָל־דישקייט, פּיף־פּאַף און פײַערדיק־קנאַקנדיק־פּאָמפּ, און איך וויל זי זאָל זיך פילן גליקלעך.

— איר זײַט אַ ווױלער בחור, טערענס, האָט געזאָגט מר"ס בעלמאַר, פאַרנעמענדיק אירע זײַדנס ענג צו איר לײַב — זעצט זיך נעבן מיר. לאָמיר באַטראַכטן דעם אַלבום, און איר וועט מיר דערציילן וועגן יעדן פון זיי. ווער, למשל, איז דער הויכער, ערנהאַפטיקער דזשענטעלמאַן מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אין זײַל?

— אָט דער אַלטער מאַן מיט די לאַנגע פּיס? — האָט טערענס אויסגעצויגן זײַן האַלדז? — דאָס איז אונדזער עלטער־פעטער אָ'בראַני־

גאַן. ער פלעגט האַלטן אַ ווינקעלער אַף דער באַלערי.

— איך האָב אײַך זיך געבעטן אַוועקזעצן, טערענס. אויב איר וועט מיך נישט אַמוזירן אָדער פאָלגן, וועל איך באַריכטן אינדערפרי, אַז איך האָב געזען אַ „דאַמאָוואַי" אין אַ שירץ און מיט אַ קרוג ביר. צו זײַן שעמעוודיק אין אײַער עלטער, טערענס, דאַרפט איר זיך רויטלען.

באַם פרישטיק פון לעצטן וויזיט־טאָג האָט מר"ס בעלמאָר דערשטוינט איטלעכן, פאַרזיכערנדיק, אַז זי האָט געזען דעם ניט־גוטן.

— האָט ער געטראָגן אַ... אַ... אַ...? — האָט די ווירטן געשטאַמלט, ניט קענענדיק פון דערשיטערונג אַרויסברענגען דאָס וואָרט.

— ניין, לחלוטין ניט!

אַ רעגן שאלות האָט זיך אַ גאָס געטאָן פון אַלע זײַטן טיש: האָט איר זיך דערשראָקן? וואָס האָט ער געטאָן? ווי האָט ער אויסגעזען? האָט איר נישט געקוויטשעט?

איך וועל זיך באַמיִען ענטפערן מיט אַמאָל, האָט מר"ס בעלמאָר געמאָלדן, כאָטש איך בין טויט־הונגעריק.

— עפּעס האָט מיך אויפגעוועקט, כ'וויס ניט זיכער, אַ גערויש, צי אַ ריר. און פּלוצעם — ס'שטייט אַ שד. איך ברען קיינמאָל נישט קיין ליכט באַנאַכט, איז געווען פינצטער, נאָר איך האָב אים געזען דײַטלעך. ס'איז ניט קיין חלום. ער איז געווען הויך, ווײַס פון קאָפּ ביז די פיס, אָנגעטאָן אין קאָלאָניאַלער הלבשה. געפּודערטע האָר. געפאַלדעוועטע מאַנקעטן, אַ ברייט אויבערשט קליידל און מיט אַ שווערד. כ'מוז צוגעבן: לכתחילה האָב איך אַביסל מורא געקריגן — דאָס ערשטע מאָל וואָס כ'האָב געזען אַ גײַסט. כ'האָב קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט, אויך נישט געשריִען. ווען איך האָב זיך אויפגעהויבן אַפן עלנבויגן, האָט ער זיך אַוועקגעגליטשט און פאַרשוווּנדן באַ דער טיר.

מר"ס קינסאָלווינג איז געווען ברייטער ווי לענגער. זי האָט פריידיק געזאָגט:

— אײַער באַשרײַבונג פּאַסט פּונקט צו קאַפּיטאַן קינסאָלווינג פון גענעראַל גרינס אַרמיי, אונדזער אַן עלטערער קרוב, האָט זי פאַרזיכערט מיט אַ ציטעריק קול פון גדלות און צוגעגעבן: איך דאַרף בפירוש בעטן מחילה באַ אײַך, מר"ס בעלמאָר, פאַר אונדזער לײַטזעליקן פאַרוואָנדעטן, ווײַל ער האָט אײַך געשטערט אײַער רו.

טערענס האָט מיט אַ שמייכל באַגריסט זײַן מוטער מיט איר געבי־טענער שטימונג, אַ צופרידענע, ווי ער האָט שטענדיק געוואָלט זען.

— איך מוז זיך מודה זײַן, אַז איך שעם זיך פון ניט ווערן צערו־דערט, שטאַרק צעשראָקן האָט, שלינגענדיק מיט הנאה איר איבערבײַסן, געזאָגט דער גאַסט. על־פּי־דין האָב איך באַדאַרפט קוויטשען, חלשן, און איר אַלע זאָלט קומען צולויפן אין בילדלעכע נאַכט־מלבושים. אָבער נאָך דער ערשטער מורא בין איך ניט אַרײַנגעפאַלן אין קיין פּחד, דאָס גע־שטאַלט האָט זיך אָפּגערוקט פּאַמעלעך, און איך בין צוריק געגאַנגען שלאָפן.

ס׳רוב צוהערער האָבן אויפגענומען מר״ס בעלמאָרס מעשה ווי אַן אויסגעטראַכטע אָפּצושוואַכן דעם אײַנדרוק פון דער פריקרער געשיכטע פון פריִערדיקן גאַסט, מר״ס פישער־סיומקינס. אַ פּאָר אָנווענדיקע אָבער האָבן באַגריפן, אַז זי האָט ניט אַלץ אויסגעזויגן פון פינגער, אַז זי האָט טאַקע געהאַט אַ ריכטיקן באַזוכער.

די דינסט האָט געפּאַקעוועט אין וועג אַרײַן, און די מאַדאַם האָט גערעדט צום שפּאַצירנדיקן טערענס: איך האָב נישט געוואָלט זאָגן פאַר אַלעמען, אַז דו ביסט פאַראַנטוואָרטלעך אין מײַן דערפאַרונג. דו ווייסט וויאַזוי דער ניט־גוטער האָט מיך אויפגעוועקט.

— מיט אַ קרעכץ פון קלינגענדיקע קייטן, האָט טערענס כלומרשט געזוכט צו טרעפן.

— פאַרוואָס־זשע האָט דער גײַסט מיך געקושט? — האָט מר״ס בעלמאָר, קוקנדיק אים אין די אויגן, געפרעגט.

— הימל, עפּן זיך! — האָט טערענס אויסגערופן מיט ברייט צעע־פנטע אויגן און געמאַכטער שטוינונג — האָט איר דערפון זיך אויפ־געוועקט?

— דאַרף מען אייך לייגן אַ פינגער אין מויל, זײַט איר נישט אינ־טעליגענט גענוג צו באַגרײַפן וואָס מ׳פילט פון אַ קוש?

— גערעכט! — האָט ער צוגעשטימט, רויט ווערנדיק און צוגעגעבן — איך דאַנק אײַך זייער פאַר אײַער קלוגער אידעע וועגן אַ געשטאַלט מיט אַ שווערד און רעוואָלוציאָנערן אויסזען. איר האָט געהאָלפן בײַטן מײַן מוטערס געמיט.

— קאַפּיטאַן קינסאָלווינג, אײַער זעליקער קרוב איז אַפּנים געווען אַ צוריקגעהאַלטענער, אַ באַשיידענער — האָט זי געזאָגט מיט אַ שמייכל אָבער מ'דאַרף גיין. אין אַ שעה אַרום פֿאָר איך.

אַפֿן וועג אַהיים האָט מר״ם בעלמאָר אַרויסגענומען פֿון איר קוישל אַ זײַדן טיכעלע און שמייכלענדיק עס באַטראַכט. זי האָט פֿאַרקניפּט עטלעכע מאָל און אַרונטערגעוואָרפֿן פֿון פֿעלדז, אַף וועלכן דער וועג איז געלאָפֿן.

אין זײַן צימער האָט טערענס געגעבן זײַן דינער אַ פּעקל אָפּצושיקן, לויטן אַדרעס אַפֿן קאַרטל, צו אַ ניו־יאָרקער קאָסטיומען־קרעמער. דאָס פּעקל איז באַשטאַנען פֿון אַ מענערשן אָנצוג פֿון די זיבעציקער יאָרן, גענייט פֿון ווײַסן סאַטין מיט זילבערנע קנעפּ, ווײַסע זײַדענע זאָקן און פֿון זעלבן קאָליר לעדערנע שיך; אויך אַ געפּודערטער פּאַרוק און אַ שווערד.

— זוך גוט אַ זײַדן טיכעלע מיט מײַנע איניציאַלן, כ'האָב עס ערגעץ אַרונטערגעלאָזט, האָט ער אָנגעזאָגט דעם משרת.

אין אַ חודש אַרום האָט מר״ם בעלמאָר איבערגעקוקט אַ רשימה פֿון פּרײַנט פֿאַר אַן אַרויספֿאָר. זי האָט דערזען דעם נאָמען פֿון טערענס קינסאָלווינג. מיט איר גזירה־בלײַשטיפֿט האָט זי עס פֿאַרשטראָכן, מורמלענדיק: „צו שעמעוודיק״.

וויפל?...

אָנהייב דעם יאָרהונדערט איז אַן אַלטער ניו־יאָרקער, סעפּטימוס קינסאָלווינג, געפאַלן אַפן שכל. ער האָט זיך דערטראַכט צום געדאַנק, אַז ברויט איז געבאַקן פון מעל און ניט פון לופט. אָנטאַפּנדיק, אַז דער מין איז מצימצום און די סטאַק עקסטשענדזש האָט ניט קיין דעה איבערן וואַקסנדיקן ווייץ, איז מ״ר קינסאָלווינג געוואָרן איינגעשפּאַרט באַם מעל־פּאַרקויף.

דער סוף איז געווען, אַז ווען איר, צי יאָקל־פּיִוויש האָט געקויפט אַ לאַבן ברויט, האָט איר אַוועקגעלייגט איבעריקע צוויי סענט באַלוינונג פאַר מ״ר קינסאָלווינגס המצאה. אַ צווייטער פּועל־יוצא — דער „דער־פינדער" האָט אַראָפּגעשאַרט צוויי מיליאָנטשיקלעך.

מ״ר קינסאָלווינגס זון, דען, איז געזעסן אַף דער שול־באַנק, ווען דער ברויט־חשבון איז אַרויס. אַהיימקומענדיק אַף וואַקאַציע, האָט ער געפונען זיַין פאָטער זיצן אַפן גאַנעק פון זיַין פּאַלאַצל, אַף וואַשינגטאָן־סקווער, אין אַ רויטן כאַלאַט איבער אַ זשורנאַל. ער האָט זיך צוריקגע־צויגן פון די געשעפטן אַ דאַנק דער צווייסענטיקער הוספה אַף ברויט, וואָס האָט געגעבן אַזוי פיל, אַזש אַרומצורינגלען מיט די מטבעות, אויס־געלייגטע איינס לעבן ס׳אַנדערע, פּופּצן מאָל אַרום ערד־קיַילעך מיט אַ נשאר.

דען האָט גענומען שלום־עליכם פון זיַין פאָטער און אַוועקגעיאָגט קיין גריניטש ווילעדזש צו זען זיך מיט זיַין אַלטן שול־חבר, קענוויץ, וועמען ער האָט שטאַרק געשעצט. זיַין פריַינט איז געווען אַ בלייכער, מיט געקריַיזלטע האָר, אַן ערנסטער, פּאַרטיפּטער, אַ למדן, געשטימט אַלט־רוּסיש, סאָציאַליסטיש און בטבע אַ שונא פון אָליגאַרכיע. קענוויץ האָט פאַרלאָזט די שול־באַנק און אַוועק צום טאַטן אין צירונג־קרעמל לערנען

זייגערמאַכערײַ. דען איז געווען אַ שמייכלדיקער, לעבעדיקער, אַ מרוצה לבריות. די צוויי היפּכדיקע פרײַנט האָבן זיך דאָך געהאַלטן נאָענט. דען איז אַוועק אין הויכשול און קענוויץ צו דער הויפּט־פּרוזשינקע — אין זײַן פּריוואַטער ביבליאָטעק אונטערן ווערקשטאַט.

אין פיר יאָר אַרום איז דען אַהיימגעקומען מיט אַן אַטעסטאַט און אַן אויסקוק צו שטודירן צוויי יאָר אין אייראָפּע. ער איז געגאַנגען אַף קבר־אבות, אַ לעצטן קוק צו טאָן אַף זײַן פאָטערס גרויסאַרטיקער מצבה און אויך גענומען זיך די טרחה אַרײַנצוקוקן מיטן משפּחה־בוכהאַלטער אין די חשבונות און, דערפילנדיק זיך אַלס נעבעכדיקער הילפסלאָזער מיליאָנער, איז ער אַוועק צו זײַן אַלטן חבר זייגערמאַכערײַ אַף יענער זײַט זעקסטער עוועניו.

קענוויץ האָט אָפּגעשרויפט אַ פאַרגרעסער־גלאָז פון זײַן אויג, אַרויסגערופן דעם פאָטער פון אַן אונטערשטן חדר און פאַרביטן די זייגער־אינגעווײדן אַפן פאַרק. די חברים האָבן זיך געזעצט אַף אַ באַנק. דען האָט זיך נישט געביטן קיין סך: הויך, גאָדלדיק און שמייכלענדיק. קענוויץ — ערנסט, דענקענדיק, באַלעזן, פילאָזאָפיש, סאָציאַליסטיש.

— איצט ווייס איך שוין, האָט דען געזאָגט — כ'האָב עס אַרויסגעפּאָמפּעט פון די באַלויכטנדיקע לעגאַליטעטן, וואָס האָבן מיר אויפגעדעקט מײַן פאָטערס אָנגעפּראָפּטע באַנדס און מזומנים. דער סך־הכל איז — צוויי מיליאָן. מ'האָט מיך אויפגעקלערט, אַז דאָס האָט ער אָנגעזשעברעוועט פון די קבצנים, וועלכע האָבן געמוזט צאָלן טײַערער פאַר ברויט. דו, קען, האָסט שטודירט עקאָנאָמיע און ווייסט וועגן מאָנאָפּאָליעס און די אָקטאָפּוסעס (אַכטפיסיקע באַשעפענישן), ווי אויך די רעכט פון האָרע־פּאַשנעם פאָלק. איך האָב קיינמאָל פריִער ניט געטראַכט דערפון. פוטבאָל און זײַן שמייכלענדיק צו מײַנע מיטמענטשן — דאָס איז געווען בײַ מיר דער עיקר. נאָר זינט איך בין צוריקגעקומען און געקריגן אַ ידיעה, ווי־אַזוי מײַן פאָטער האָט געמאַכט זײַן פאַרמעגן, האָב איך גענומען קלערן. איך וואָלט וועלן אומקערן צו די אביונים, וואָס זיי האָבן אַזוי פיל איבער־געצאָלט אַף זייערע לאַבנס ברויט. כ'ווייס, מײַן הכנסה וועט פאַרקירצט ווערן באַדײַטנדיק. איך וויל אָבער אויסקויפן זיך פון זיי. איז פאַראַן אַ דרך, אַן ערך?

קענוויצעס גרויסע שווארצע אויגן האָבן אויפגעלויכטן מיט אַ פייער. זיין דין, קלוג פּנים האָט באַקומען אַ חוזק־אויסזען. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דענס אָרעם מיט אַ מינע פון אַ פריינט און שופט צוזאַמען.

— דאָס איז אוממעגלעך, האָט ער געזאָגט אויסדריקלעך. דער גרעס־טער עונש פאַר אייך, באַזיצער פון אומיושרדיקן פאַרמעגן איז, אַז ווען איר דערפילט חרטה איז שוין צו שפּעט צו פאַרריכטן דאָס שלעכטס, וואָס איר האָט גורם געווען. איך שאַץ אָפּ דיין הארץ, דען, אָבער ס'איז לאחר־זמן, צו שפּעט עפּעס אויפצוטאָן. יענע זיינען באַגזלט געוואָרן פון זייערע פאַרשווייסיקטע סענטן; דו קענסט אָבער נישט אָפּצאָלן.

— אוודאי — האָט געענטפערט דען, פאַררייכערנדיק זיין לולקע — קען מען נישט אויפקלייבן יעדן באַזונדער און אומקערן זיינע איבערגע־צאָלטע פּענים. געגוג לאַבנס האָבן זיי אַריינגעשטאָפּט. סאַראַ טעם זיי פילן דערין?! איך האַלט גאָרנישט פון ברויט, סיידן אַ טאָוסט־קרעקער מיט ראָוקערפאָרד־קעז. עטלעכע קען מען דאָך געפינען און אָפּשיקן פון מיין פאַטערס מזומנים צו יענע, פון וועמען ס'איז געקומען. כ'וואָלט זיך געפילט בעסער. ס'איז דאָך אומיושרדיק! ווען מ'קויפט געבראַטענע ראַ־קעס, זשאַבע־פיסלעך — מיילע, רייס אַ פּרייז, אָבער פון פוסנע ברויטן?! טראַכט צו עפּעס, קען. איך וויל צוריקצאָלן, וויפל איך קען נאָר.

— קאַרג צדקה־פּושקעס פאַראַן?! — האָט קען טרוקן באַמערקט.

— ס'זיינען דאָ, כ'פאַרשטיי, האָט דען געזאָגט אין אַ וואָלקן רויך. כ'וואָלט געגעבן דער שטאָט אַ פּאַרק אָדער בעטן אין אַ שפּיטאָל.

קענס דאַרע פינגער האָבן זיך שנעל באַוועגט:

— ווייסטו וויפל געלט מ'דאַרף אומצוקערן פאַר דער גזלה באַם ברויט קויפן? — האָט ער געפרעגט.

— כ'וויים ניט, האָט דען געענטפערט. מיין בוכהאַלטער זאָגט אָבער, אַז איך פאַרמאָג צוויי מיליאָן.

— זאָלסט אפילו האָבן הונדערט מיליאָן, האָט קענוויץ אויסגערופן — קענסטו נישט פאַרריכטן אפילו אַ טויזנט־חלק פון די עוולות, וואָס די עשירות פאַרורזאַכט. יעדער סענט, וואָס, מ'נעמט אַוועק פון אָרעמאַן שעדיקט אים טויזנט מאָל מער. קענסט ניט זען, ווי האָפּענונגסלאָז ס'איז דיין רצון, צו פאַרגלעטן דאָס רשעות.

— דו זאָלצסט איבער, פילאָזאָף, די פּעני וויים ניט פון אַזאַ חולאת,

וואָס דער דאָלער זאָל דערצו ניט קענען קיין רופא זײַן, האָט דען געטענהט.

— בשום־אופן נישט! — האָט קענוויץ ווידערהאָלט. איכל דיר ברענגען איין משל און לאָמיר זען.

טאָמאָס באָיען האָט געהאַלטן אַ בעקעריי אָט דאָ אויף ווײַריק גאַס. זײַנע קונים זײַנען געווען פון די אָרעמסטע. בשעתן יקרות האָט ער גע־דאַרפט לייזן געבעקס טײַערער. זײַנע קונדן האָבן ניט געקענט צאָלן. באָיען האָט געמוזט צומאַכן זײַן קרעמל און פאַרלירן די טויזנט דאָלער וואָס ער האָט אַרײַנגעבראַקט, און איז געבליבן נאַקי, אָן אַ סענט.

דען גינסאָלווינג האָט אַ זעץ געטאָן אין דער פּאַרק־באַנק מיט זײַן שטאַרקן פויסט.

— איך נעם אָן דעם משל, האָט ער געשריִען — פיר מיך צו באָיע־נען, וועל איך אים אומקערן זײַנע טויזנט דאָלער און עפענען אים אַ נײַע בעקערײַ.

— שרײַב אַ טשעק, האָט קען געזאָגט — דערנאָך שרײַב טשעקעס פאַר אַלע נאָכפאָלגנדיקע צרות. דעם צווייטן מאַך אויף פופציק טויזנט. באָיען איז אַראָפּ פון זינען נאָך זײַן באַנקראָטירן און אונטערגעצונדן דאָס הויז, פונוואַנען מ'האָט געהאַלטן אין אַרויסוואַרפן אים. דער שאָדן האָט באַטראָפן, וויפל כ'האָב געזאָגט. באָיען איז געשטאָרבן אין משוגעים־הויז.

— האַלט! — האָט דען אויסגערופן — איך האָב נאָך נישט קיין פּאַרזיכערער־געזעלשאַפטן אויף מײַן רשימה פון צדקה־נעמער.

— דעם ווײַטערדיקן טשעק שרײַב אויף הונדערט טויזנט, האָט קען פאָרגעזעצט — באָיענס זון איז אַוועק אויף שלעכטע וועגן און איז באַשול־דיקט געוואָרן אין מאָרד. ערשט די לעצטע וואָך איז ער פרײַ אַרויס נאָך אַ דרײַ־יאָריקן געראַנגל אין די געריכטן. די מלוכה שלעפּט אַרויס בײַ די שטײַער־צאָלער דעם הזק פאַרן משפט.

— קום צוריק צו דער בעקערײַ, האָט בען פאַרלאַנגט — די רעגי־רונג דאַרף נאָך שטיין אין ברויט־רײַי.

— דעם לעצטן פּונקט פון בײַשפּיל קום מיט מיר זען, האָט קען געזאָגט אויפשטייענדיק.

דער סאָציאַליסטישער זייגערמאַכער האָט געשוועבט אין זיבעטן

הימל.. עס איז געווען אַ שונא פֿון מיליאָנערן פֿון זײַן מאַמעס בויך. ער קען אײַך באַווײַזן אין איין אָטעם, אַז געלד און זילבער איז אַן אומגליק, אַזוי ווי אַז אײַער זייגער דאַרף אַ נײַע פֿעדער און אַז מ׳דאַרף אים אויס־רייניקן.

ער האָט דענען אַרויסגעפֿירט פֿון סקווער אין דער אָרעמסטער וואַ־ריק־גאַס. זיי זײַנען אַרויפֿגעגאַנגען די שטיגן צו אַ קוויטיקער ציגל־הויז. קענוויץ האָט אָנגעקלאַפּט אין אַ טיר און אַרײַנגעבראַכט דעם קאַפּאַרע־זוכנדיקן מיליאָנערסקן יורש. אַ קליגענדיקע, קלאָרע פֿרויען־שטימע האָט זיי געבעטן זיצן אַפֿן בעט. דאָס צימער איז געווען כּמעט ליידיק, די באַלע־באָסטע איז געזעסן בײַ אַ נײַ־מאַשין. זי האָט זיך געגריסט מיט קענוויצן ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. אַ קליינער ליכט־שטראַל האָט באַלויכטן אירע געדיכטע טונקעלע האָר. זי האָט מיט די אויגן ווי געפֿרעגט קענען, וואָס זייער קומען באַצוועקט.

קינסאָלווינג האָט באַוווּנדערט איר אויסגעמאַטערט, נאָר חנוודיק פּנים.

— וויפֿל די וואָג, מיסעס באָיען? — האָט געפֿרעגט דער זייגער־מאַכער, טײַטלענדיק צו אַ באַרג גרויע, גראָבע העמדער, וואָס זײַנען גע־לעגן אַפֿן דיל.

— כּמעט דרײַסיק טוץ, האָט די יונגע פֿרוי פֿריילעך געענטפֿערט — איך וועל האָבן פֿאַרדינט פֿיר דאָלאַר. כ׳וואַקס, מ״ר קענוויץ, כ׳ווייס פּשוט ניט, וואָס צו טאָן מיט אַזויפֿיל ממתקים.

אירע אויגן האָבן אַ ווייכן קוק געטאָן אויף דענען. אַ קליינער ראָזע־ווער פֿלעק איז אַרויס אויף אירע באַקן.

קענוויץ האָט געכיכיקעט טײַוולאָניש.

— מר״ס באָיען, האָט ער געזאָגט — לאָמיך אײַך באַקענען מיט מ״ר קינסאָלווינג, דעם זון פֿון יענעם מאַן, וועלכער האָט געהעכערט אַפֿן מעל פּאַר פֿינף יאָרן. ער וואָלט וועלן עטוואָס טאָן פֿאַר יענע, וועמען דאָס שטײַגן פֿון ברויט האָט דאַן פֿאַרשאַפֿט „אומבאַקוועמלעכקייטן״.

דער שמייכל איז פֿאַרשוווּנדן פֿון דער פֿרויס פּנים. זי איז אויפֿגע־שטאַנען און אָנגעוויזן מיטן פֿינגער צום טיר, קוקנדיק אין קינסאָלווינגס פּנים גלײַך און אומפֿרײַנטלעך.

די צוויי מענער האָבן פאַרלאָזט די וואַריק־אַרעמקייט. קען האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר דער באַיענס אומפּרייַנטשאַפט און האָט אָפּן וועג אויסגעלאָזט זייַן האַרץ אַף די קעפּ פון די אַכטפּוסיקע. באַם ראָג האָט דען געדריקט קענס האַנט:

איך דאַנק דיר פיל מאָל, אַלטער פרייַנט, טויזנט דאַנקען דיר, האָט ער ערנסט געזאָגט.

אין אַ פּאָר חדשים אַרום האָט קענוויץ אָפּגעטראָגן צום אייגנטימער פון אַ גרויסער בעקערײַ אַ פּאָר אין גאָלד אײַנגעפּאַסטע ברילן. אַ פרוי האָט בשעת מעשה באַשטעלט געבעקס.

— די לאָבנס קאָסטן צו צען סענט, האָט דער אָנגעשטעלטער געזאָגט.

— איך קריג זיי פאַר אַכט, האָט אויסגעזעצט די קונהטע — וועל איך זיי קויפן אַנדערשוו.

דאָס קול איז אים געווען קענטלעך, דער זייגערמאַכער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

— מ״ר קענוויץ, האָט די פרוי אים הארציק באַגריסט — וואָס מאַכט איר?

קענוויץ האָט שטוינענדיק באַטראַכט איר שיינעם פוטער־מאַנטל און דעם געשפאַן, וואָס האָט געווארט אַף איר אינדרויסן.

— וואָס טוט פרוי באַיען? — האָט ער געזאָגט.

— מר״ם קינסאָלווינג, האָט זי אים פאַריכט. דען און איך האָבן חתונה געהאַט אַ חודש צוריק.

„זאַכן זייַנען נישט תמיד אַזוי, ווי זיי ווייַזן זיך פון אויסן״ — האָט קענוויץ געזאָגט צו זיך באַזאָרגט.

די ציגלשטויב־גאַס

בלינקער איז געווען אומצופרידן. אַן אַנדערער מיט ווינציקער קול־טור, שטאַט און עשירות וואָלט געזידלט. אָבער בלינקער געדענקט, אַז ער איז אַן אַדלמאַן און וואָלט ער אסור געטאָן. האָט ער אויסגעזען זויער, צום חלשן פאָרנדיק אין אַ פּאַטאָנדל צום קוואַל פון זײַנע צרות — זײַן בראָדווייער אַקוואָקאַט, דעם אַגענט פון די בלינקער נחלות.

— איך ווייס נישט, פאַרוואָס איך מוז כסדר חתמענען אומזיניקע פּאַ־פּירן. איך האָב זיך שוין אײַנגעפּאַקט און געדאַרפט אָפּפאָרן, דאַרף איך גאָר וואַרטן ביז מאָרגן פרי. מײַנע בעסטע גאָלמעסערס זײַנען ערגעץ פאַר־לייגט אין אַ רענצל. ס'איז פּשוט אַ תוכחה צו זיצן באַם פּלאַפּלער, שערער. גיט מיר אַ פּען וואָס סקריפּעט ניט. איך האָב פײַנט קריצנדיקע פּענעס.

— זעצט זיך, האָט געזאָגט דער טאָפּל־גלידערדיקער גרויער אַדוואָ־קאַט אַלדפאָרט — דו ווייסט נאָך נישט דאָס ערגסטע. אוי, נעבעך, די פּורעניות (גרויסע צרות) פון די נגידים! די פּאַפּירן וועלן זײַן פאַרטיק צום חתמענען ערשט מאָרגן עלף אַזייגער, וועסטו מוזן פאַרלירן נאָך אַ טאָג. דער צירולניק וועט דאָך דאַרפן נאָר דײַן נאָז אַרומצופּן, אָבער ניט, חלילה שערן דײַן קאָפּ.

— אויב, האָט בלינקער אַ זאָג געטאָן — די אַקטן וואָלטן נישט געווען פאַרבונדן מיט אונטערשרײַבן, וואָלט איך תיכף אַרויסגענומען מײַנע געשעפטן פון אײַערע הענט. גיט מיר אַ ציגאַר, כ'בעט אײַך.

— אויב, האָט נאָכגעקרימט דער אַלטער אַדוואָקאַט — מיך וואָלט נישט געאַרט מײַן אַלטן פרײַנטס זון זאָל באַשווינדלט ווערן, וואָלט איך דיר שוין לאַנג אַלץ צוריק אָפּגעגעבן. איך מוז צווינגען דיך זײַן באַ־טראַכט אין ביזנעס, געשעפטן, הערסט? זאָל זיך קערן די וועלט! איך

רייד צו דיר שוין פינף יאָר און דו פאַרשטאָפּסט די אויערן, אײַלסט זיך אין וועג. דער עסק איז ווידער אַרויפגעקומען. דאָס גוט...

— אָך, ווידער „גוט", „גיטער", האָט איבערגעשלאָגן בלינקער — טײַערער מ"ר אַלדפאָרט, איר האָט דאָך דערמאָנט „מאָרגן". לאָמיר - זשע לאָזן אַלץ אַף דעמאָלט: חתימות, געשעפטן און דאָס שטענדיקע טריפ־וואַקס — אַלצדינג. ווילט איר עסן מיט מיר? מיילע, וועל איך זען האַלטן אין זכרון אַרײַנצוכאַפּן זיך מאָרגן עלף.

בלינקערס פאַרמעגן איז באַשטאַנען פון לאַנד, טענעמענט־הײַזער און ירושות, ווי ס'הייסט אָפיציעל. דער אַדוואָקאַט האָט איינמאָל אַרומ־געפירט בלינקערן אין זײַן טאַראַטײַקע צו ווײַזן אים זײַן אייגנטום: די פיל בנינים, רייען הײַזער אין שטאָט בלויז, ער איז געווען דער איינציקער יורש. דער יונג האָט געלאַכט, וויאַזוי חורבות האָבן געקענט אַרײַנבערענ־גען פאַרמעגן, וואָס דער אַדוואָקאַט אַלדפאָרט פלעגט זאַמלען אין די בענק פאַר אים אויסצובערענגען.

אין אָוונט איז בלינקער געגאַנגען אין איינעם פון זײַנע קלובן עסן. ער האָט געטראָפן נאָר עטלעכע זקנים, וואָס האָבן גערעדט צו אים מיט גרויס דרך־ארץ, נאָר געקוקט פון אויבן אַראָפּ. אַלע אַנדערע זײַנען זיך צעפאָרן, ער איינער איז געבליבן, ווי אַ תלמיד, צו שרײַבן זײַן נאָמען אָבער און ווידער אַף פּאַפּירלעך. זײַן ווונד איז געווען טיף.

ער האָט געוויזן די פּלייצע דער אַלטווארג און זיך אָנגערופן צום באַדינער, וועלכער האָט אונטערגעטראָגן דעם קאַלטן סעמען־רוויג:

— סיימאָנס, איך פאָר אין קוני־איילאַנד — ס'האָט געקלונגען, ווי איינער רעדט: פאַרפאַלן די קו מיטן שטריק, איך וואַרף זיך אין וואַסער אַרײַן! דער וויץ האָט אויסגענומען בײַ סיימאָנסן. ער האָט אַ לאַך געטאָן אַף אַ זעכצנטל נאָט, ווי ס'איז דערלויבט אַ קלוב־אָנגעשטעלטן.

— באמת סיר, לחלוטין גלײַך ווי איך זע אײַך אין קוני, מ"ר בלינקער.

בלינקער האָט אין אַ צײַטונג אויסגעפונען די שיף, וואָס גייט מיטן נאָרד־טײַך קיין קוני־איילאַנד. ער האָט געכאַפּט אַ טאַקסי און צוגעפאָרן צום ברעג. ער האָט זיך געשטעלט אין ריי, דעמאָקראַטיש, ווי יעדערער, געקויפט אַ בילעט, געשטויסן געוואָרן און געשטופּט פאַרויס, ביז סוף־כל־סוף ער האָט זיך געזען אַפן דעק. ער האָט זיך פאַרקוקט אַף אַ מיידל

א יפת תואר, וואָס איז געזעסן איינע אַליין אַף אַ דעק־שטול. בלינקער האָט זיך געהאַלטן אין דער מעלה — די מיידל איז געווען אַזוי רייצנד שיין, אַז ער האָט פאַרגעסן זײַן פּרינצלעכן מנהג און געפירט זיך ווי אין געזעלשאַפט.

זי האָט אויך געקוקט אַף אים מילד. אַ בלאָז פון אַ ווינטל האָט גע־שטעלט אין סכנה זײַן שטרוי־הוט. ער האָט עס דערכאַפּט באַצײַטנס און פאַרפעסטיקט, וואָס האָט געמאַכט אַן אײַנדרוק פון אַ נויג. די מיידל האָט פאַרבויגן זיך מיט אַ שמייכל, און אין אַ רגע אַרום האָט ער זיך גע־פונען באַ איר זײַט. זי איז געווען געקליידט אינגאַנצן אין ווײַס און אויסגעקוקט בלייכער ווי ער האָט זיך פאָרגעשטעלט מיידלעך פון אָרעמען שטאַנד. אָבער ס'האָט אַף איר אַלץ געזונגען, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ קאַרשנבוים אין בלי. אויגן אָפענע, גרויע, האָבן אַרויסגעשײַנט פון אַ טיף אומבאַשאָטנט, אומגערודערט ווען.

— ווי האָט איר געוואָגט אַרונטערנעמען אײַער הוט צו מיר? — האָט זי געפרעגט מיט אַ דרייסטן שמייכל.

— איך האָב נישט, האָט בלינקער געזאָגט און גלײַך פאַרכאַפּט זײַן טעות — איך האָב נישט געקענט צוריקהאַלטן זיך, דערזעענדיק אײַך.

איך דערלויב נישט קיין יונגעלײַט זעצן זיך נעבן מיר, ניט זײַענדיק פריִער פאָרגעשטעלט, האָט זי געזאָגט מיט אַ כלומרשטן עזות, אַז עס האָט געגאָרט.

ער האָט זיך אויפגעהויבן אומווילנדיק, נאָר איר הילכיקער שטיפע־רישער געלעכטער האָט אים צוריקגעזעצט.

— כ'גלייב, איר פאָרט נישט ווײַט, האָט זי באַמערקט מיט דער זי־אין פּאַרק — האָט זי געזאָגט חוזקדיק.

— פאָרט איר קיין קוני־איילאַנד? — האָט ער געפרעגט.

— איך? גאָר אַזוי. זעט איר ניט, אַז איך פאָר אַף אַ וועלאָסיפּעד אין פּאַרק — האָט זי געזאָגט חוזקדיק.

— און איך לייג ציגל אַף אַ הויכן פאַבריק־קוימען, האָט ער אָפּגע־שלאָגן — אפשר וואָלטן מיר בשותפות געזען קוני? איך בין איינער אַליין און דאָרט קיינמאָל נישט געווען.

— ס'וואונדערט זיך, ווי אָנשטענדיק איר וועט זיך פירן. איך וועל באַטראַכטן אײַער וואנדונג ביז מירן אָנקומען אַהין.

בלינקער איז געקראָכן פון דער הויט זײַן פאַרלאַנג זאָל ניט צוריק־געוויזן ווערן. ער האָט שווער געהאָרעוועט צו געפעלן. ער האָט, לויט זײַן משל, געלייגט ציגל אַף ציגל ביז דער בנין איז געקומען צו שלימות. די באָן־טאָן־מידות האָט ער פאַרביטן אַף נאַטירלעכקייט און פשטעס, ווי זי האָט זיך געפירט.

ער האָט געקראָגן ידיעות, אַז זי איז צוואַנציק יאָר אַלט און הייסט פלאָרענס; אַז זי פוצט דאַמען־היטעלעך אין אַ שאַפּ, וווינט אין אַ מעבלירט צימער מיט אַ חברטע, וועלכע איז אַ קאַסירערן אין אַ שיך־קראָם; אַז אַ גלאָז מילך פון אַ פלאַש אַפן פענצטער מיט אַן איי, וואָס קאָכט בשעתן פאַרקעמען זיך, איז אַ נישקשהדיקער פרישטיק. פלאָרענס האָט געלאַכט, ווען זי האָט געהערט דעם נאָמען „בלינקער".

— נו, נו, האָט זי געזאָגט — איר זײַט אויסגערעכנט, געבנדיק די „סמיטס" אַף אָפּרו־צײַט.

זיי האָבן געגרייכט קוני און אַרײַן אין געדרענג, אין טומל פון אַ גרויסער מענטשן־כוואַליע תענוג־זוכערס אין פעירילענד.

פאַרחידושט, קריטיש און צוריקגעהאַלטן האָט בלינקער באַטראַכט די טעמפּלען, פּאַגאָדאַס און בײַדלעך פון פּאָפּולערע וווּנדער. דער המון האָט אים געטראָטן, געדריקט, געשטויסן. קלעפּיקע קינדער זײַנען גע־קראָכן הינטער די פיס, געקוויטשעט, פאַרקלעפּט מיט צוקערוואַרג זײַנע מלבושים. פרעכע יונגען האָבן געשפּאַנט צווישן די בוידן מיט שווער דער־וואָרבענע שטעקלעך און לײַכט געוווּנענע מיידלעך. זיי האָבן אים געבלאָזן אין פּנים רויך פון ביליקע ציגאַרן. די אַרײַנשרײַערס האָבן גערײַטשעט אין מעגאַפאָנען, ווי די ניאַגאַראַ־ לויבנדיק זייערע אַנטיקן. אַלערליי כלי־זמר פון מעש, טראָסטינע, פעל און סטרונע האָבן קאָנקורירט פאַר דער לופט צו לאָזן זיך הערן. באַזונדער באַרוישט איז בלינקער געווען פון דעם עולם. די מאַסע, אין מענגעס שרײַענדיקע, יאָגנדיקע, רײַסנדיק די העלדזער גוואַלדעווען, ווילדעווען, קאָמאַנדעווען, וואָיעווען משוגענערווײַז, אומפאַרשעמט. די אומבאַגרענעצטע רויע וווּלגאַריטעט, להיפוך צו דעם געשמאַק און האַלטונג פון זײַנע קרײַזן, האָט אים אָפּגעשטויסן, געעקלט.

אין דעם ווידערווילן האָט ער אַ קוק געטאָן אַף פלאָרענסן. זי האָט גרייט געהאַט אַ בליק פול פרייד און גליק... אירע קלאָרע אויגן, ווי קוועלנדיק וואַסער, האָבן ווי געזאָגט, אַז זיי האָבן אַ רעכט צו פינקלען,

ווייל איז דען זייער איינגטימערן ניט באגליט געווען (כאטש צייטווייליק מיט איר מענערשן פריינט, וואס האט געהאלטן די שליסלען צו דער כישוף־שטאט פון הנאה).

בלינקער האט געלייענט אין אירע אויגן דורכדרינגלעך, און ווי דורך א צויבער האט ער דערזען דיווירקלעכע קוני.

ער האט שוין מער נישט געזען קיין מאסע גראבע יונגען, זוכער פון וואלוול פארגעניגן· ער האט דערזען טויזנטער אידעאליסטן. זייערע באַליידיקונגען זיינען אפגעווישט געווארן. הגם פאלש, שרייענדיק, זיינען די געוויזענע קונצן אין די ארויסרופנדיקע געצעלטן, זיינען זיי אבער טיף הינטער דעם אויבערפלאך געווען באהאלטן אומבאפרידיקטע פארלאנגען, באגערן פון מענטשלעכן הארץ — די שאל פון ראַמאנסן, די ליידיקע דאך גלאנצנדיקע קאסקעס פון העלדישקייט, דאס פארבאפנדיקע רופן פון שרעקלאזן, דער צויבער־דיוואן, וואס טראגט דיך אין וווּנדערלאנד, רק אף א באגרענעצטן שטח. ער האט מער נישט געזען קיין ערב־רב, נאר זיינע מיטברידער, וואס זוכן דאס פערפעקטע, דעם אידעאל. ס'איז ניט געווען, אמת, דער צויבער פון פאעזיע, קונסט, אבער דער כשוף פון זייער פארשטעלונג, פאנטאזיע האט פארוואנדלט געלע אונטערשלאק אין גאלדן־טוך, און די מעגאפאנען — אין זילבערנע טרומייטן פון פרייד־העראלדן.

הכנעהדיק האט בלינקער פארשארט די ארבל פון זיין שכל און זיך מתיחד געווען מיט די אידעאליסטן.

— איר זייט פרוי דאקטער, זאגט ווי זאלן מיר זיך נוהג זיין צו פארדייען די קוועלנדיקע לוסטיקייט פון אלע צויבער־בילדער?

— מירן אנהייבן דארט, האט די פרינצעסן געטייטלט אף א פאגאדע אין עק — דערנאך וועלן מיר איינעמען די איבעריקע איינס נאכן אנדערן.

זיי האבן געכאפט די אכט אזייגערדיקע שיף אף צוריק און געזעצט זיך, אנגעפילט מיט הנאהדיקער מידקייט בא די שטאכעטן אין פראנט פון שיף, און איינגעהערט זיך צו די איטאליענישע פידל און הארפע. בלינקער האט אראפגעווארפן פון זיך אלע דאגות:

— סארא צימעס איך האב געמאכט פון התמענען מיין נאמען. פו! איך וואלט געקענט דאס טאן הונדערט מאל, און איר נאמען איז שיין ווי

זי אַליין. „פלאָרענס" האָט ער איבערגעזאָגט אין זיך פיל מאָל.

ווען זייער שיפל איז געקומען נאָענט צום ברעג אין נאָרט־ריווער, האָט אַ גרויסער דאַמפער זיך געלאָזט אין ים אַריין. די קוני־שיף האָט אויסגעדרייט די נאָז צום ברעג. דער דאַמפער האָט זיך געוואַלט אויס־דרייען אין מיטן שטראָם, האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין קוני־שיף מיט אַ שטאַרקן טראַסק און איר איינגעבראָכן. די שיף האָט אָנגעהויבן זינקען, אָבער גלייכצייטיק זיך דערנענטערן צום ברעג.

די זעקס הונדערט פּאַסאַזשירן האָבן גענומען אַרומלויפן פול מיט פּחד, שרייען און ליאַרעמען.

פלאָרענס אָבער האָט ניט געוויזן קיין סימן פון מורא.

בלינקער האָט געהאַלטן פלאָרענסן ענג צו זיך, בשעת די צעשע־דיקטע שיף האָט זיך אויסגעדרייט צו איר ציל. ער האָט זיך אַרויפגע־שטעלט אויף אַ שטול און אַראָפּגעשלעפּט אַ בינטל „לעבנס־פּאַרהיטער" און איין בייגל גענומען בינדן אַרום מיידל. די ליַיוונט האָט זיך צע־קראָכן און דער קאָרעק צעשאָטן אין שטויב. פלאָרענס האָט אונטערגע־כאַפּט אין איר זשמעניע און קלינגענדיק געלאַכט.

— ס'זעט אויס ווי ברוינע גריפּן, נעם עס אַוועק, ס'טויג אויף כפּרות, האָט זי געכיכיקעט, אָפּגעשפּילעט דעם „פּאַרהיטער" און אַראָפּגעוואָרפן עס. זי האָט אַוועקגעזעצט בלינקערן נעבן זיך און אַריינגעלייגט אירע הענט אין זיינע.

— אויף וויפל געוועט, אַז מיר וועלן אָנקומען בכי־טוב? — האָט זי געזאָגט און גענומען ברומען אַ ניגון.

דער קאַפּיטאַן איז אַרומגעגאַנגען און באַרויִקט דעם צאַפּלענדיקן עולם, פאַרזיכערנדיק, אַז מ'וועט בשלום צוקומען צום ברעג. ער האָט גע־הייסן פרויען און קינדער פאַרנעמען דעם שפּיץ, כדי אַראָפּצוגיין די ער־שטע. די שיף, בייגנדיק זיך אַלץ נידעריקער אין וואַסער, האָט זיך גלייכ־צייטיק גערוקט פאָרויס.

— פלאָרענס! — האָט זיך אָנגערופן בלינקער, בשעת זי האָט אים געהאַלטן צוגעפּרעסט — איך האָב דיך ליב·

— אַלע זאָגן דאָס, האָט זי גיך געענטפערט.

— איך בין ניט איינער פון „אַלע", האָט ער געטענהט — איך האָב קיינעם פריִער ניט געליבט. מיר וואָלטן די יאָרן זיך אויסגעלעבט אין

נחת. איך בין רייך, כ׳קען דיין לעבן מאכן מזל־ברכהדיק.

— אלע ריידן אזוי, האט זי איבערגעחזרט, קוקנדיק אים אין די אויגן איבערראשנדיק גלייכגילטיק און אונטערברומענדיק:

— זאג עס ניט מער, האט בלינקער ארויסגערעדט אזוי העפטיק, אז זי האט געשטוינט.

— פארוואס? ס׳איז דאך ריכטיק, זיי אלע פלאפלען אזוי, האט זי רויק געענטפערט.

— ווער זיינען די „זיי״? — האט ער געפרעגט מיט קינאה דאס ערשטע מאל אין זיין לעבן.

— וואס הייסט? די בחורים וואס כ׳קען.

— אזויפיל קענסטו, ווו זעסטו זיי, ווו זעסטו זיי, אינדערהיים? — האט ער ווייטער געפרעגט.

— ניין, איך טרעף זיי פונקט ווי איך האב זיך מיט דיר באגעגנט. אף דער שיף אדער אין פארק, צי אין גאס. איך בין א מבין אף זיי. כ׳דערקען גלייך, וועלכער חברהמאן ס׳וועט ווערן פרעך.

— וואס מיינט איר מיט „פרעך״?

— וואס הייסט? זיי ווילן, כ׳מיין, זיך קושן.

— פרובירן זיי טאקע? — האט ער געפרעגט, קאלופענדיק די ציין.

— אוודאי. אלע מענער טוען אזוי, איר ווייסט עס.

— דערלויבט איר זיי? — האט ער ווייטער געפארשט.

— אייניקע, נישט פיל. אנדערש נעמען זיי אייך אין ערגעץ ניט.

זי האט זיך אויסגעדרייט און געקוקט בלינקערן גלייך אין פנים. אירע אויגן, אומשולדיקע ווי בא א קינד. ער איז געווען פאר איר א רעטעניש.

— איז עס א זינד צו באקענען זיך מיט יינגלעך?

— גאר! — האט ער שארף געזאגט — פארוואס נעמט איר זיי ניט אויף בא זיך אין שטוב? מוזט איר אויפקלייבן יונגעלייט אף דער גאס?

זי האט געקוקט מיט איר ליכטיקן בליק אין זיינע אויגן און געזאגט:

— ווען איר זעט ווי איך ווין, וואלט איר נישט גערעדט אזוי. איך לעב אין ציגלשטויב־גאס. מ׳רופט עס אזוי, ווייל רויטער שטויב קריכט בסדר אין די לונגען. איך ווין דארט שוין העבער פיר יאר. ס׳איז נישטא קיין פלאץ צוצונעמען געסט, קען מען קיינעם ניט ברענגען צו זיך. וואס־

זשע טאָן? אַ מיידל מוז זיך דאָך באַגעגענען מיטן צווייטן מין. ניין? איז דער דרויסן אַן אויפנעם־פּלאַץ.

— יאָ, האָט ער געזאָגט פאַרקלעמט — אַ מיידל מוז זיך באַגעגענען מיט בחורים.

— דאָס ערשטע מאָל, ווען איינער האָט גערעדט צו מיר אויף דער גאַס, — האָט פלאָרענס פאַרגעזעצט — בין איך אַהיימגעלאָפן און געוויינט אַ גאַנצע נאַכט. מ׳געוויינט זיך אָבער צו. אַ היפּשע אָל טרעפט מען אין קלויסטער. כ׳וואַרט דאָרט בשעת אַ רעגן, ביז איינער קומט אונטער מיט אַ שירעם. הלוואַי וואָלט דאָרט געווען אַ זאַל, וואָלט איך אויך איַך, מ״ר בלינקער, געלאַדן.

די קוני־שיף האָט בשלום געגרייכט צום ברעג. בלינקער האָט מאָדנע געשפּאַנט מיט פלאָרענסן איבער שטילע גאַסן. באַ אַ ראָג האָט פלאָרענס אויסגעצויגן איר האַנט צו אים זאָגנדיק:

— איך ווין איין קוואַרטאַל פונדאַנען. אַ דאַנק איַך פאַרן גאָר פיַינעם נאָכמיטאָג.

בלינקער האָט עפּעס געמורמלט אוועקגייענדיק. אַ גרויסער גרויסער קלויסטער האָט זיך געזען ניט וויַט. בלינקער האָט געשאָקלט אַהין מיט זיַין פויסט, בייזערנדיק זיך:

— איך האָב ערשט פאַראַכטאָגן דיר געגעבן טויזנט דאָלאַר, און זי אַנטזאָגט זיך פון מיר באַ דיַין טיר. איז דאָס יושר, האַ?

אויף מאָרגן עלף אַזייגער האָט בלינקער זיך געחתמעט דריַיסיק מאָל מיט אַ צוגעגרייטער פון אַדוואָקאַט אַלדפאָרט ניַיער פּען. דערביַי האָט דער אַלטער געזאָגט צו אים:

— ס׳איז דאָ אַ פּופּצן הײַזער, ווו עס וווינען ס׳רוב אַרבעטער־מיידלעך. מ׳דאַרף אונטערשריַיבן קאָנטראַקטן. שוין פינף יאָר ווי איך טענה צו דיר וועגן דעם. דיַין פאָטער האָט פאַראָרדנט, אַז די אויפנעם־צימערן זאָלן ניט פאַרדונגען ווערן, נאָר לאָזן די שכנים נוצן זיי פאַר געסט.

— אָך, דאָס איז די צינגלשטויב־טייל. טוט מיט די הײַזער וואָס איר ווילט. פאַרברענט זיי אַפילו, ווייל, בן־אָדם, ס׳איז צו שפּעט.

אין דינסט פון ליבע

ווען דיר איז ליב אייגעמס קונסט,
שלאָגט צו אים דײַן האַרץ אין גונסט.

דאָס איז אַ דעוויז אין גרונט פון דער מײַסע.

דזשאָו לאַראַביע איז אַרויסגעוואַקסן פון די קליינע, הילצערנע הײַזלעך פון דער מיטל־מערב, באַזעלט מיט באַגער צו מאָלעריי. צו זעקס יאָר האָט ער געצייכנט אַ בילד פון דער שטאָט־פּאָמפּע מיט אַ פּניי, אײַלנ־דיק פאַרבײַ. דער קונסט־פּאַרזוך איז אַרויסגעהאַנגען געוואָרן אין אַפּטייק־פענצטער, אין שכנות פון אַ פּאַפּשוי־קאַטשן מיט קרומע שורות געלע קערנער. צו צוואַנציק איז ער געפלויגן קיין ניו־יאָרק מיט אַ פלאַטער־דיקן האַלדזטוך און אַ אַפּויטיקע פאַרבונדן ערגעץ נעענטער.

דעליע קאַרוטער אין נאָדלבוים־דאָרף האָט אַרויסגעבראַכט זעקס אַקאָרדן־הבטחותפולע אַזש די קרובים האָבן זיך צונויפגעוואָרפן אַ פול היטל, זי זאָל פאָרן קיין צפון און „ענדיקן“.

ביידע העלדן האָבן זיך באַגעגנט אין קנאַיפּע פון קונסט־סטודענטן פאַר חקירה ודרישה: רעבראַנד מייקל אַנדזשעלאָ, שאָפּען אא״וו.

דעליע און דזשאָו זײַנען פאַרליאַפּעט געוואָרן איינס אין אַנדערן, צי איינער אין צווייטן, ווי אײַך ווילט זיך. און אין אַ קורצער צײַט — פאַרקנסט. וואָרעם — זעט רעוויז...

מיסעס און מיסטער לאַראַביע האָבן אָנגעפאַנגען די הויז באַלעבאַ־טישקייט אין אַ מעבלירטן צימער, נאָר — גליקלעכע. זיי האָבן פאַרמאָגט זייער קונסט און איינס דאָס אַנדערע. אַ עצה דעריבער צו רײַכע יונגע־לײַט: פאַרקויפט האַק־און־פּאַק, שענקט עס דעם הויז־דינער — אבי האָבן די זכיה צו וווינען אין אַ „סוויט“ מיט אײַער קונסט און — דעליע.

דזשאָו האָט געמאָלן באַם גרויסן מאַעסטראָ, וואָס זײַן באַרימטקייט איז געווען באַוווּסט. זײַן שכר־לימוד הויך. דעליע האָט שטודירט בײַ ראָ־זענשטאָקן; דעם באַרימטן ברעכער פון די פּיאַנאָ־שליסלען.

אַזוי לאַנג, ווי זייערע קלינגערס האָבן זיך נאָך געלאָזט ציילן איז דאָס פּאָרל געווען העכסט צופרידן. ווי מיר אַלע — צו וואָס זיך נאַרן? זייער צוועק — אַ קלאָרער. דזשאָו האָט געוואָלט קענען גיך אַרויסוואַרפן בילדער, און אַלטע מענער מיט דינע וואָנצעס און גראָבע בײַטלען זאָלן זיך שלאָגן פאַרן זכות צו קויפן זײַנע מאַלערײַען. דעליע האָט געדאַרפט ווערן באַהאַוונט אין מוזיק, אַז ווען זי וועט זען לײדיקע שטולן אין די לאָזשעס, זאָל זי באַקומען אַ קראַנקן האַלדז, און ראַקעס אין אַ שטילן רעסטאָראַן און — ניט גיין אַף דער בינע.

ס׳בעסטע אָבער איז געווען דאָס הייסע, פלייסנדיקע פלאַפּלערײַ נאָך אַ טאָג שטודירן; אויך די באַטאַמטע וועטשערעס און לײַכטע איבער־בײַסנס, קעגנזײַטיקע אַמביציעס און — פאַרגיט דער קונסטלאָזיקייט. גע־פילטע איילבירטן מיט קעז־סאַנדוויטשעס אַרום עלף אָוונט. שפּעטער — האָט די קונסט געפליסטערט.

אָבער, אַז מ׳ברענגט נאָר אויס און גאָרניט אַרײַן — האָט אויס־געפעלט אָפּצאָל פאַר ביידנס שטודירן. נאָר געדענקט דעם פּסוק — „ווען קונסט פון איינעם דיר איז ליב...״

און אַזוי ווייטער.

האָט דעליע גוזר געווען אַף זיך — אונטעריכטן מוזיק, און זײַן קונסט זאָל פלאַקערן, ווי אַ תמיד.

עטלעכע טעג האָט זי גענישטערט, געזוכט מוזיק־תלמידים, און אין אַן אָוונט איז דעליע געקומען אַהיים אַ טאַנצנדיקע.

„דזשאָו טײַערער״, האָט זי געמעלדעט, קאָכעדיק. איך האָב אַ תלמיד! אוי, ס׳אַרא ליבלעכע מענטשן! בײַ אַ גענעראַל! דעם גענעראַל אַ. ב. פּינקיס טאָכטער. אַף דער איין און זיבעציקסטער גאַס. אַ מין נגידישע הויז! מעגסט זען, דזשאָו, דעם הויפּט אַרײַנגאַנג. ביזאַנטיש, דאַכט מיר, וואָלסטו דאָס גערופן. הײַנט אינעווייניק! כ׳זאָג דיר, אַף חידושים!

מײַן שילערן קלעמענטינאַ האָט מײַן האַרץ געפאַנגען. אַ שלאַנקע; קליידט זיך נאָר אין ווײַסן. און וואָסערע איידעלע מאַניערן! בסך־הכל אַכצן יאָר אַלט. איך דאַרף לערנען מיט איר דרײַ מאָל אַ וואָך. און הער,

ליבינקער — אַ פינפערל אַ לעקציע! דאגהסט?! נאָך אַ צוויי־דריי אַזעלכע קען איך שוין ווײַטער שטודירן באַם הער ראָזנשטאָק. איצט גלײַך אויס דאָס קנייטשעלע צווישן דײַנע ברעמען, טײַערע, און לאָמיר פּראַווען אַ רײַכע וועטשערע.

„דעליע, ליבע, מילא דיר איז גוט", האָט דזשאָו געזאָגט, אויפרײַ־סנדיק אַ פּושקע בעבלעך מיט אַ מעסער און האַמער. „אָבער וואָס הערט זיך מיט מיר? מיינסט, איך וועל דיך לאָזן האָרעווען, און איך זאָל זיך ליובקען מיט הויך־קונסט? ניט באַ די ביינער פון בענוועניטאָ סעליני! איך קען פאַרקויפן צײַטונגען, פלאַסטערן שטיינער און אויך ברענגען אַ פּאָר מטבעות".

דעליע האָט זיך אָנגעהאַנגען אַף זײַן האַלדז: „זיסער, ביסט אַ טיפּשל. דו מוזסט אָנגיין מיט דײַן מאָלן. ס'איז דאָך ניט, ווי איך, וואָס קען אונטעריכטן און דערפון לערנען. איך בין דאָך כסדר מיט דער מו־זיק — און מיט מײַנע פּופּצן דאָלער אַ וואָך קענען מיר לעבן און לאַכן. טראַכט גאָרנישט פון אויפגעבן דײַן מאַעסטראָ".

„נו, זאָל זײַן אַף דײַנעם", האָט ער מסכים געווען, גרייכנדיק דעם בלויען טעלער מיט גרינסן. „פּשוט, כ'האָב פײַנט הערן, אַז דו גיסט מוזיק־לעקציעס. דאָס איז ניט קיין קונסט, גלאַט, ביסט אַ צדקת מיט אַ די־מענטן האַרץ!

„ווען קונסט פון איינעם דיר איז ליב,

שלאָגט דײַן האַרץ צו אים ניט טריב" — האָט דעליע געטוליעט זיך צו אים.

„מײַן מאַעסטראָ האָט געלייבט דעם הימל אין בילד, וואָס איך האָב געצייכנט אין פּאַרק", האָט דזשאָו באַמערקט, און דער אַפּטייקער האָט מיר דערלויבט אויפהענגען נאָך צוויי בילדער אין זײַן פענצטער. איך קען אפשר עפּעס פאַרקויפן צו אַ מטורף מיט אַ גראָבן טײַסטער.

„אַוודאַי וועסטו..." — האָט דעליע געזאָגט האָניקדיק. דערווײַל לאָ־מיר דאַנקבאַר זײַן גענעראַל פּינקי און — דעם געבראָטנס.

די קומענדיקע וואָך האָבן די לאַראַביעס געפרישטיקט קאַיאָר. דזשאָו איז געווען בגילופן פון עפּעס אַ געמעל, וואָס ער צייכנט אין פּאַרק באַם מאָרגן־ליכט. דעליע האָט אײַנגעפּאַקט פאַר אים נאָכן איבערבײַסן, אָרומ־געוויקלט, אים באַשאָטן מיט שבחים און געקושט.

סוף וואָך האָט דעליע מיט זיסן גדלות, נאָר אָן כוח אַ וואָרף־געטאָן ניצחונדיק דרײַ פינפערלעך אַפן טיש פון 10 אַף 8 אינטשעס אינמיטן צימער פון 100 אַף 8 פוס.

„צומאָל איז קלעמענטינע עקשנותדיק, האָט דעליע געזאָגט. זי מאַכט מיך מיד. כ'האָב מורא אַז זי פּראַקטיצירט ניט גענוג, און איך דאַרף חזרן מיט איר אָבער און ווידער. אויך איר ווײַסע הלבשה ווערט מיר צוגעגעסן. דער גענעראַל אָבער איז אַ ליבער זקן. ווען דו זאָלסט אים קענען! ער קומט אַמאָל אַרײַן, ווען איך בין באַשעפטיקט מיט קלעמענטינען בײַ דער פּיאַנע. ער איז אַן אַלמן. שטייט ער אַזוי און צופּט זײַן ציגן־בערדל און פרעגט, צי זײַן טעכטערל יכלט עפּעס? פּס!... זאָלסט זען די טאַפּעטן. און די אַסטראַכאַנישע פּאָרטיערן! נאָר קלעמענטינע האָט אַזאַ משונהדיקן הוסט. זי מעג זײַן שטאַרקער, ווי זי קוקט אויס. איך בין פאַרקאָכט אין איר, זי איז אַזוי איידל דערצויגן.

שבת צו נאַכט איז דזשאָו אַהיימגעקומען שפּעטער.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ צענערל, אַ פינפערל, אַ צווייער און אַן איינערל — אַלע אמתע, כשרע פּאָזיטלעך און אַוועקגעלייגט לעבן דעליעס שכירות און געזאָגט:

„איך האָב פאַרקויפט דאָס וואַסער־קאָליר בילד פון אָבעליסק צו אַ סוחר פון פּעאָריע”.

„חכמה זיך נישט”, האָט דעליע איבערגעריסן. „פון פּעאָריע גאָר!?”

„„זאָל איך אַזוי... הלוואַי וואָלסטו אים געווען אָנפּאָנעמען, דעליע. אַ פעטע מאָרדע מיט אַ וואָלענער שאַרף און אַ צאָן־שטעכער פון אַ פעל־דערוויש. ער האָט געזען דאָס בילד אין פענצטער, האָט ער צוערשט גע־מיינט, ס'איז אַ ווינטמיל. אַ רעכטער פויגל; אָבער געקויפט האָט ער און אַפילו באַשטעלט אַ צווייטס: אַן אייל־בילד פון לאַקאַ וואַנאַ פראַכט־וואָקזאַל!”

„איך בין גליקלעך, וואָס דו האָלטסט זיך בײַ דײַן פּאַך”, האָט דעליע געזאָגט מיט האַרץ. וועסט סוף־כל־סוף דערגרייכן, ליבער. שוין דרײַ און דרײַסיק דאָלער! וועלן מיר הײַנט פאַרגינען זיך אויסטערס!”

„אויך צימעס־מערעלעך, און געצוקערטע קערעלעך”, האָט ער צו־געגעבן, האַלדזנדיק זי.

קומענדיקן שבת איז דזשאָו געקומען פון דעליען פריִער, ער האָט

אָפּגעוואַשן עפּעס שוואַרצס פון זײַנע הענט און ער האָט צעשפּרייט זײַנע אַכצן דאָלער אַפן טיש.

אין אַ האַלבער שעה אַרום איז דעליע געקומען; איר רעכטע האַנט פאַרבונדן און אַרומגעוויקלט מיט וואַטע און מאַרלע.

„וואָס איז דאָס?“ האָט ער געפרעגט נאָכן באַגריסן זיך.

דעליע האָט געלאַכט אָן חשק. „קלעמענטינען האָט זיך פאַרגלוסט“, האָט זי דערציילט — אַ געפרעגלט האָזל גלײַך נאָך דער פיאַנע־לעקציע. זי איז אַ מאָדנע מיידל — געבראָטן האָזן־פלייש פינף נאָכמיטאָג! דער גענעראַל איז אַליין באַלד געלאָפן נאָך דעם, צו באַפרידיקן דער מיידלס קאַפּריז; גלײַך ס'זײַנען קיין משרתים ניטאָ אין הויז. כ'האָב געטראַכט — די מיידל איז ניט מיט אַלעמען, נערוועזש און אויסגעוואַרט. באַם נעמען זיך צום האָז־בראָטנס, האָט זי פאַרגאָסן די הייסע פעטע יויך גלײַך אַף מײַן האַנט. ס'האָט מיך שרעקלעך וויי־געטאָן, דזשאָו. די פאַרשײַטע האָט זיך אויך אַזוי שלעכט געפילט. און דער אַלטיטשקער גענעראַל איז געוואָרן אַזוי צעטראָגן. ער האָט גלײַך געשיקט עמעצן — זיי זאָגן צום אויוון־הייצער אין קעלער? ניין, זיכער אין אַפּטייק נאָך אייל און עפּעס ווייכס אַרומצובינדן. ס'טוט שוין טאַקע ניט אַזוי וויי“.

„וואָס איז דאָס?“ האָט געפרעגט דזשאָו, אָנעמענדיק גרינג דעליעס אָרעם און אַרויסשלעפנדיק ווײַסע סטראָמפּצעס פון הינטערן פאַרבינדעכץ.

„דאָס איז ס'ווייכע פון אַפּטייק געטונקען אין אייל, האָט זי שנעל געענטפערט און באַלד:

„דזשאָו, טייערער, האָסט פאַרקויפט נאָך אַ בילד“ — האָט זי געפרעגט, דערזעענדיק דאָס געלט אַפן טיש.

„וואָדען? פרעגט דעם פּעאָריער. ער האָט הײַנט געקראָגן דעם וואָקזאַל, און אפשר וועט ער דאַרפן נאָך איינס מיט אַן אויסקוק אַפן האָדסאָן־טײַך“ — האָט דזשאָו דערקלערט און געפרעגט: „דעלעניו, וויפל אַזייגער האָסטו אָפּגעבריט דײַן האַנט?“.

„פינף דאַכט מיר“ — האָט זי געענטפערט ווייטיקלעך. „דאָס פרעסל, כ'מיין דאָס האָזל איז אַראָפּ פונעם פײַער באַ יענער צײַט. אוי, דזשאָענקע, זאָלסטו געווען זען דעם גענעראַל פינקי ווען...“

„זעץ זיך אַהער אַף אַ רגע, מײַן דעליע“ — האָט ער איבערגעריסן

און אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אַף איר אַקסל.

„זאָג מיר, זיסע, וואָס האָסטו געטאָן די לעצטע צוויי וואָכן?״ — האָט ער געפרעגט.

זי האָט מיט עקשנות און אויגן פול ליבע וויַיטער געפּלאַפּלט עפּעס וועגן גענעראַל פּינקי. לסוף האָט זי אַראָפּגעבויגן דעם קאָפּ און ס׳זײַנען אַרויסגעקומען טרערן און — דער אמת.

„איך האָב נישט געקענט געפינען קיין תּלמידים, האָט דעליע זיך מודה געווען. „איך האָב אָבער ניט געקענט דערלאָזן, דו זאָלסט אויפגעבן דײַן שטודיום, בין איך אַוועק אַרבעטן אין אַ װעשערײַ, אַף דער פיר און צוואַנציקסטער גאַס. מײַן פּזמון וועגן קלעמענטינען און גענעראַל איז, דאַכט מיר, נישט געווען אַזוי צרהדיק? אָבער אַן אַרבעטערן האָט אַרויפגעשטעלט אָדם הייסע פּרעסל אַף מײַן האַנט. האָב איך אַפּן וועג אַהיים צוגעטראַכט די מעשה מיטן האָזל, ביסטו, ליבער, בייז אַף מיר, איאָ־ניין? ווען נישט מײַן אַרבעט באַם וואַשן, וואָלסטו דאָך ניט געקענט פאַרקויפן זײַנע בילדער צו דעם קונה פון פּעאָריע״.

„ער איז ניט געווען פון דאָרט״, האָט דזשאָו געשמייכלט.

וואָס איז דער חלוק? — האָט זי געזאָגט, „ביסט סײַווי אַ טײַער מאַנדעלע און — טו מיר אַ קוש. נאָר, וואָס האָט דיך געבראַכט ספקות מכוח מײַנע מוזיק־לעקציעס צו קלעמענטינען?״

„איך האָב ניט חושד געווען ביז הײַנט אָוונט. דאָס האָב איך דאָך אַרויפגעשיקט אָט דעם ווײַסן בינד פון וואַטע מיט אייל פון הייץ־קאַמער אין יענער וועשערײַ, ווו איך בין אָנגעשטעלט אַלס דער פײַער־אויפפּאַסער „די לעצטע צוויי וואָכן״, איז געווען דער ענטפער.

„האָסטו, הייסט עס, ניט?...

מײַן אײַנקויפער פון פּעאָריע און דײַן גענעראַל פּינקי, זײַנען נפשות פון זעלבער קונסט. אָבער זיי קומען פאָרט נישט צום מאָלן און שפּילן מוזיק״, האָט ער געטײַטשט.

זיי האָבן ביידע האַרציק געלאַכט. און דזשאָו האָט אָנגעהויבן:
„ווען קונסט פון איינעם דיר איז ליב״...
נאָר דעליע האָט מיט איר הײַנט אַף זײַנע ליפּן אָפּגעהאַקט:
„ניין, זאָג: ווען איינער ליבט״.

דער מיטשולדיקער

I

אַ רויט־האָריקער, באַוואַקסענער נאַכלעסיקער מאַן אין שטעק־שיך איז געזעסן אַף אַ שאָקל־שטול באַם פענצטער. ער האָט נאָר וואָס פאַררייכערט זײַן ליולקע און געצויגן דעם רויך מיט גרויס תענוג. ווי אַ דורש־טיקער האָט ער זיך פאַרטאָן אין צײַטונג און געלייענט די קעפּלעך מיטן גרויסן שריפט איבערצוגיין דערנאָך צו די קליינע שורהלעך.

אין דערבײַיִקן צימער האָט זײַן פרוי געקאָכט וועטשערע. דער כּוח פון געפּרעגלטן פלייש און זידנדיקער קאַווע האָט פאַרשמעקט די קטורת פון זײַן אָוונט־פּיפּקע.

אין דרויסנדיקער ענגער גאַס, ווו, ווען דער בין השמשות פאַלט צו, עפנט דער שטן זײַן ווערביר־אָפּיס, האָבן קינדער געטאַנצט, געשפּילט. אייניקע אין טראַנטעס, אַנדערע אין קלאָרן ווײַס, און דריטע מיט די פּור־פּיקלעך אַרויס. אײנציקע ווילד אומרויִק, צווייטע רויִקערע מיט אײדעלע, אײַנגעשרומפּיקע פּענעמלעך. די האָבן געקוויטשעט און באַנוצט אומזוי־בערע, זינדיקע רייד, יענע, הערנדיק, האָבן זיך פאַרקרימט און צוביסלעך זיך צוגעוווינט.

אַ מיידעלע פון אַ יאָר צוועלף איז צוגעקומען צום מאַן, וועלכער איז געזעסן רויִק באַם פענצטער און געזאָגט:

— טאַטע, וואָלסט ניט וועלן שפּילן מיט מיר אַ קאָן אין טשעקערס, אויב דו ביסט נישט מיד?

דער רויט־האָריקער אומגעגאָלטער, האָט מיט אַ געבייזער געענטפערט:

— טשעקערס?! ניין, כ׳וויל ניט. טאָר ניט אַ מענטש נאָך אַ טאָג אַרבעט זיך אָפּרוען? פאַרוואָס גייסטו ניט, ווי די איבעריקע קינדער, שפּילן אַפן טראָטואַר?

די פרוי איז צוגעקומען.

— דזשאַן, האָט זי זיך אָנגערופן, איך וויל נישט ליזעלע זאָל פאַר־ברענגען אין גאַס. מ'לערנט זיך דאָרט אָפּ אַזוינס, וואָס טויג נישט פאַר קינדער. זי איז אַ גאַנצן לאַנגן טאָג געווען אין הויז, מיר אַרויסהעלפנדיק, וואָלסטו געמעגט שענקען דעם קינד אַביסל צײַט.

— זאָל זי גיין מיט אַלע קינדער באַגלײַך פאַרברענגען אין גאַס, און דולט מיך נישט.

II

— איך וועט זיך מיט אײַך פופציק קעגן פינף און צוואַנציק, האָט געזאָגט דער יונג מולאַלי, אַז איך נעם אוים ענין צום טאַנץ. איר שטעלט אײַן? זײַנע שוואַרצע אויגן האָבן געשפּריצט מיט פײַער. ער האָט אַרויס־גענומען אַ פּעקל, אַרויסגעשלעפּט פינף צענערלעך און געוואָרפן אַפן פאַר־קויף־טיש. די דרײַ־פיר יונגע פרײַנט זײַנען געבליבן געפּלעפט און שלאַ־בעריק זייער אײַנשטעל אַרויסגעלייגט. דער שענקער, האָט גענומען דאָס געלט, פאָרזיכטיק אײַנגעוויקלט, מיט איין אינטש לאַנגן בלײַפעדער פאַר־צייכנט און פאַרשטעקט אונטער דער פּאָליצע.

— אָ, וועסטו אַרײַנכאַפּן — נישקשהדיק! האָט געזאָגט איין חברה־מאַן מיט פונקען אין די אויגן.

— דאָס איז מײַן דאגה. האָט מולאַלי אונטערגעכאַפּט פאַרעקשנט. און צום קרעמער:

— גיב אָן פאַר אַלעמען, מאַיק!

נאָכן טרונק האָט בוירק, מולאַלים ליבלינג און בעל־יועץ אַרויסגע־פירט אים צום שוך־פוץ־געשטעל, ווו אַלע גרויסע עסקים פון קליינעם סאָשעל־קלוב ווערן דורכגעפירט. ווען טאַני האָט דאָס פינפטע מאָל גע־גלאַנצט די שיך פון פּרעזידענט און סעקרעטאַר, האָט בוירק גענדרשנט זײַנע שכלדיקע רייד צום שעף אַזוי צו זאָגן:

— בײַם איבער מיט דער בלאָנדער, בחור, אַניט וועסטו האָבן צרות. פאַרוואָס ווילסטו אַראָפּפּלעטשן דײַן ליזן? דו וועסט ניט געפינען נאָך איינע, וואָס זאָל אַזוי קלעפּן צו דיר, ווי זי. אַ פולע זאָל מיט ענים וואָלט איך געבן פאַר איר.

— איך בין נישט פאַרכאַפּט פון ענין, האָט דער יונג געענטפערט אַראָפּוואַרפנדיק דאָס אַש פון ציגאַרעטל אַף זײַן אָפּגעפּוצטער שוך־נאָז און אָפּגעווישט אין טאָנים אַקסל. איך וויל בלויז אָנלערנען ליזן. זי מיינט, איך באַלאַנג צו איר, זי באַרימט זיך, אַז איך דערוועג זיך נישט ריידן מיט קיין אַנדער מיידל. ליז איז אָלרײַט אין איינציקע פאַלן, אָבער זי טרינקט לעצטנס אַביסל צופיל און נוצט אַ שפּראַך, וואָס פּאַסט נישט פאַר קיין לײדי.

— איר זײַט פאַרקנסט? — האָט בוירק געפרעגט.

— זיכער, מיר וועלן קומענידקן יאָר שטעלן אַ חופּה, אפשר.

— איך געדענק, ווען דו האָסט איר געגעבן טרינקען איר ערשטע גלאָז ביר, האָט בוירק דערמאָנט. דאָס איז געווען פאַר צוויי יאָרן, ווען זי פלעגט אַרויסקומען צום ראָג קריסטי־גאַס מיטן הוילן קאָפּ נאָך וועטשערע צו זען דיך. זי איז געווען דעמאָלט אַ שטילינק קינד און זיך געררויטלט באַם ריידן.

— אָבער איצט, האָט אָפּגעענטפערט מולאַלי, איז זי צומאָל אַן אָנגעצונדן שוועבעלע. איך האָב פֿײַנט איר אייפערזוכט, קנאה; דערפאַר וועל איך הײַנט אויסגיין מיט ענין, צו לערנען ליזן אַביסל שכל.

— פונדעסטוועגן, גיב אַכטונג, האָט בוירק געוואָרנט. ווען ליז זאָל זײַן מײַן ווייבל און ס׳וואָלט זיך מיר פאַרגלוסט טאַנצן מיט אַן אַנדערער, וואָלט איך אָנגעטאָן אַ געקייטלט פאַנצערל אונטערן רעקל. פאַרשטייסט?!

III

איבער דער טומלדיקער גאַס שפּאַנט אַרום ליז. אירע שוואַרצע אויגן נישטערן היציק די פאַרבײַגייענדיקע. זי זינגט אונטער נאַרישע לידלעך. צומאָל פאַרקלעמט זי מיט אירע ווײַסע ציין און שיפּעט אַרויס שאַרפע ווערטער, וואָס די אונטערוועלט האָט צוגעגעבן איר שפּראַך. ליזעס זײַדן קליידל איז געווען פון גרינעם קאָליר. דאָס קאַפּטל ברוין מיט ראָז, גוט געפּאַסט. אַף איר פינגער האָט זי געטראָגן אַ גרויס רינגל מיט היפּשע פאַלשע רובינען און אַ בײַטעלע, וואָס איז געהאַנגען אַף אַ קייטעלע און געקלאַפּט אין די קני.

דער „פאַמיליע אַרײַנגאַנג" פון בלויער קאַפּע האָט איר צוגעצויגן.

באַ טישל האָט ליז זיך אַוועקגעזעצט און אַ דריק געטאָן דאָס קנעפּל. מיט אַ שטעל, ווי אַ לײדי קלינגט נאָך איר וואָגן.

ס'איז צוגעקומען דער קעלנער מיט אַן אָנגעבלאָזענעם גוידער און שטילן קול, ווי ס'פּאַסט פאַר רעספּעקטאַבלער פּאַרמאַליטעט. ליז האָט פאַרקנייטשט איר קלײדל באַדײַטונגפול, אין איר באַגער צו באַשטעלן און ווערן באַדינט. דאָס מערסטע וואָס איר וועלט האָט געקענט פאַרגינען צו אַזאַ פײַנער דאַמע.

— שנאַפּס, טאָמי! האָט זי באַפוילן אין אַ טאָן, ווי אירע שוועסטער פון הויכן גראַד מורמלען אַרויס: שאַמפּאַניער, דזשעימס!"

— זיכער, מיס ליזיע, וואָס אין געמיש? האָט דער באַדינער גע־וואָלט וויסן.

— סעלצער, און זאָג נאָר, טאָמי, איז מולאַלי געווען דאָ היינט?

— ניין, מיס ליזיע, אים הײַנט ניט געזען.

— כ'זוך אים! האָט ליז אַרויסגעשעפּטשעט נאָכדעם, ווי דער געמיש איז געשטעלט געוואָרן פאַר איר.

— ס'איז צו מיר דערגאַנגען, אַז ער וועט נעמען עני קאַרלסאָן צום הײַנטיקן טאַנץ. לאָז ער נעמען די רויט־אויגיקע, ווײַסע מויז. כ'זוך'ם! קענסט מיך, טאָמי, צוויי יאָר בין איך און ער חתן־כלה. זע דאָס פינגערל, פינף הונדערטער, זאָגט ער, קאָסט עס. זאָל ער נעמען מיר צום טאַנץ. וואָס איכ'ל טאָן? כ'ל אים שפּאַלטן זײַן האַרץ. נאָך אַ שנאַפּס, טאָמי.

— איך הער זיך נישט צו צו אַזוינע זאַכן, מיס ליזיע, האָט געזאָגט דער קעלנער ווייך מיט אַ קוים צעעפנט מויל איבער דער גאָמבע. מולאַלי איז נישט אַזאַ נאַר צו פאַרלאָזן אַ לײדי ווי איר, זעלצער דערצו?

— צוויי יאָר, האָט איבערגעחזרט ליז מילדער הינטערן צויבער פון פאַרמישערם קונסט. כ'פלעג תמיד אַרומשפּילן זיך אַף דער גאַס אין די אָונטן, ווײַל כ'ניט געהאַט וואָס טאָן נ'שטוב. אַ לאַנגע צײַט פלעג'ך זיצן אַפן שוועל און בלויז קוקן אַף די לאָמפּן און דורכגייער. דערנאָך איז דער יונג געקומען אין אַ פאַרנאַכט, מיך אָפּגעמאָסטן און גלײַך אָפּגעקאָכט. פון ערשטן טרונק, וואָס ער האָט מיך צוגערעדט, האָב איך געוויינט אַ גאַנצע נאַכט און געכאַפּט קלעפּ פאַר וועקן פון שלאָף. איצט, זאָג, טאָמי, זעסט אַמאָל די ענין? ווען כ'וויל, וואָלט דער כלאָראָפאָרם זי שוין לאַנג אַרויסגעשטעלט פון קאָן, אָ, כ'זוך'ם! זאָג אים, אויב ער

וועט זיך ווײַזן. איך? כ'ל'ם ס'האַרץ אויסשנײַדן. לאָז'ם צו מיר, נאָך בראָנפן, טאָמי.

וואַקלדיק, נאָר מיט אַ פֿאָרזיכטיק און בליצנדיק אויג האָט ליז שפּאַצירט איבער דער עוועניו, אַף די שטיינער פֿון אַ ציגלדיק טענעמענט־הויז איז געזעסן אַ קינד מיט געקרײַזלטע הערעלעך, פֿאַרקלערט איבער אַ פֿאַרפּלאָנטערט שפּאַגאַטל. זי האָט זיך אָראָפּגעזעצט דערבײַ מיט אַ קרומען שמייכל אַפֿן פֿאַרפּלאָמטן פּרצוף. נאָר איר בליק איז באַלד געוואָרן קלאָר.

— לאָמיך דיר ווײַזן, ווי צו מאַכן אַ וויגעלע, קינד, האָט זי געזאָגט, פֿאַרשטעקנדיק איר קליידל הינטער די שיך.

IV

ס'האָבן זיך אָנגעצונדן די לאָמפּן אין זאַל פֿון קליינעם סאָשעל־קלוב. דאָס איז געווען פֿאַרן צוויי־חדשימדיקן טאַנץ. אַ פֿאָרנעמע געשעעניש, מיט וועלכן די מיטגלידער האָבן שטאָלצירט און זיך צעגאַרטלט אַף אָנזען און דערהויבונג.

נײַן אַזייגער איז דער פּרעזידענט, יונג מולאַל, פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם זאַל מיט אַ דאַמע אונטערן אָרעם. ווי באַ די לעידיס זײַנען אירע האָר געווען גאָלדענע, אירע „יעס" פֿאַרווייכט אַף „יאה". זי האָט אָנגעטראָטן אַף איר אייגענעם שלעפּ, איז רויט געוואָרן און געשמייכלט אין די אויגן פֿון בחור מולאַלי.

און דאַן, ווען דאָס פּאָרל איז געשטאַנען אינמיטן געוועקסטן דיל, האָט פּאַסירט דאָס, וואָס צו פֿאַרמײַדן עס, ברענען אַזוי פֿיל ליכט יעדע נאַכט אין די פֿילע ביבליאָטעקן און סטודיאָס.

פֿון מיטן קרײַז פֿון צוקוקער איז אַרויסגעשפּרונגען דער פּסק אין אַ גרין זײַדן קליידל, אין אויסזען פֿון ליז. אירע אויגן בייז און שוואַרצער פֿון פּעך. זי האָט נישט געשריִען, ניט געציטערט. נאָר ניט פֿרויענלעך האָט זי אַרויסגעמורמלט אַ קללה, טאַקע פֿונעם יונגס באַליבטע חרמות און מיט זײַן טיפֿער געמבע.

און בעת דער זאַל איז געגאַנגען כּאַדאָראָם, האָט זי מקים געווען איר וואָרט צו טאָמי דעם סאַרווער; גוט געמאַכט אַזוי ווײַט, וו ידאָס קלינגל

פון מעסער און די קראַפּט פון איר אָרעם האָבן באַוויזן.

דערנאָך איז געקומען דער אור־געפיל פון זעלבסט־שוץ, צי גאָר פאַרניכטונג — דער אינסטינקט, וואָס די געזעלשאַפט האָט אָנגעטשעפּעט דער נאַטור. ליז איז אַרויס און שנעל אַראָפּ פון די טרעפּ, ווי אַ פויגל, פליִענדיק צווישן יונגע וואַלד־ביימלעך אין דער פינצטער.

ס'האָט שנעל נאָכגעפאָלגט דער פויזנדיקער קערפּס — צאָר און בזיון, ווילדע געשרייען און געוואַלדן: כאַפּט!

ס'האָבן נאָכגעיאָגט, נאָכגעפאָלגט יונג און אַלט, טאַטעס־מאַמעס, בחורים און מוידן, רײַסנדיק דעם האַלדז, באַגערנדיק בלוט.

וויסנדיק דעם וועג און גאַרנדיק נאָכן סוף, האָט ליז געגרייכט דעם ברעג, און געשטעלט איר פוס אָפן צעפּוילטן, צעהוידעטן פלאָך. נאָך אַ פּאָר געאײַלטע טריט; ווי אַ גוטע מאַמע האָט דער מזרח־טײַך צוגעטוליעט ליזן צום בוזעם.

— גיך, אין פינף מינוט איז געלייזט געוואָרן די פּראָבלעם, וועלכע ווערט געלופטערט, שטודירט אין טויזנטער גלחישע און וועלטלעכע אקאַדעמיעס.

V

קאָמיש, סאַראַ חלומות עמעצן ווײַזן זיך. פּאָעטן רופן דאָס טרוימען, וויזיעס. אַף פּראָסט לשון, ס'האָט זיך מיר געחלומט דער סוף פון דער מײַסע.

איך בין אַף יענער וועלט. כ'ווייס ניט ווי אַרום כ'בין אהין געקומען: געפאָרן מיטן עלעוויטער־באַן, אײַנגענומען אַ רפואה צי גאָר אָפּגעטאָן עפּעס אַ נאַרישקייט. באַם הימל געריכט האָט זיך פאַרזאַמלט אַ היפּשער עולם. ביני־לבינה, ווען איך האָב געטראַכט ווי צו פאַרדעקן מײַן אייגענע זינד מיט אַ תירוץ, אַז איך האָב גאָר געוווינט אין אַן אַנדער גובערניע, האָט זיך באַוויזן אַ חנוודיקער מלאך באַ דער טיר און אויסגעזונגען:

— מישפּט נומער 99,852,743. גלײַך האָט זיך באַוויזן אַ ציווילער אין גלחישער הלבשה, שלײַדערנדיק מיט אונדז נשמות, ווי די פּאָליציי אַף דער ערד, און געשלעפּט פאַרן אָרעם — וועמען מיינט איר? אוודאי ליזן!

דער שווייצאַר האָט נאָך זיי פאַרמאַכט די טיר. איך בין צוגעגאַנגען צום פלי־קאַפּיטאַן און נאָכגעפרעגט וועגן דעם מישפּט.

— זייער טרויעריק, האָט ער זיך אַ קנייטש געטאָן, צונויפפלייגנדיק זײַנע מאַניקורטע פינגער. איך בין דער גלחישער פאַרטרעטער פון יענעם געגנט אַף דר'ערד. כ'האָב צוגעשטעלט די פאַקטן, אַלע, געלויבט דער אַל־מעכטיקער, באַוויזן מיט עדות די באַשולדיקטע נעבעך האָט ניט קיין פאַרטיידיקער. כ'בין בטוח אַז זי איז — — —

— באַפרײַט! האָט אויסגעשריען, עפענעַנדיק די טיר, דער געריכט־אָנגעשטעלטער. און דו, מלאכל, קלויסטער ־ שליח — האָט ער פאָרגע־זעצט — דאַרפסט איבערגעפירט ווערן אין טאָפּ־געבראָטנס אָפּטייל. זאָלסט ניט מער אַרעסטירן קיין אומשולדיקע. דער הויפּט־חיב ווערט ניט אײַנגעצויגן — האָסטו באַדאַרפט ברענגען דעם מיטשולדיקן, אַ רויט־האָריקן מאַן מיט אַ ליולקע אין מויל, וועלכער האָט פון אייגן־ליבע פאַר־נאַכלעסיקט זײַן קינד, ליז'ן!

איז עס נישט קיין נאַרישער חלום?!

דער נעפּל

דער אַפּטייקער האָט שאַרף אָנגעקוקט דעם יונגנמאַן מיטן ווייסן פּנים,, האַלב פאַרשטעלט מיטן קאָלנער פון מאַנטל.

— איך וועל אײַך מער נישט פאַרקויפן קיין מאָרפין־טאַבלעטן ערשט מיט א שעה צוריק האָב איך אײַך אָפּגעלאָזט א טוץ.

— איבער די פאַרדרייטע גאַסן, האָט דער קונה זיך פאַרענטפערט. כ'האָב געמיינט, ס'איז אַן אַנדער אַפּטייק, אַנטשולדיקט.

ער האָט אויפגעשלעפּט דעם קאָלנער העכער און אַרויסגעשאַרט זיך אין געדיכטן נעפּל. בײַ אַן עלעקטריש ליכט האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און זיך גענומען פּאָרען מיט א דרײַ־פיר קאַרטאָנענע פּודעלעך, ריידנדיק צו זיך:

— זעקס און דרײַסיק, — מער ווי גענוג.

א טונקל גרויער נעפּל האָט געשטיקט דאָס שטעטל, געליגט א מער־דערלעכע האַנט אַף די דרײַ טויזנט פאַרקאָנטראַקטירטע אין דעם גן־עדן פון „ריינער לופט". מ'קען חושד זײַן, אַז דער ווינט, וואָס בלאָזט פון טײַך דערנעבן ברענגט מאַלאַריע. ס'הייבט זיך ניט אָן. אויספאָרשונגען פון דער רעגירונג און פּריוואַטע ספּעציאַליסטן האָבן דערוויזן, אַז די היגע לופט איז ריינער אַזאָן, ניט אַנדערש. די שטעטלדיקע ווייסן אַף אויסווייניק די מעלדונגען אַף דער ראַדיאָ און פּרעסע, אַז די היגע לופט האָט גאָרנישט צו טאָן מיט דער פּלאָג, וואָס קושט אין די ליפּן די געסט אַף אַרבעט און שיקט זיי אָפּ אַפן בית־עולם. די קראַנקע האָבן אײַנגעאָטעמט דעם נעפּל און זיך אויסגעדרייט צו דער וואַנט מיט פאַרשפּיצטע נעזער און פאַרגלייזטע אויגן צוּר שרעק פון זייערע נאָענטע.

אַנדערע האָבן זיך „געהאָלפן" מיט סם, א קויל. דאָס אָנשיקעניש קומט אָבער פון ערגעץ ווײַט, ניט פון דער שטעטלדיקער לויטערער לופט.

דער מאָרפין־אײַנקױפער האָט, טאַפּנדיק דעם װעג, זיך געשלײַכט צום אײזערנעם בריקל, אײנס פון מערערע איבערן סכנהדיקן טײַך אין האַ־ץ פון שטאָט. פון זײן קליקערי־קלײַק הוסט דרינדזשעט דאָס אײַזן. װי ס׳װאָלט זאָגן: ניט שטעטלס שולד, לײען די צײַטונגען.

עס דערנענטערן זיך טריט פון אַן אַנדער קרי־קרי־קעדיקן. דאָס הוסטן דינט װי אַ װיזט־קאַרטע, און די שױן נאָענטע רײדן קוים. דער ערשטער:

— אַ־הי־אַ, קאַ־טאַ־ראַל בראָנ־קײטים. דאָק־טער — הו־הו — זאָג איך הו־הו װעל לע־בן נאָך אַ חודש. אױב־הו־ איכ׳ל אַכ־טונג־הו־געבן אַף זיך.

דער צװײטער הוקעט באַרימעריש:

— מײַן־האַ־דאָק־טער האָט־האַ־מיר געגעבן האַ־דרײַ ח־ד־שים.

דער פריערדיקער:

— אין דער־הו־ערד מיטן־הו אונטערשײד. כ׳האָב מײַנע הו־גע־װאָלט פאַר־קירצן צו־הו־אײן װאָך. פאַר־װאָס־הו — טוסטו ניט־הו — דאָס װאָס איך? זאָגט ער, װײַזנדיק זײַנע פּילן.

קום דער־װײַל־האַ־נעמען אַ פּאָר זופּ, — רופט דער צװײטער, — װיפל װאַרעמ־קײט האָסטו?

— הונ־דערט און פיר. הו־האָסט דאָך־הו־דערמאָנט אַ טרונק?

זײ האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אין גלאַנציקן שטאַנג פאַר דער סטעזשקע, װאָס פאַר די ראַפּטן. דער שענקער מיטן ראָזעװן פּנים האָט דערלאַנגט זײ משקה... ער האָט באַלד געזען, אַז ער סערװירט פאַר צװײ פון די דרײַ טויזנט — אײנער פון מיטעלן עלטער, נישקשהדיקן געקלײדט, מיט אַן אײַנגעזונקען פּרצוף, דער צװײטער כמעט נאָך אַ יִנגל פון בלױז אױגן און אַ מאַנטל. דער װײַן־הענדלער האָט גענומען זינגען דאָס באַקאַנטע לידל װעגן דער קלאָרער שטאָטישער לופט: ס׳איז בלױז אַ שטיקל נעפּל פון טײַך; קײן מחזקות; די צײטונגען אא״װ.

— צו אַלדי־הו־שדים מיט די הו־בלעטער! האָט אײנער אױסגעהו־קעט, און דער צװײטער:

— געהערט־האַ־די מע־שיות!

די פלאַש איז געגאַנגען פון אײנעם צום אַנדערן. זײ האָבן געהײסן װידער צושטעלן אַ פולע. בעת מעשה האָט דער עלטערער דערמאָנט

זײַנע קינדערלעך.

באַם צעגיין זיך אַפּן ראָג האָט דער דרײַ־חדשימדיקער געזאָגט האַל־טנדיק זיך באַ דער ברוסט:

— אויב דו האַ־וועסט קומען אַהין־האַ־פּריִער, זאָג זיי, האַ־אַז כ׳קום גאָך.

דער נעפּל האָט לאַנגזאַם אָנגעהויבן ווערן שיטערער. דער ייִנגערער איז פאַרבייגעגאַנגען אַ פאַרווײַלונג־פּלאַץ. ער איז אַרײַן, אַרויסגעשלעפּט אַ זשמעניע זילבער און דערלאַנגט. דער קאַסיר האָט אַרויסגענומען אַ פּאָר מטבעות.

פון ביידע זײַטן זאָל האָבן זיך געצויגן לאָזשעס אָפּגעטיילטע מיט פאָרהאַנגען. אין איינער האָט דער הוסטנדיקער געזען אַ מיידל זיצן איינע אַליין. איר פּנים איילבירט קאָליר, די האָר בלאָנד און אויגן — דימענטן.

דערזעענדיק זײַנע צעפּלאַמטע באַקן, האָט זי אים גערופן. ער האָט זיך געזעצט באַם צווייטן זײַט טישל. דער קעלנער האָט צעשטעלט גלעזער און אַ פלאַש געטראַנק. ס׳האָט נישט גענומען לאַנג און זיי האָבן זיך גערופן: וואָלטער און מיס ראָזע.

זײַן לויזע צונג האָט באַלד דערציילט זײַן לאַגע און וועגן נאָענטן סוף. די שכנה האָט געבעטן ער זאָל דערציילן פון זײַן מעקסיקאַנער היים, ווײַל זי קומט אויך פון יענע מקומות, און אַלץ איז איר נאָענט, ליב.

אַ שאָטן פון אַ הויכן פּערזאָן האָט זיך באַוויזן. ער האָט צענומען דעם פאָרהאַנג און אַוועק. דער סאַרווער איז גיך צוגעקומען זאָגן, אַז ראַלף וואַרט אַף איר. די מיידל האָט זיך אַ קנייטש געטאָן, אַז זי איז פאַר־נומען.

— איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך פיל זיך איצט ניט אַזוי ביי־טער, ווי ווען כ׳בין געקומען. עס ווילט זיך נאָך לעבן, האָט וואָלטער אויפגעשײַנט.

די יונג־פרוי האָט זיך אויסגעשטרעקט איבערן טיש, אַרומגענומען זײַן האַלדז און אים אַ קוש־געטאָן אין באַק.

— איר מוזט, איך ווייס די סיבה פון אײַער פריִערדיקער פאַרצווייפ־לונג. דער רצחישער נעפּל האָט אויך מיך געסמט. אָבער זעט, האָט זי גע־זאָגט, פאַרציִענדיק דאָס פענצטער - פאָרהענגל, געוויזן: אַ לויטערער הימל, די לבנה שײַנט אין אָנזאָג פאָן אַ פרישן מאָרגן. ריידן פדן טויט,

ווען די וועלט איז אזוי שיין? האָט מים ראָזע געטענהט, לייגנדיק איר ווייכע האַנט אַף זײַן אַקסל. טוט עפּעס מיר צוליב; גייט אַהיים, און זאָגט זיך — איך מוז געזונט ווערן און ווער עס!

— פון אײַערט־וועגן וועל איך עס טאָן! האָט ער געענטפערט.

דער סאַרווער האָט געבראַכט גלעזער ביר. זי האָט געהויבן אַ פולע גלאָז און געזאָגט:

— פאַר אײַער געזונט! און ער האָט צוגעגעבן:

— פאַר אונדזער ווידערזען!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ראָזע געזאָגט און אים אַ קוש געטאָן אין שטערן.

— איך האָב נאָך קיין מיידל נישט געקושט, חוץ מײַנע שוועסטער, האָט ער ווי געבעטן.

דער שאָטן האָט זיך נאָך אַמאָל באַוויזן אַף דער וואַנט. ראָזע האָט זיך נישט אומגעקוקט. יענער — האָט אַ וואָרף־געטאָן די פּאַרטיערע און פאַרשוווּנדן.

דער אָרקעסטער האָט איבערגעריסן, און אַ שטימע האָט געדרשנט וועגן אַזאָנע לופט פון שטאָט.

דער קעלנער איז געקומען נאָך די כלים, ווען ראָזע האָט צעקוועטשט אַ קאַרטאָנען - קעסטעלע און גענומען מישן מיט אַ הוט־שפּילקע אין גלאָז ביר.

— פאַרוואָס, מים ראָזע, אַזוי פרי און איר מישט שוין זאַלץ אין אײַער ביר?

נישט געטראָפן

פרייַלן מאַרטאַ מיעטשאַם האָט געהאַלטן אַ קליינע בעקערייַ באַם ראָג (ווו מ׳גייט אַרויף דרייַ טרעפּלעך, און דאָס גלעקל קלינגט, ווען מ׳עפנט די טיר).

די באַלעבאָסטע איז געווען פון אַ יאָר פערציק, איר באַנק־ביכל האָט געוויזן אַ סך־הכל פון אַ צוויי טויזנט דאָלער. זי האָט אויך פאַרמאָגט אַ פּאָר גאָלדענע ציין און אַ דערבאַרעמדיק האַרץ. אַ סך זייַנען געווען פאַרהייראַט, כאָטש מיט ווינציקער מעלות פון מיס מאַרטאַ.

אַ פּאָר מאָל אַ וואָך פלעגט קומען אַ קונה, אין וועמען מיס מאַרטאַ האָט אָנגעהויבן ווערן פאַראינטערעסירט. ר׳איז געווען פון מיטעלן עלטער, געטראָגן שפּאַקולן און אַ ברוין בערדל, פּאָרזיכטיק אַרומגעשוירן.

זייַן ענגליש האָט געהאַט אַ דייַטשן אַקצענט. זייַנע מלבושים אָפּגעטראָגן, צוגעלאַטעט אין איניקע ערטער, צעקנייטשט און לויז אויף אַנדערע. אָבער זייַן אויסזען — אָנשטענדיק און מיט פייַנע מאַניערן.

ער פלעגט שטענדיק קויפן צוויי לאַבן אַלט־געבאַקן ברויט. פרישע האָט געקאָסט צען סענט און פאַרעלטערטס — צוויי פאַר דעם פרייַז. ער האָט קיינמאָל נישט גענומען עפּעס אַנדערש.

איינמאָל האָט מיס מיעטשאַם באַמערקט ברוינע און רויטע פלעקן אויף זייַנע פינגער. זי איז געווען זיכער, אַז ער איז אַ קינסטלער־מאַלער און זייער אָרעם. קיין ספק נישט, אַז זייַן דירה איז ערגעץ אויף אַ בוידעם, ווו ער מאָלט בילדער, עסט פאַרשימלט ברויט און חלומט וועגן די גוטע געבעקסן, וואָס מ׳קען קריגן אין איר קראָם.

טיילמאָל, ווען מיס מאַרטאַ האָט זיך געזעצט צום טיש מיט געבראָטנס, פרישן זעמל מיט אייַנגעמאַכטס און זיסער טיי, האָט זי מעוונטשן, אַז דער מאַלער זאָל טיילן איר באַטעמטן מאָלצייַט, אַנשטאָט

עסן זײַנע דאַרע סוכאַרעס אױפֿן גרויען בוידעם.

אויסצופּרובֿן איר השערה וועגן דעם מאַנס באַשעפטיקונג, האָט זי איינמאָל געבראַכט פון איר צימער אַ געמעל, וואָס זי האָט באַקומען פון אַן אויספאַרקויף און עס געשטעלט אַף אַ פּאָליצע, לעבן ברויט.

עס האָט פאָרגעשטעלט אַ ווענעציער ווינקל: אַ גרויסאַרטיקער מאַרמאָרנער פּאַלאַץ (אַזוי האָט זיך געשריבן אַף דעם בילד) אין פראָנט, ריכטיקער, באַ אַ וואַסער. ווײַל אונטן האָבן זיך געזען גאָנדאָלעס און אַ דאַמע טונקט איר האַנט אין וואַסער; כמאַרעס, הימל און פיל ליכט־און־שאָטן. אויב ער איז אַ קינסטלער, וועט ער דאָס מוזן דערזען, האָט זי פאַרשטאַנען.

אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דער קונד געקומען און ווי תמיד געבעטן: „צוויי לאַבנס אַלט־ברויט, זײַט אַזוי גוט”.

— איר האָט דאָ אַ ווויל בילד, מאַדאַם, האָט ער געזאָגט אין זײַן דײַטשישער אויסשפּראַך, בשעת די קרעמערן האָט אײַנגעוויקלט זײַן אײַנקויף.

— טאַקע?, האָט מיס מאַרטאַ געפרעגט, צופרידן פון איר אײַנפאַל — איך האַלט זייער פון קונסט און (ס׳האָט ניט געפּאַסט זאָגן מאַלער, צו פרי) מאַלערײַ. געפינט איר, אַז דאָס איז אַ גוט בילד?

„דער פּאַלאַץ איז ניט זייער גוט געצייכנט. ס׳אַ טעות אין פּערספּעקטיוו. אַ גוטן, מאַדאַם — און גענומען זײַן פּעקל, זיך פאַרנויגט און אַרויס.

„יאָ, ער מוז זײַן אַ מאַלער, האָט זי באַשלאָסן און צוריקגעטראָגן דאָס בילד.

ווי העל זײַנע אויגן האָבן אַרויסגעשײַנט פון אונטער די ברילן! סאַראַ גדיכטע ברעמען! צו קענען אָפּשאַצן פּערספּעקטיוו מיט אַ בליק און לעבן אַף טוכלע ברויט! האָט מיס מאַרטאַ געקלערט, אַ גאון מוז אָפטמאָל לײַדן, ביז ער ווערט אָנערקענט. ווי גוט וואָלט אָבער געווען פאַרן טאַלאַנט, ווען ער זאָל זײַן אונטערגעבעט מיט אַ פּאָר־טויזנט־דאָלער־ביכל, אַ בעקערײַ און אַ פילנדיק האַרץ — נאָר דאָס זײַנען געווען טרוימען פון מיס מיעטשאַם.

פון איצט אָן פלעגט יענער אָפּט כאַפּן מיט איר אַ שמועס אַריבער דעם טאָמבאַנק. זי קען שווערן, אַז ער שלינגט ממש אירע רייד.

ער פלעגט דאָך אַלץ קויפן דעם זעלבן מין ברויט — קיינמאָל קיין לעקעך, קיין קיכל — גאָרנישט מער פון מים מאַרטאַס געשמאַקן אַסאָר־טימענט.

זי קען שווערן, אַז ער קוקט אויס נאָך דאַרער און האָפענונגסלאָזער. איר האַרץ האָט געוויטיקט צוזוליײגן עפּעס בעסערס אין זײַן אָרעם פּעקל. עס האָט איר אָבער אויסגעפעלט מוט. זי האָט פאַרשטאַנען דעם קינסטלערס האַרץ און מורא געהאַט אים ניט צו באַליידיקן.

מים מאַרטאַ האָט אָנגעהויבן אָנטאָן איר בלוי געפּינטלט זײַדן קאָפטל, שטייענדיק פאַרן טאָמבאַנק, זי האָט גענומען אויפקאָכן אינדיק־זוימען מיט קעבעבע, וואָס פרויען נוצן צו דער הויט.

איין טאָג איז דער קונד אַרײַנגעקומען, אַוועקגעלייגט זײַן מטבע פון 5 סענט אויפן טאָמבאַנק און געהייסן זיך געבן זײַנע אַלטע לאַבנס. בשעת מים מאַרטאַ האָט דערגרייכט צו די ברויטן, האָבן זיך דערהערט פײַער־סיגנאַלן, אַ פײַפערײַ און אַ טומל ווי געוויינטלעך אין אַזאַ פאַל. דער מאַן האָט זיך געלאָזט צו דער טיר קוקן, האָט מים מאַרטאַ דערפילט אַ האַר־ציקן פאַרלאַנג און באַשלאָסן אויסנוצן די געלעגנהייט.

אויף אַן אונטערשטער פּאָליצע איז געלעגן אַ פונט פרישע פּוטער, ניט לאַנג געבראַכט. מיט אַ ברויט־מעסער האָט זי אײַנגעשניטן די לאַבנס, אַרײַנגעקוועטשט היפּשע שטיקער אָפּגעשניטענע פּוטער און צוריק צונויפ־געלייגט די טיילן ברויט ווי געווען.

ווען דער קונה האָט זיך אומגעקערט, האָט זי שוין געהאַלטן אין פאַרקניפּן זײַן פּעקל.

אַז ער איז אַוועק, האָט זי געשמייכלט צו זיך, נאָר מיט האַרץ פּלאָ־טערניש: אפשר האָט זי געהאַנדלט צו האָפערדיק; טאָמער וועט ער זיך פילן געטראָפן?

ניין! שפּײַז האָט ניט קיין לשון, פּוטער איז ניט קיין סימן פון שדכנות.

אַ גאַנצן טאָג האָט זי געהאַלטן אין איין טראַכטן, ווי ער געפינט איר שפּיצל: ער לייגט אַוועק די בערשטלעך, שטעלט אין אַ זײַט דעם לײַוונט מיטן בילד, וואָס ער מאָלט, אין וועלכן די פּערספּעקטיוו איז אָן שום פעלער; ער נעמט זיך צו זײַן אביונישער סעודה פון דאַרן ברויט מיט וואַסער. ווי ער צעשנײַדט דעם לאַבן און — זע!

מים מאַרטאַ האָט זיך גערויטלט. וועט ער אַ קלער־טאָן וועגן דער

האַנט, וואָס האָט אַרײַנגעטאָן די פּוטער? יאָ, צי ניין?

די פּאָדערשטע טיר האָט זיך צוקלונגען ווילד. זי עפנט זיך שטאַרק טומלדיק, אומגעהייער הוידענדיק.

מים מאַרטאַ האָט צוגעאײַלט זיך צום אַרײַנגאַנג, און דערזען צוויי מענער: איינער, אַ יונגער מיט אַ ליולקע, וועלכן זי זעט דעם ערשטן מאָל. דער צווייטער — דער קינסטלער. זײַן פּנים — פײַער־רויט. דאָס היטל פאַררוקט אַף הינטן און די האָר צעפּאַטלט. ער האָט אויסגעבאַטלט אַלע חלומות און מיט צוויי פויסטן געדראָט מים מאַרטאַן.

— דומקאָפּ, האָט ער געשריִען ביז הייזעריקייט — טאַוזענדאַנפער, צי ענלעכס אין דײַטש.

דער יונגערמאַן האָט זיך געפּלײַסט אוועקשטעלן אים.

— איכל נישט גיין, האָט ער געריטשעט — כ׳מוז איר זאָגן! און געמאַכט אַ פויק פון טאַמבאַנק. דו האָסט מיר איבערגעפירט — האָט ער געגוואַלדעוועט, און די אויגן אונטער די גלעזער — ווי קוילן צוויי. „דור־דור־ביסט אַן אַלטע קאַץ.

מים מאַרטאַ האָט זיך קוים צוגעשאַרט צו די פּאָליצעס ליגנדיק איין האַנט אַף איר בלוי־פינטלדיק, זײַדן וועסטל. דער צווייטער מאַן האָט דערוויַיל דעם געליטענעם אָנגענומען באַם קאָלנער און געשיפּעט:

— אַרויס, האָסט שוין גענוג איר געזאָגט — ער האָט אים אַרויס־געצויגן אַפן טראָטואַר און אַליין אַרײַנגעקומען דערנאָך — איר מוזט וויסן, מאַדאַם, — האָט ער געזאָגט, פון וואָס זײַן צאָרן האָט זיך גענו־מען. דער מאַן איז אַן אַרכיטעקט. מיר זײַנען אין איין אָפּיס באַשעפטיקט. אַרבעט ער שוין דרײַ חדשים אַף אַ פּלאַן פאַר אַ נײַעם מאַגיסטראַט. עס איז געווען אַ פּריז־פּאַרמעסט. ער האָט נעכטן פאַרענדיקט דאָס טינטלען וואָס קומט אַף די בלײַער־צייכנס. פלעגט ער די בלײַ־סימנים אָפּמעקן מיט אַלטן ברויט אָנשטאָט אַ גומי־מעקער. הײַנט אָבער, מאַדאַם האָט די פּוטער איבערגעפירט די צייכענונג און זײַן גאַנצע אַרבעט טויג אַפן פײַער.

מים מאַרטאַ מיעטשאַם איז אַרײַן אין אונטערשטן צימער, האָט אויסגעטאָן דאָס זײַדענע קאָפּטל, אַרויפשלעפּנדיק צוריק איר אַלטע, ברוינע. דאָס געמישעכטס פאַרן פּנים האָט זי אויסגעפּליוכעט אין מיסט־קאַן.

אין די פעדערן

שאַצנדיק מענטשן לויט זייערע נחתים, האָס איך דרײַ מינים: ראשית די, וועלכע פאַרמאָגן מער, וויפל זיי קענען פאַרנוצן. ווהשנית, די, וועלכע באַזיצן מער, ווי זיי באַדאַרפן און דריטנס, יענע, וואָס פאַרשווענדן אַריבער זייערע כוחות. פון די דרײַ סאָרטן האָב איך, דאַכט זיך, מער פײַנט דעם ערשטן. ווי אַ בר־נש אָבער האָב איך דווקא געהאַט האָלט ספּענסער גאָרט, הגם ער האָט געהאַט צוויי, צען, צי דרײַסיק מיליאָנען — ווער ווייס?

יענעם זומער האָב איך נישט פאַרלאָזט די שטאָט. פריִער פלעג איך אַרויספאָרן אַפן לאַנד, ערגעץ אַרום לאַנגן אינדזל, באַ ניו־יאָרק. אַרום האָבן זיך געפונען ענטלעך־פאַרמס. דאָס קראַקען פון די קאַטשקעס און קאַטשערס, דאָס בילן פון די הינט און דאָס זשומען פון די ווינט־מילן האָבן אַזוי אָנגעפילט די לופט, אַז שלאָפן איז געווען אַזוי גרינג, ווי אין ניו־יאָרק נאָענט פון לופט־באַן.

דעם דערמאָנטן זומער בין איך געבליבן אין שטאָט. ווען אַ פרײַנט האָט מיך געפרעגט, פאַרוואָס? האָב איך אים געענטפערט:

— ווײַל, גוטער ברודער, ניו־יאָרק איז דער בעסטער זומער־אָפּרו אין דער וועלט.

איך האָב יענעם יאָר געאַרבעט אַלס פּרעסע־אַגענט פאַר די טעאַטער־אָנפירער בינקלי און בינג. מײַנע באַלעבאַטים זײַנען זיך צעפאָרן זומער יעדער אין אַן אַנדער עק־וועלט. מיר האָבן זיי איבערגעלאָזט סכירות פאַר יוני, יולי, ווי אמתע ליבעראלן. דאָך בין איך געבליבן אין שטאָט ווײַל ווי געזאָגט — ניו־יאָרק איז דער בעסטער זומער — — —

דעם צענטן יולי איז מײַן פרײַנט גאָרט געקומען פון זײַן נחלה אין די אָדעראָנדעק־בערג פון זעכצן צימערן, אַ באָטלער (לאַקיי) באַם טיש, אַ גאַראַזש פאַר אויטאָמאָבילן, זילבער־געשיר און אַ טעלעפאָן. פאַר־

שטענדלעך, אַז דאָס אַלץ האָט זיך געפונען אין וואַלד. און טאַקע, ווען עמעצער וויל באַוואָרענען וועלדער, זאָל ער געבן יעדן צו צוויי, צען, אָדער דרײַסיק מיליאָנדלעך, וועלן די ביימער זיך טוליען אַרום דעם זומער־וווינונג און זײַן פאַרהיט.

נאָרט איז געקומען מיך זען אין מײַן פּאַלאַץ פון דרײַ חדרים מיט אַ קיך. ער האָט מיר אַ קלאַפּ געטאָן אין פּלייצע, אַז כ׳האָב זיך געזען מיט דער באָבען אין חלום. געווען איז ער ברוין פאַרברענט, פריש און געזונט און געקליידט אויפרײַסנדיק שיין.

— איך האָב זיך אַרויסגעכאַפּט, — האָט ער געזאָגט — אויף אַ פּאָר טעג בלויז, אונטערצושרײַבן אַ פּאָר שמירגעליצעם (פּאַפּירלעך), ווי מײַן אַדוואָקאַט האָט מיר טעלעגראַפירט. האָב איך זיך דערוווּסט, אַז ביסט אין שטאָט. און וואָס איז געוואָרן פונעם גן־עדן, ווּהין פלעגסט ברענגען דײַן שרײַב־מאַשינדל מיט דײַן שיגעון יעדן זומער? ס׳געפעלן דיר מער ניט די שוואַנען, וואָס פלעגן זינגען אַפן פאַרם דורכן זומער?

— די קאַטשקעס מיינסטו? האָב איך פאַריכט, זיי זינגען פאַר די גליקלעכערע אויערן; שווימען און בייגן זייערע העלדזער אין גרינצלטע וואַסערן אויף די גיטער פון די פאַרמעגלעכע, צו גלעטן די חושים באַ די קעסט־קינדער פונעם מזל.

— אויך אין צענטראַל־פּאַרק, האָט מײַן פרײַנט דערווידערט: צו דערקוויקן די קוקערס באַ די אימיגראַנטן און שלעפּערס. צו וועלכן שוואַרץ־יאָר אָבער זיצסטו אין שטאָט אַזוי שפּעט אום זומער? האָט מײַן פרײַנט ניט געקענט פאַרשטיין.

— ווײַל ניו־יאָרק איז דאָס בעסטע פּלאַץ אין לאַנד צו פאַרברענגען זומער, האָב איך גענומען רעציטירן — — —

— ניין, וועסט מיר נישט פאַרקויפן דאָס לידל, איך קען דיך, מטורף. דו דאַרפסט פאָרן צו מיר, ווו אַלע אונדזערע פרײַנט פאַרווײַלן זיך, אפילו מיט קענעדי מיט איר מומען, וועלכע האָט באַ דיר אַזוי נושא חן געווען.

— איך בין קיינמאָל נישט געווען פאַרליבט אין דער מומען — האָב איך אָוועקגעמאַכט.

— כ׳האָב עס נישט געזאָגט, האָט דערווידערט נאָרט. מיר לעבן אַ טאָג ווי נאָך קיין זומער, די טראַוט־פיש וואָלטן דיך אײַנגעשלונגען מיט דײַן וועגטקע אינאַייִנעם. הײַנט יענע מיט די עלעקטרישע אויגן! אין די

אוונטן נעמען מיר שיפֿלעך און בינדן צו איינע מיט א גראַמאַפֿאָן און א יינגל צו ביַיטן די דיסקן. איך האָב אַוועקגעשיקט אַהין צוויי אויטאָס. דער „פֿיינקליף" רעסטאָראַן איז בלויז דריַי מייל פֿון דאָרט. צוויי מאָל א וואָך קומען מיר אַהין עסן און טאַנצן. קענסטו ניט מיטפֿאָרן כאָטש אַף איין וואָך?

איך האָב געלאַכט און געענטפֿערט:

— נאַרטעלע — אויב איך מעג זיַין אַזוי פֿאַני־בראַט מיט א מיליאָנער — דיַין איַינלאַדונג איז מיר זייער צום האַרצן, רק פֿאַר מיר איז ניו־יאָרק דאָס בעסטע — — — — וויַיל די געלט־זעק זיַינען ניטאָ, קען איך לעבן ווי נעראָן אַמאָל, הגם אָנעם פֿידל. ווען די שטאָט ברענט ביז די העכסטע גראַדן, זיץ איך מיר אונטער געקינסטלטע פּאַלמעס און ביַים מילגרוימען. דער עלעקטרישער פֿאָכער בלאָזט מיט אַן אַרקטישן אָטעם; און די כלערליי מינים פֿיש ווייסטו, אַז דזשעסן, דער קוכער פֿון מאָורים רעסטאָראַן, קאָכט זיי ווי קיינער הינטער דער זון.

— זאָלץ נישט איבער, האָט זיך געשפּאַרט דער גאַסט, מיַין שעף האָט געוווּנען א קולינאַרן פּריז. ער לייגט אַריַין רעפּטלעך בעקאָן אין די פֿיש־ביַיכלעך, וויקלט זיי אין געלן קאָרן־מעל און באַדעקט מיט הייסע קוילן. מיר צעליינגן פֿיַיערן אַפֿן ברעג און פּראַוועון לויתן־סעודות.

— איך וויים, נעם איך איבער די האַנט — די דינער ברענגען צו שלעפּן טיש און בענק, דאַמאַסקער וועש, און איר עסט פֿון זילבערנע כלים מיט גאַנצע עמער שאַמפּאַניער כיד המלך, וואָס פֿאַרשעמען די ווילדע בלומען; און מאַדאַם טעטראַזינאַ זינגט אין פֿעלד־פּאַוועליאָן נאָך דער וועטשערע.

— לאָ מיט אַן אַלף, האָט אָפּגעשלאָגן נאָרט. איך האָב געבראַכט א טרופּע אַף דריַי־פֿיר וואָכן. דערציילזשע מיר ניט, אַז ווילסט דווקא בליַיבן איבערזומערן אין שטאָט. פֿאַרוואָס האָסטו אין די פֿריִערדיקע וואַקאַציעס אַפֿילו פֿאַרגנבעט זיך פֿון דיַינע פֿריַינט, נישט אויפֿצודעקן דיַין אַרקאַדיע, וווּהין ביסט געפֿאָרן? האָט ער ניט אָפּגעלאָזט.

— זינט דאַן אָבער, איז געווען מיַין ענטפֿער — האָב איך אַנטפּלעקט, אַז די קילסטע, פֿרישסטע, אויסגעקליבנסטע תענוגים זיַינען פֿאַרט אין שטאָט. א סימן, אויב דו ביסט ניט פֿאַרנומען היַינט אָוונט, וועל איך דיך איבערציַיגן.

— כ'בין פריי, האט מיין גאסט איינגעשטימט, און האב דא אפילו מיין לייכטן אויטאמאביל. כ'שטעל מיר אין דמיון פאר דיין ספארט: דרייען זיך צווישן די פאליציי־מאטאציקלעטן אין צענטראלן פארק, א לאגל געדיכטן ביר ערגעץ אין א מויזן־לאך הינטער א פאבער, וואס קען ניט בלאזן אין א וואך, וויפל די ניאגארא אין א רגע.

— ס'ערשטע וועלן מיר טאקע מאכן א דריידל אין פארק, האב איך צוגעגעבן, פילנדיק א נויטווענדיקייט נאכן שטיקן זיך אין ענגן וווינונג צו דערפרישן זיך מיט א קיל ווינטל און בשעת מעשה וויזן מיין פריינט, אז זומער איז ניו־יארק דאס בעסטע — — — ווי באקאנט.

— ווו נאך קען מען געפינען אזא מחיהדיקע לופט, ווי דא, האב איך זיך בארימט אריינפארנדיק אין סענטראל־פארק.

— לופט רופסטו דאס? האט זיך דער אויטא־איינגטימער געקרומט; את דעם שטויביקן, רויכיקן דאמף מיטן קוילן שטיק־שטאף? רבונו־של־עולם! כ'וואלט נאר וועלן זאלסט איין אטעם טאן דעם עטער פון די נאדל־ביימער אין וואלד אף די בערג!

— שוין געהערט! האב איך איבערגעשלאגן, איך וועל עס ניט פארבייטן פארן ריח ניחות פון טייך־איינגוס באם ענטל־פארם.

— פארוואס־זשע פארסטו ניט אהין כאטש איידער בראטן זיך אין דעם באק־אויוון? האט זיך נארט אנגעכאפט.

— ד־ע־ר־פ־א־ר , האב איך געצויגן, ווייל כ'האב אויסגעפונען, אז — — — אא"וו.

— ביסט א חסר־דעה אדער אן אגענט בא דער סאבוויי, — האט מיין פריינט מיר אריינגעזאגט.

דער וועטער האט אים אויך צוגעשפילט. די שטאט האט זיך גע־פרעגלט אף קוילן. די פארקנס זיינען געווען באלאגערט מיט מענטשן אין שטרויענע היטלען און אן זיי, אפילו אין די נאכט־קליידער. טעקסיס האבן געהאלטן זייערע פענדלעך אפן, און זייערע רייען האבן געוואקסן ווי אין פערטן יולי־פאראד. אין די שענקען האט מען קיין קונים ניט געזען, די מעטאלענע פוס־שטאנגען האבן געגלאנצט אומבארירט פון לע־דער־זוילן, דאון־טאון (אונטערשטער טייל שטאט) זיינען די טירן בא־זעצט געווען ניט דורכצוגיין פון די שכנים מיט זייערע שטרויענע זיצ־קישעלעך. די לופט — אנגעפילט מיט טומל.

נאָרט און איך האָבן געפּראוועט וועטשערע אפן דאך פון א האָטעל. איך האָב כמעט געשלאָגן מײַן קענגנער אין געוועט, א קיל ווינטעלע האָט געבלאָזן אפן דאכלאָזן דאך. קלעזמער באהאלטן אונטער קינסטלעכע ביימלעך האָבן געריםפּלט שטיל, כדי מ׳זאָל, חוץ זייער קונסט, קענען הערן אויך דעם געמורמל. דער שיינער מין אין דורוזיכטיקער הלבשה האָט באלעבט, באַפאַרבט די אומגעבונג. די שטערן האָבן צוגעוווּנקען. באטעמטע מאכלים פון עלעקטרישן קעלטער ארויס האָבן געשטיצט מײַן עקשנות. נאָרט האָט אָבער אַלץ געוואַרטשעט, געקללהט די אדוואָקאַטן און נישט אַרויסגעלאָזט פון מויל זײַן וואַלד־ווײַנונג, אַז איך בין גערן גע־ווען, ער זאָל שוין אָפּפּאָרן און מיך לאָזן אין מײַן שטאָט־מנוחה.

דערנאָך האָבן מיר באזוכט א בארימטן וואָדעוויל אויך אין א דאך־גאָרטן מיט א נישקשהדיקער פּרײַזן־רשימה. קאַלטע משקהות שנעל סער־ווירט און א פריילעכע עלעגאַנטע געזעלשאַפט. מײַן גאַסט אָבער האָט אַלץ זיך געלאַנגווײַליקט.

— אויב דאָס אַלץ געפעלט דיר נישט אין א הייסער אויגוסט־נאַכט, דערמאָן זיך א טראַכט טאָן וועגן די קינדערלעך אף די גאַסן דילענסי, עססער און אַרום, ווו זיי שטעקן די צינגלעך אַרויס נאָך א טראָפּן לופט. דער היפּוך וועט הייבן דײַן געמיט און דיר שאַפן מער הנאה — האָב איך געמונטערט מײַן קרבן.

— הער אויף מיט דײַנע סאָציאַליסטישע דרשות — האָט ער זיך גע־בייזערט. כ׳האָב בײַגעשטײַערט פינף הונדערטער צום אײַז־פאָנד דעם ערשטן מײַ. אָבער פאַרגלײַך די טוכלע, געקינסטלטע, נודנע פאַרווײַלונגען מיטן נחת־רוח, וואָס מיר געניסן אין די דאָרטיקע וועלדער און פעלדער. זאָלסט זען די גרינע ביימער, אַלערליי קאָלירטע בלומען און אַנדערע פלאַנצן ווען זיי טאַנצן, נייגן און בייגן זיך פון ווינט. אָדער זיך צעליינגן פלאַך און טרינקען פון א באַרג־קוואַל נאָך א טאָגיקן געיעג אף הירשן. אָט ווי מ׳דאַרף געפינען זיך און אויסלעבן א זומער! קום, מטורף, אַרויס, צו לעבן מיט דער נאַטור!

— מסכים! האָב איך נאָכגעלאָזט, ווי כ׳האָב געפילט באמת.

נאָרט האָט מיט שטוינונג אָנגעקוקט מײַן שולדיק געזיכט.

— האַ, כ׳פאַרשטיי, האָט ער פילדײַטיק געזאָגט און פּלוצים געפרעגט:

— מעג איך ווימן ווי זי הייסט?

— ענע אַשטאַן, — האָב איך געענטפערט. זי האָט געשפּילט אַ קליינע ראָל אין „זילבער שוואַרע" באַ בינקלי און בינג־טעאַטער קאָמפּ. קומענדיקן זמן וועט זי אויפטרעטן אין אַ גרעסערער ראָל.

— באַקען מיך מיט איר, האָט מיין חבר געבעטן.

פרײַלן אַשטאַן האָט געוווינט מיט איר מוטער אין אַ קליינער אַכסניה. לעבנדיק פון אַ נישטיקער הכנסה. איך, בינקלי און בינגס טעאַטער־אַגענט האָב געזען האַלטן מיס אַשטאַן פאַרן עולם און געהאָפט איר אַרויסנעמען דערפון, ווייל, אויב עמעצער האָט זיך אינטערעסירט מיט מײַן ווייניקייט און ליב געהאַט אָטעמען די געזאַלצענע לופט באַם דרום־ברעג פון אינדזל אַפן ענטל־פאַרם, איז עס געווען מיס אַשטאַן.

זי איז געווען באַחנט — אַ יפת־תאר. זי האָט פאַרמאָגט טאַלאַנט און טעם פאַר דער בינע און דאָך ליב געהאַט זיצן אין שטוב און מלאַכעווען היטעלעך פאַר איר מוטער, צו איר פרעס־אַגענט איז זי געווען פרײַנטלעך, צוגעלאָזט. זינט דער טעאַטער האָט זיך פאַרמאַכט איבערן זומער. האָט זי מיר דערלויבט וויזיטירן איר און איצט אויך מיטברענגען מײַן פרײַנט נאַרט.

מיר האָבן איר געטראָפן מעסטנדיק אַ קאַפּעליוש אַף איר מאַמען.

נאַרט האָט געדרשנט פאַר פײַער און פאַר וואַסער. ער האָט געקענט די מלאכה. דערצו איז ער דאָך געווען דער אייגנטימער פון דריי, צען צי דרײַסיק מיליאָנדלעך, האָט ער געשאָטן אָן אויפהער וועגן זײַנע פאַלאַצן אין די אַדריאָנדעקס.

אין אַ צוויי טעג אַרום האָב איך געזען נאַרטן אין זײַן אויטאָ מיט די אַשטאָנס. אַף מאָרגן האָט ער זיך אַרײַנגעכאַפּט צו מיר:

— באַבי, האָט ער געשטאַמלט — דײַן ליב שטעטל איז טאַקע גאָרנישט קיין שלעכטע היים פאַר זומער. אַרומפאָרנדיק האָב איך עס אויסגעפונען. ס'איז פאַראַן ערשטראַנגיקע לײַכטע אָפּערעס אַף די דעכער און גאָרטנס; קאַלטע, ווייכע געטראַנקען מיט וואָס מ'קען זיך פילן גאַנץ קיל, ניט ערגער ווי אין וואַלד. צוריק קלערנדיק, בין איך מודה, אַז ניו־יאָרק איז טאַקע קיין מעשה נישט. אין פאַרגלײַך מיטן דאָרף, וווּ מ'ווערט איבערזעטיקט מיט די שטענדיקע מאכלים, וואָס די קוכערס גרייטן; מ'ווערט פאַרשרפהט פון דער זון און מ'לאַנגווײַליקט זיך אין יענעם העק.

— אהא, האָב איך אונטערגעכאַפּט, איאָ, אַ היפּשער חילוק.

— אוודאי, האָט ער פאַרגעזעצט, כ'האָב אפילו געפונען געפילטע פיש און ראָסל־פליש, קניידלעך און כרעמזלעך, וואָסערע מ'שמעקט ניט אָן אין אונדזערע מקומות.

— כ'בין צופרידן דאָס צו הערן, האָב איך געלאַכט, אים קוקנדיק גלײַך אין די אויגן.

ער האָט מיך פאַרשטאַנען און אַרויסגעגעבן זיך:

— איך וועל זיך דיר מודה זײַן, באָב, כ'קען זיך נישט העלפן. און וועל זײַן מיט דיר אָפנהאַרציק. צווישן מיר און ענע אַשטאָן האָלט גאָ־ענט. זי איז פונקט דאָס וואָס איך זוך.

— מיט הצלחה, האָב איך אים געמוטיקט. קיינער שטייט דיר נישט אין וועג.

אַף דאַנערשטיק האָט מיס אַשטאָן אײַנגעלאַדן צו טיי מיך און נאָרטן. זי איז געווען שענער ווי תמיד, און נאָרט — אַפן זיבעטן הימל. איך האָב אויסגעמיטן די קאַפּעלושן־טעמע און אַרײַנגעוואָרפן בלויז אַ וואָרט דאָ און דאָרטן. ענע אַשטאָן האָט פאַר יוצא וועגן מיך געפרעגט מכוח דעם קומענדיקן סעזאָן.

— אָ, איך וועל נישט זײַן מער מיט בינקלי און בינג, האָב איך גע־ענטפערט און צוגעגעבן, אַז כ'וויל קויפן אַ שטיקל מאַיאָנטעק אַפן ברעג־אויסצופירן ענטלעך. דאָרט וועל איך אָטעמען זאַלצענע לופט, וואָס בלאָזט פון ים און שרײַבן טעאַטער־שטיק אַ פולן קאָרב. די קאַטשקעס וועלן מאַרשירן, שווימען, וואָס כ'האָב ליב צוזען שעהענווײַז; הערן זייערע שטימען הגם ניט פון די שענסטע, האָב איך דאָך האָלט ווי שיינע מוזיק, זייער קאַטש, קאַטש, וואָס וועקט דיך באַנאַכט. אויסער שיינקייט, חכמה און זיסע קולעכער זײַנען זייערע פעדערן אַן אוצר ממש. און דאָס פלייש קען מען פאַרצוקערן אַפן עופות־מאַרק. וועל איך באַשטעלן אַ כינעזישן קוכער, מיט אַ הונט און זון־פאַרגאַנג וועל איך הנאה האָבן פון גאָטס וועלטל און נישט פרעגלען זיך אַף ניו־יאָרקס סקאַוועראָדע.

מיס אַשטאָן איז געווען איבעראַשט. נאָרט האָט געלאַכט.

מיטן תירוץ אַז כ'דאַרף אָנהייבן שרײַבן אַ קאָמעדיע, האָב איך זיי פאַרלאָזט.

אין איניקע טעג אַרום האָט געקלונגען אין מײַן טעלעפאָן פרײלן

אשטאָן און געבעטן קומען נאָכמיטאָג.

— איר זײַט געווען גוט צו מיר אַלס טעאַטער־אַגענט, מוז איך אײַך דערקלערן, אַז איך פאַרלאָז די בינע — האָט זי דערקלערט.

— איך האָב דאָס פאַרשטאַנען — האָב איך באַמערקט, ער פאַר־מאָגט געַנוג, אַ לעבן צו מאַכן אָן די ברעטער.

— איר טעותט זיך, האָט ענע אָפּגעשלאָגן. כ׳גיי ניט צו דער חופּה מיט נאַרטן.

— האָט איר אַנדערע בעסערע אויסקוקן?

— דווקא ניט, אונדזער אײַנקונפט מינטערט זיך.

— וואָס־זשע אַנדערש קענט איר טאָן פאַר כאַיונע? — האָב איך געפרעגט.

ענע איז צוגעקומען צו מיר נעענטער און מיר אײַנגערוימט:

— איך קען פליקן קאַטשקעס...

דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר פאַר די פעדערן אָפּגענומען אַ מטמון.

אַ טשיקאַווע מעשה אָדער די רפואה

אין צפון פון אוסטין האָט געוווינט אַ באַלעבאַטישע פאַמיליע, סמיטעס. זי איז באַשטאַנען פון רב נוח, זײַן ווײַב, די נחמע און זייער טעכטערל, די פינף יאָריקע מיידעלע און אירע עלטערן — מאַכט אויס סך־הכל זעקס קען מען מיינען, אין אמתן אָבער זײַנען זיי געווען דרײַ.

איינמאָל, אין אָוונט, נאָך וועטשערע, איז די קליינינקע אײַנגעפאַלן מיט מסוכנע ווייטיקן. איז דער טאַטע אַוועק אין צענטער ברענגען אַ רפואה פאַרן שלאָפן טעכטערל און זיך צוריק נישט אומגעקערט.

דאָס קינד אָבער איז געזונט געוואָרן, געקומען צו די כוחות.

די מאַמע האָט געקלאָגט נאָך איר פאַרפאַלענעם מאַן און סוף־כל־סוף חתונה געהאַט מיט אַן אַנדערן און זיך אַריבערגעקליבן קיין סאַן אַנ־טאָניע. דאָס מיידעלע איז געקומען אין די יאָרן און געגאַנגען צו דער חופּה מיט אַ פײַנעם יונגנמאַן. זיי האָבן געוווינט אין דער אַלטער שטוב, און זי האָט דאָרט געבוירן אויך אַ מיידעלע.

ווען די קליינע איז אַלט געוואָרן פינף יאָר, איז זי פּונקט אין זעלבן אָוונט נאָך וועטשערע פאַרשלאָפט געוואָרן. האָט דער פאָטער זיך געוואָלט לאָזן אין שטאָט־צענטער אַרײַן צו ברענגען אַ רפואה, האָט די מאַמע נישט געלאָזט, ער זאָל אויך נישט פאַרשווינדן, ווי איר טאַטע אַמאָל. דעם טעכטערל איז געוואָרן וואָס אַמאָל ערגער, נאָר די מוטער האָט נישט געלאָזט איר מאַן אַוועקגיין.

פּלוצים, ווי זיי שפּאַרן זיך אַזוי, יאָ־גיין, ניט־גיין, עפנט זיך די טיר און עס קומט אַרײַן אַן אַלטער געבויגענער גרײַז־גרויער מאַן. זײַנע ווײַסע האָר לאַנג איבערן בלייכן פּנים; די גרויע באָרד. גרייכט איבערן גאַרטל. די קראַנקע האָט פריִער פון אַלעמען געזאָגט: אָט איז געקומען דער זיידע. דער אַלטינקער האָט אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע אַ רפואה, געגעבן דער קראַנקער טרינקען אַן עס־לעפל און דאָס קינד איז גענעזן געוואָרן.

און דער גאַסט האָט געזאָגט: זײַט מיר מוחל, אַביסל פאַרשפּעטיקט — געוואַרט אַפן טראַמוויַ.

דער דרייַעק

I

אייַקי איז געווען אַ לערן־ייִנגל. ער האָט געבויגן דעם רוקן — גע־שוירן, געפּרעסט, געסטריגעוועט, געלאַטעט אַ קיילעכדיקן טאָג אין שוויס און דאַמף פֿון אַ שנײַדער־וואַרשטאַט. ווי נאָר אָבער דער טאָג איז אַוועק, איז דער הימל געווען פֿאַר אייַקין צו נידעריק.

שבת צו נאַכט האָט דער באַלעבאָס נישט פֿאַרגינענדיק אַרײַנגע־שטופּט אייַקין עטלעכע צעקנייטשטע, פֿאַרשמאַלצעוועטע פּאַפּירלעך אין האַנט. ס׳האָבן געגאָסן ריטשקעס פֿון אייַקין. ער האָט אַרויפֿגעכאַפּט אויף זיך דעם בגד, היטל און צעקראַכענעם שניפּס פֿון ווער ווייס וואָסער קאָליר, און שפּילקע און שוואַליאַם אַוועק צו זײַנע אידעאַלן.

אַזוי איז דער מענטש — אָפּגעפּראַצעוועט, זוכט יעדער זײַנע תּענוגים: ליבע, פּינאָקל צי ראַקעס; און אפשר גאָר דאָס זיסע שטיל־שווײַגן פֿון ספרים־פּאָליצעס.

בקיצור — אייַקין האָט מען תּיכף געזען הינטערן דונערדיקן „על״ (לופט־באַן), צווישן די ריח־ניחותדיקע שוויץ־שעפּער, ווער ס׳קוקט אים דאַן אָן — בלייך, אײַנגעבויגן, קויטיק, שאָקלענדיק דאָס ביליקע עטע־קעלע און פֿאַרציִענדיק דעם גיפּטיקן רויך פֿון ציגאַרעטל — וואָלט גע־זען אַ פֿאַרמשפּטן צו אביונות פֿון גוף און מוח, וועלכער טראָגט אין זײַן דאַרער ברוסט די באַצילן פֿון דער געזעלשאַפֿט.

אייַקיס פֿיס האָבן אים געבראַכט צו און אין באַרימטן פֿאַרווײַלונג־פּלאַץ, „קאַפֿע מאַגינים״, דער מקום, וואָס האָט געהאַט די זכיה באַזוכט צו ווערן פֿון בילי מעקמאַהאַן — דער גרעסטער, קונציקסטער און וווּנ־דערבאַרסטער, לויט אײַזיקס באַגריף, מענטש, וואָס די וועלט האָט ווען געוווּסט.

בילי מעקמאַהאַן איז געווען דער דיסטריקט־פֿירער. אים האָט דער טיגער (פּאַרטיי) געקעבלט און פֿון זײַן האַנט האָט זיך געשאַטן מאַן.

אַז אייַקי איז אַרײַנגעקומען, איז מעקמאַהאַן געשטאַנען צערויטלט,

זיגעריש, מעכטיק — דער צענטער פון בראַוואָ־פּאַטשער און אונטער־לעקער.

עס זײַנען פֿאָרגעקומען זיגרײַכע וואַלן, און די שטאָט איז צוריק אַרײַן אין די האָלאָבליעס דורך אַ גלײַכגעשאַלטעטער, אומווידערשפּעניק־טער אָפּשטימונג.

שנעל אָטעמענדיק, האָט אײַקי זיך צוגעשאַרט און געקוקט אויף זײַן אָפּגאָט: ווי גרויסאַרטיק איז אָט די ברייטע, גלאַטע, לאַכנדיקע צורה זײַנע גרויע, כיטרע אויגן ווי באַ אַ רויב־פויגל; די געמבע, ווי דער שאַל פון אַ טרומפּייט, זײַן פּרינצלעכע געשטאַלט; דער רינג פול מיט דימענטן און אַ געפּאַקטער בײַטל מיט פּאַזיטן און זײַן קלינגענדיקער רוף צו די פּרײַנט, קאַמעראַדן — אָ, מלכות! קעניג!

ווי פּאַרטונקלט האָט ער זײַנע געהילפן — הגם זיי אַליין זײַנען אויך געווען גאַנצע יאַ־טיבע־דאַמס! די הענט טיף פּאַרוקט אין די פּידזשאַק־קעשענעס און מיט בלויע וואַזשנע מאָרדעס.

נאָר בילי — אַך! ווי נישטיק זײַנען ווערטער אָפּצומאָלן פּאַר אײַך, לייענער, בילים גרויסקייט, הויכקייט — ווערליק ס׳האָט אים געזען אײַקי שניגלפּריטץ.

„קאַפּע מאַגינים" האָט אָפּגעהילכט דעם וואַל־ניצחון. ווײַס־באַקלייד־טע משרתים האָבן געטראָגן געטאָן די עבודה איבער פלעשער און כוסות. דער רויך פון אמתע האַוואַנער ציגאַרן האָט געוואָלקנט אין לופט. ברוי־דערלעכע, האָפענונגספולע הענט האָבן געדריקט בילי מעקמאַהאָנס פינגער.

מיטאַמאָל האָט אַן אַזעסדיקער חשק אויפגעפלאַמט אין אײַקיס האַרץ. ער איז אַרויסגעטראָטן פאָרויס אין אַן אָפּגעליידיקט שטיקל פּלאַץ און אויסגעשטרעקט זײַן האַנט.

בעלי מעקמאַהאָן האָט זי נישט אָנגעכאַפּט, געצווייפלט און אָנגענו־מען, געשאָקלט און געשמייכלט.

משוגע פון הימלשער הנאה ביז זעלבסטאָפּפערונג האָט אײַקי אָפּגע־שליידערט זײַן שייד און אָנגעגריפן דעם אָלימפּיק:

— לאָמיר טרינקען לחיים, בילי, דו און דײַנע פרײַנט — האָט אײַקי אַרויסגעפּלאַצט גוט־ברודעריש.

— פאַרוואָס נישט, יונגערמאַן? האָט געענטפערט דער גרויסער פּי־

רער — זאָל די קנויל זיך קײַקלען!

דער לעצטער פּונק שכל איז בײַ אײַקין פֿאַרשוווּנדן.

— ווײַן! — האָט ער אויסגעשריִען צום שענקער, מיט אַ ציטערדי־קער האַנט אָנווײַזנדיק אַף דער חברה.

פּראָפּנס פון פלעשער זײַנען אַרויסגעצויגן געוואָרן מיט אַ קנאַק. די משקה האָט געבולבלט אין דער לאַנגער שורה צעשטעלטע גלעזער. בילי מעקמאַהאַן האָט גענומען זײַן כּוס און אַ ווינק געטאָן צום שטראַלנדיקן אײַקין. דער יוצר משרתים האָבן אויפגעהויבן זייערע קעלישקעס און גע־מורמלט: פֿאַר דיר, אײַקי, האָט גענאָסן זײַן נעקטאַר פֿאַרחלומט. ער האָט אַ וואָרף געטאָן אַפֿן קאַנטאַר אַ פֿאַרקנײַטשט פּעקל — זײַנע סכירות פון דער וואָך.

— . . . כּטיק, — האָט אַ בורטשע געטאָן דער ווײַן־הענדלער, אײַ־בערציילנדיק.

דער עולם האָט ווידער געקלעפּט אַרום דעם אָדן, בילין. אײַקי איז נאָך אַ ווײַלע געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אָן בופעט און אַוועק.

אין דער היים האָבן זײַן מוטער און די שוועסטערלעך געפּרעגט אַף זײַנע פּאַרדינסטן. נאָך זײַן ווידוי האָבן זיי אים געשאָלטן, געזידלט, נאָר אײַקי האָט קיין חרטה נישט געפילט. זײַן קאָפּ איז נאָך געווען אין די וואָלקנס. אין פאַרגלײַך מיט יענעם נחת זײַנען די קללות און חרמות אפילו קניפּ און קליפּ נישט ווערט געווען קיין אויסגעבלאָזן איי: ער האָט דאָך זיך געגעבן האַנט מיט יענעם „גאָט” אַליין — בילי מעקמאַהאַן.

II

די „גאָטעבע” האָט געהאַט אַף איר וויזיט־קאַרטל אויסגעקריצט: „מר”ס וויליאַם דאַראַג מעקמאַהאַן”. אָבער אַ שאָטן האָט געשוועבט אַפֿן נאָמען. ווי קליין די קאַרטלעך זײַנען געווען, האָבן זיי דאָך ניט געקענט אַרײַן אין אייניקע טירן. בילי מעקמאַהאַן איז געווען אַ גביר, אַ דיקטאַ־טאָר אין פּאָליטישע ענינים. אַ שרעקלעכער, אַ ליבער, אַ האַר, אַ סאַר. ער האָט געשטיגן. די צײַטונגען האָבן געהאַלטן טוצן אָנגעשטעלטע אים נאָכצופּאָלגן, אויפכאַפּן יעדער קלוג וואָרט זײַנס. מ׳האָט אים באַערט מיט אַ קאַריקאַטור, ווי ער פירט דעם טיגער באַם צוים.

אָבער בילים האַרץ האָט זיך אָפּט געפילט צעוויטיקט. ס׳איז געווען א קיטע מענטשן — צו וועמען ער האָט אַרויפגעקוקט, ווי משה צום פאַר־שפּראָכענעם לאַנד און דאָך געשטאַנען ווײַט פון זיי. ניט צו גרייכן אַהין האָט זײַן גאַנצער דערפאָלג אויסגעזען ווי אַש און שטויב. אוודאי האָט די מעקמאַהאַנעבע געטראָגן אין אויג אַ בליק פון אומצופרידנקייט, אַ וואָלקן אַף איר באַחנטן פּרצוף און דער גערויש פון איר זײַדנס האָט זיך גע־הערט ווי אַ קרעכץ.

איינמאָל איז פאַרגעקומען אַ גלאַנציקע און רוישנדע פאַרזאַמלונג אין אַ סאַלאָן פון אַ באַרימטן רעסטאָראַן, ווו די פיר־הונדערט האָבן ליב געהאַט אויסצושטעלן זיך מיט זייערע צויבערן. באַ אַ טיש זײַנען געזעסן די מעקמאַהאַנס. זיי האָבן זיך אָפּגעהאַלטן פון רייד, נאָר זייערע פּוץ און פּראַכט האָט גערעדט פאַר זיי. מר״ס מעקמאַהאַנס צירונג האָט אויסגע־האַלטן יעדער קאָנקורענץ. סאַרווערס האָבן די טײַערסטע משקהות גע־שטעלט אַף זייער טיש. לויטן אָוונט־גאַרניטור אין גלאַטן, היפּשן צערפולן געזיכט איז שווער געווען געפינען אַ מער אײַנדרוקפולע פיגור ווי בילי מעקמאַהאַנס.

מיט אייניקע טישן ווײַטער איז געזעסן אַ הויכער, שלאַנקער מאַן אין די דרײַסיקער מיט אַ פאַרטראַכטן, מעלאַנכאָלישן בליק, אַ וואַן־דיקי־שע באָרד און משונה־ווײַסע, אײדעלע הענט. ער האָט פאַרדײַט פּילעי, דאַרע סוכאַרעס און אַנדערע אויסטערלישע מאַכלים. דאָס איז געווען סער קאַרטלאַנד וואַן דוירקינג, אַן אַכציק־מיליאָניקער יורש, וועלכער האָט אָנגעהאַלטן אַ גײַוועדיקן שטאַט אין די אויסנעמלעך אינערלעכע ספערן.

וואַן דוירקינג האָט געהאַלטן זײַנע אויגן אין טעלער. ער האָט גע־ווּסט, אַז איטלעכער האָט געדורשט נאָך זיי. זײַן איין נויג האָט געקענט באַשענקען כבוד און גדולה. ער איז אײַנגעהאַלטן פון צעשפּרייטן צופיל זײַן חסד.

האָט בילי מעקמאַהאָן פאַרקלערט און אַנטשלאָסן זיך אַף דער גרעסטער חוצפּה אין זײַן לעבן. ער האָט זיך אויפגעהויבן און צוגעגאַנ־גען צו וואַן דוירקינג, אויסשטרעקנדיק זײַן האַנט.

— זאָגט נאָר, מ׳ר וואַן דוירקינג, — האָט ער זיך אָנגערופן — איך האָב געהערט, איר קלײַבט זיך דורכפירן אייניקע טובות פאַר דער אָרעמ־שאַפט אין מײַן דיסטריקט? איך בין מעקמאַהאָן. צו זײַן אָפנהאַרציק,

קען איך אײַך אונטערהעלפֿן מיט אַלע מעגלעכקייטן. איז וואָס דענקט איר?

וואַן דווירקינגס אײַנגעראַמטע אויגן האָבן זיך צעלויכטן. ער האָט זיך אויפֿגעהויבן אין זײַן פּולער שטאַלט און אָנגעכאַפּט בילי מעקמאַהאָנס האַנט.

— אַ שיינעם דאַנק, האָט ער אויסגעברומט מיט אַ טיפֿער ערנסטער שטימע — איך טראַכט וועגן אַזאַ טעטיקייט און וועל זײַן צופֿרידן מיט אײַער הילף, ווי אויך פֿון ווערן באַקאַנט מיט אײַך.

בילי האָט צוריקגעשפּאַנט צו זײַן טיש. אַף זײַנע אַקסלען האָט ער געפֿילט די פּריווילעגיע מיט וואָס זײַן ווילגעבורט האָט אים באַשאָנקען. אַ מאה פּאָר אויגן האָבן געווענדעט זיך צו אים מיט נײַער ערפֿוכט. פֿרוי וויליאַם מעקמאַהאָן האָט זיך געגווידערט פֿון תענוג. אירע בריליאַנטן האָבן אויפֿגעריסן יעדנס אויגן. פֿילע האָבן זיך קענטיק דערמאָנט, אַז אויך זיי האָבן די ערע צו זײַן פֿון מעקמאַהאָנס באַקאַנטע. ער האָט געזען שמייכלען און גרוסן אַרום זיך און געוואָרן פֿאַרוויקלט אין בשמים פֿון שווינדלענדיקער גדולה.

— ווײַן פֿאַר יענער חברה, האָט ער באַפֿוילן, טײַטלענדיק מיטן פֿינגער — משקה פֿאַר יענע לײַטע באַם גרינעם בוש! זאָגט זיי — ס׳איז פֿון מיר. האַ! אין דער וועלטס טאַטן אַרײַן — פֿאַר אַלעמען געטראַנק!

דער קעלנער האָט געוואַגט אײַנצורוימען בילין, אַז זײַן באַשטעלונג קען נישט ווערן אויסגעפֿילט, ווײַל ס׳איז קעגן סדר פֿון דעם בכבודיקן אַנשטאַלט.

— אָבער פֿאַר מײַן פֿרײַנט, וואַן דווירקינג אַ פֿלאַש? אויך נישט? מהיכא־תיתי, ס׳וועט ־סײַ ווי גיסן זיך הײַנט אומגעשטערט אין גאָרקיך. גומענע שטיוול זאָל אַרויפֿציִען יעדער, ווער ס׳וועט קומען אַהין ביזן ווײַסן טאָג!

בילי מעקמאַהאָן איז געווען גליקלעך: ער האָט געדריקט די האַנט פֿון סער קאָרטלאַנד וואַן דווירקינג!

III

דער בלייך־גרויער, גרויסער אויטאָמאָביל איז געווען אויסערן פּלאַץ צווישן די שטופּ־וועגעלעך און הויפֿנס מיסט אַף דער נידעריקער איסט־

סאיד. אזוי אויך סער קארטלאנד וואן דוירקינג מיט זײַן אריסטאָקראַטישן פּרצוף און ווײַסע אײדעלע הענט, פאָרנדיק לאַנגזאַם צווישן כּאָפּטעס אָפּ־געריסענע, אָפּגעשליסענע קליינוואַרג. דאָס געמלעכע מים קאָנסטאַנס שאַ־לער, די שטילע, פאַרכאַפּנדיקע יפת תאר בא זײַן זײַט.

— אוי קארטלאַנד — האָט זי געוואָרקעט — איז נישט א גאַנס רחמנות אַף די מענטשן, וואָס לעבן אין אַזא אָרעמקייט!

וואן דוירקינג האָט געווענדעט זײַנע אויגן צו איר, ענטפערנדיק: ס׳איז ווינציק וואָס איך טו. די פראַגע איז פון גרויסן, געזעלשאַפטלעכן פאַרנעם. הגם אינדיווידועלע אָנשטרענגונג איז נישט אָפּצושאַצן. זעסט, אַף דער גאָס בוי איך אַן אומזיסטיקע קיך, פון וואַנען קיינער וועט נישט אוועק הונגעריק. אָט דאָרט היים איך אַרונטעררײַסן די אַלטע חורבה, נעסטן פון חלאת און מיתה משונה און אויפשטעלן נײַע.

דער אויטאָ איז געקראָכן פּאַמעלעך און זיך אָפּגעשטעלט פאַר א טשיקאַוון, אַלטן בנין פאַרפּעסטעט און נוטה־למותדיק, וואן דוירקינג איז צוגעקומען באַקוקן א וואַנט, וואָס איז געשטאַנען אַף מישקולות.

פון די שטיגן איז אַראָפּגעקומען א יונגערמאַן, וועלכער האָט פאָרגע־שטעלט א ריכטיקע פּרה פון דער אָרומיקער פוילעניש, חשכות, דלות: א שמאָל־ברוסטיקער, בלאַסער מיט אײַנגעפאַלענע זיך־רויטלענדיקע קינ־באַקן און גליִענדע אויגן פון דער אָרעמאַנסקער מחלה און געריוכערט א ציגאַרעטל.

אונטער א פּלוצימדיקן אימפּולס איז וואן דוירקינג צוריקגעגאַנגען און אָנגעכאַפּט וואַרעם די הענט פון לעבעדיקן סימבאָל פון זײַן הילף־טעטיקייט. „איך וויל אײַך קענען, מענטשן, — האָט ער ערנסט געזאָגט. כ׳ל אײַך העלפן וויפל נאָר כ׳ל קענען! מירן זײַן פרײַנט”.

ווען דער אויטאָמאָביל האָט פאָרזיכטיק זיך געגליטשט אַף צוריק, האָט קאַטרלאַנד וואן דוירקונג געפילט אַן אומגעוויינלעכע פרייד אַרום זײַן האַרץ, כמעט א געפיל פון גליק — ער האָט געדריקט די האַנט פון אײַקי שניגלפריטץ.

דער דאָפּלטער

מאיאָר הענדלטאָן טאַלבאָט און זײַן טאָכטער לידיע האָבן געדונגען צימערן און קעסט אין אַ גאַסט־הויז, אין וואַשינגטאָן, ווײַט פון טומל, פון די באַלעבטע גאַסן. זיי האָבן פאַרמאָגט אויך אַ באַזונדער חדר פאַרן אַלטן צו פאַרענדיקן זײַן בוך: „אַנעקדאָטן און זיכרונות פון אַלאַבאַמאַ־אַרמיי און געריכט".

דער מאיאָר האָט געשטאַמט פון אַ גאָר לאַנגסטיקער דרומדיקער משפחה. דער הײַנט האָט אים קנאַפּ אינטערעסירט, קיין חשיבות בײַ אים נישט אַרויסגערופן. זײַנע מחשבות האָבן געשטעקט אין דער תקופה פון פאַרן בירגער־קריג, ווען די טאַלבאָטס זײַנען געווען די בעלי־בתים פון טויזנטער בעסטע בײַוול־פעלדער און שקלאַפן צו באַאַרבעטן זיי. דער פאַמיליע־בנין האָט פרינצלעך אויפגענומען אורחים פון דער העכסטער זידלעכער אַריסטאָקראַטיע. פון יענע טעג האָט ער געצויגן זײַן גאַנצע צווייפלדיקע גײַווע, פאַרעלטערטע מידות און, פאַרשטייט זיך, זײַנע הלבשה פאַסאָנען, וועלכע מ'האָט ניט געזען שוין אַ האַלבע מאה יאָרן.

דער פאַרעלטערטער, אַדעליקער איז געווען אַ הויך־געוויקסיקער, דאָך, בשעת ער האָט געמאַכט זײַנע חנוודיקע אַלטמאָדישע רעווערענסן, פלעגן די פּאָלעס פון זײַן קאַפּאָטע אויסקערן דעם דיל. זײַן העמד איז געווען היפּש צעקנייטשט, פאַרדרייט; באַם האַלדז פאַרבונדן מיט אַ שמאָלער, שוואַרצער טאַשמע, דעם שלייף פאַררוקט אַף אַ זײַט. זײַן הוט געברעמט מיט אַ גאָר ברייטן ראַנד.

פונדעסטוועגן האָט זײַן משונהדיקער אויסזען נישט אויפגעהויבן אַף די שפּיץ־פינגער וואַשינגטאָן, וועלכע איז געוווינט געווען צו קליידונג פון דעם שניט, געטראָגן פון די דרומדיקע קאָנגרעסלײַט. אויך די שכנים פון דער אכסניה האָבן זעענדיק דעם מאיאָר, געשמייכלט, אָבער אים ליב געהאַט.

די יונגע געסט פלעגן אָנציִען דעם אַלטן, ער זאָל דערציילן זײַנע חנוודיקע מעשיות פון אַמאָליקן שטייגער - לעבן אפן דרום און ציטירן פון זײַנע „אַנעקדאָטן און זכרונות". די שטיפערס פלעגן אָבער זיך היטן מיט זייערע פּאַרקרימטע חוזק־מינעס, ווײַל דער דערציילער האָט צו זײַנע עלטערע יאָרן געקענט דורכדרינגען מיט זײַנע גרוי באַברעמטע אויגן און דערלאַנגען אַ גאַב, מע זאָל אים האָבן צו געדענקען.

פריילן לידיע טאַלבאָט איז געווען אַ יאָר פינף און דרײַסיק. קליין־געוויקסיק, מיט גלאַט פּאַרקעמטע, ענג־פאַרצויגענע האָר, וואָס האָט איר אויך צוגעגעבן אַן אויסזען פון אַ זקנה. די אַרכאַישקייט האָט אָבער פון איר נישט אַזוי אַראָפּגעקוקט, ווי פון איר פאָטער. זי האָט פאַרמאָגט שׂכל פאַר שפּאָרזאַמקייט, געפירט די הויז עקאָנאָמיש און געצאָלט חובות, ווען מ'האָט געמאָנט. דער פאָטער פלעגט וואָרטשען, פאַרוואָס זי וואַרט נישט מיטן צאָלן, ווען ס'וועט זײַן גראַמער, ווי נאָכן דערשײַנען פון זײַן בוך.

ס'רוב אײַנוווינער פון גאַסט־הויז האָבן עס פאַרלאָזט פרי. איינער בלויז פלעגט זאַמען זיך לענגער, דזשערי האָפּקינס האַרגרעיווס, אַן אָנגע־שטעלטער אין אַ פּאָפּולערן וואָדעוויל־טעאַטער. זײַן פעיִקייט איז געווען אַן אַלזײַטיקע. ער האָט געשפּילט אין פאַרשיידענע קאָמעדיעס און אויך שוואַרץ־פּנימדיקע ראָלן. האַרגרעיווס איז געווען אַמביציעז און געשטרעבט צו אַלץ גרעסערע הייכן.

דער יונגער אַקטיאָר האָט זיך שטאַרק באַפרײַנדעט מיטן אַלטן מאַ־יאָר. ווען נאָר יענער פלעגט דערציילן זײַנע דערינערונגען, אַנעקדאָטן, פלעגט האַרגרעיוו זיצן פאַרכאַפּט שעהן לאַנג. צומאָל, אין די שפּעטע אָוונטן, ווען דער אַקטיאָר איז אַהיימגעקומען, פלעגט דער שכן ווײַזן זיך בײַ דער טיר און אים אַ רוף טאָן. אַרײַנקומענדיק, פלעגט דער אַרטיסט געפינען אויף אַ טישל אַ גראַפין, אַ צוקער־פּושקע, פרוכט און אַ בינטל פרישע, גרינע מיאַטע.

— איך קלער, פלעגט דער מאַיאָר אָנהייבן איידל, אפשר פאַלט שווער אײַער באַשעפטיקונג אין טעאַ..., כ'מיין אין אײַער אַרבעט־פּלאַץ, איז צו אויסמאַרכעוועדיק, אַז איר, הער האַרגרעיווס, זאָלט קענען פאַר־טיפן זיך אין וואָס דער דיכטער האָט געהאַט אין זינען מיט די ווער־טער: „נאַטורס מאַטער לעש משקה". פאַרזוכט פון אונדזערס אַ דרומדיקן. ווי צו אַ קונסט, האָט דער אַלטער זיך גענומען צו דער מלאכה פון צע־

רייבן ביז גרינעם קרישל די שמעקעדיקע מיאַטע בלעטלעך, שטאַרק באַזאַכט טריפֿן דערויף העל־רויטן זאַפט; דערנאָך מחנות־אורחדיק, בכבודיק דערלאַנגען מיט אַ גלעזערנער ציוועקע, אַריינגעשטעקט אין אַ קרישטאָלענער גלאָז.

נאָך עטלעכע חדשים ווינען אין וואַשינגטאָן האָט מיס לידיע אַנטדעקט, אַז ס׳פֿעלן אוים מזומנים. די „אַנעקדאָטן" שוין געווען פֿאַרענדיקט, נאָר קיין אַרויסגעבער זיינען נישט געשפּרונגען פֿון די כלים אויפֿצוכאַפּן די פּערל פֿון אַלאַבאַמער חכמות. דירה־געלט פֿון אַ הויז ערגעץ אין אַ שטעטל אין דרום האָט פֿאַרפֿעלט אַריינצוקומען און דער אָפּצאָל פֿאַרן האָטעל און קעסט דאַרף אייגנגעצאָלט ווערן אָט, אָט. לידיע האָט זיך געעצהט מיט איר פֿאָטער.

— ניטאָ קיין געלט? האָט ער זיך געבייזערט. ס׳באַפֿאַלט חלשות פּונעם אָפּטן צאָלן אַזעלכע קליינע שולדן, אַנשטאָט דעקן אַלץ מיטאַמאָל, באמת!

דער מאַיאָר האָט בודק געווען זיינע קעשענעס און האָט געפֿונען אַ צווייערל, וואָס ער האָט גלייך צוריק פֿאַרשטופּט אין זשילעט.

— כ׳ל תיכף נעמען זיך דערצו, לידיע, — האָט דער פֿאָטער געזאָגט. זיי אַזוי גוט, גיב מיר מיין קאַפּאָטע און פֿאַראַסאָל און לאָמיך שוין אַראָפּפֿאָרן צו אונדזער קאָנגרעסמאַן גענעראַל פֿולגהום, ער האָט מיר מבטיח געווען צו זען מיין בוך. זאָל געדרוקט ווערן שנעל.

מיט אַ שמייכל האָט די מיידל באַטראַכט איר פֿאָטער, ווען ער האָט פֿאַרשפּיליעט זיין לאַנגן סורדוט צום גיין און אָפּגעשטעלט זיך בײַ דער טיר, ווי זיין מנהג, פֿאַר אַ נייג.

דער מחבר פֿון די „אַנעקדאָטן", האָט זיך אומגעקערט, ווען ס׳איז שוין געווען טונקל. דער קאָנגרעסמאַן האָט געזען דעם אַרויסגעבער, נאָר יענער פֿאָדערט אַרומצופֿן אַ העלפֿט וויצן, צו באַזייטיקן די גרופּן און קלאַסן־פֿאָרורטיילן, וואָס באַפֿרבן דאָס בוך פֿון אָנהייב ביז סוף.

דער מאַיאָר האָט געגליט ביז ווייס פֿון צאָרן, נאָר צוריקגעקראָגן זיין גלייכגעוויכט לויט זיין שטייגער אין טאָכטערס אָנוועזנהייט.

— מיר מוזן קריגן געלט, האָט זי געטענהט מיט אַ טיפֿן קנייטש איבער איר שטערן — גיב מיר די צוויי דאָלער וועל איך טעלעגראַפֿירן צום פֿעטער ריאַלף נאָך מזומן.

ער האָט אַרויסגעשלעפּט אַ קאָנווערטל און אַ וואָרף געטאָן אויפן טיש.

— אפשר איז עס געווען אומבארעכנט, נאָר איך האָב געקויפט טעאַטער־בילעטן אויף היינט אָוונט. מ׳שפּילט אַ נייע דראַמע, ווו די סאָוט, פאַרנעמט אַן אָנגעזעען אָרט. וועסט זיכער הנאה האָבן, איך בין אויך אַ בעלן זען די פאָרשטעלונג.

לידיע האָט פאַרבראַכן די הענט אין אנטוישונג, נאָר, ווייל די בי־לעטן זיינען שוין געקויפט, לאָז מען זיי נוצן. זאָלן די דאגות, כאָטש פאַר דער נאַכט אָפּגערוקט ווערן.

אין אַ ווייס העמד, דעם מאַנטל ענג פאַרשפּיליעט, און די גרויע האָר באַגעצט, האָט דער מאַיאָר הענדלטאָן אויסגעזען גאָר אָנשטענדיק.

דער פאָרהאַנג האָט זיך אויפגעהויבן, און ס׳איז געשפּילט געוואָרן דער ערשטער אַקט פון „די מאַגנאָליע־בלום", פאַרשטעלנדיק אַ כאַראַק־טעריסטיש בילד פון אַ דרום־פּלאַנטאַציע. דער מאַיאָר טאָלבאָט האָט אָנ־געטאָן זיינע שפּאַקולן, ווען לידיע האָט געטייטלט מיטן פינגער אויפן פּראָגראַם:

— זע, פאָטער, קאָלאָנעל וועבסטער קאָלאָהאַן, געשפּילט פון האָפּ־קינס הארגרעיווס, אונדזער שכן. ס׳איז זיין ערשטער אויפטריט אין אַ גרעסערער שאַפונג. עס טוט מיר הנאה.

דער ערשטער אַקט האָט דעם אַלטן געלאָזט קאַלט. אין צווייטן האָט זיך באַוויזן דער קאָלאָנעל. דערזעענדיק אים, האָט טאָלבאָט אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז און געבליבן זיצן פאַרשאַרט. לידיע האָט עפּעס גע־מורמלט אומפאַרשטענדלעך און צונויפגעקנייטשט די פּראָגראַם אין איר האַנט. קאָלאָנעל קאָלאָהאַן איז געווען ווי צוויי טראָפּן וואַסער ענלעך צו איר טאַטן. די לאַנגע ווייסע האָר פאַרבויגן באַם ברעג; די אַריסטאָקראַ־טישע פאַרשפּיצטע נאָז, דער ווייכער, געקנייטשטער קאָלנער און דאָס דינע האַלדז־בענדל מיטן קנופּ ערגעץ אונטערן אויער, זיינען געווען אַ פּינקט־לעכע דופּליצירונג. צו דערגאַנצן די אימיטאַציע, האָט דער אַרטיסט גע־טראָגן די אומפאַרגלייכלעכע קאַפּאָטע, פאַרנט אַ פוס לענגער, פון גאַרטל אָנגעפּאַלדעוועט, לחלוטין, ווי נאָכגעשניטן לויטן מאַיאָרס בגד. דער אַלטער און זיין טאָכטער זיינען געזעסן ווי פאַרהילצערט און צוגעקוקט די דאָ־פּעלע חוזק־פיגור. געשלעפּט אין אַ רכילותדיקער בלאָטע אויף דער חוצפה־

דיקער בינע, ווי ער האָט שפּעטער זיך באַקלאָגט.

הארגרעיווס האָט גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט. ער האָט אויפגע־כאַפּט טאַלבאָטס אייגנאַרטיק לשון, טראָפּ, קלאַנג און פּאָמפּעדיקן טאָן מיט אַלע פּישטשעווקעס, אַביסל איבערטריבן ווי ס'פאָדערט זיך אַף דער בינע. ווען ער האָט ענדלעך נאָכגעמאַכט דעם מאַיאָרס מערקווירדיקן קניקס־רעווערענס, מיט וועלכן יענער האָט זיך באַזונדערס „עצאַצקעט" — האָט דער עולם אויסגעבראָכן אין אַ הילכיקן אַפּלאָדז.

לידיע איז געזעסן פאַרשטיינערט, ניט דערוועגט זיך קוקן דעם טאַטן אין פּנים. צייטנווייז האָט זי מיט דער האַנט, וואָס צום פּאַטערס זייט, פאַרשטעלט אירע באַקן, ער זאָל ניט זען דעם שמייכל, וואָס זי האָט ניט געקענט איינהאַלטן.

דעם שפּיץ אין הארגרעיווס געוואַגטן שפּאַט האָט מען ערשט געזען אין דריטן אַקט, ווען קאָלאָנעל קאַלהאַום נעמט אויף זיינע שכנים, פּלאַנ־טאַטאָרס אין זיין „לייבן נעסט".

שטייענדיק באַם טיש, אינמיטן סצענע מיט זיינע געסט אַרומגערינ־גלט, צעדרשנט ער זיך מיט אַ פאַרפּלאָנטערטער חכמתדיקער רעדע, מישנ־דיק קונציקע כוסות פאַר די געסט.

זיצנדיק שטיל, נאָר ווייס פון בושה, האָט דער מאַיאָר צוגעהערט זיינע בעסטע מעשיות איבערגעפורעמט, זיינע ליבע תורהס און טיפזין צעדרייט, זיינע אויסגעטרוימטע אַנעקדאָטן און זכרונות, אויסגענוצט גוז־מאַדיק פאַרמאָוסט און מיט נאָך מער ברען, עגאָטיזם און קנאַק, ווי ער, זייער פאַרפאַסער אַליין. דאָס בילד האָט זיך פאַרענדיקט מיט אַ פּאַר־טיפטער לעקציע — ווי צו מישן אַ באַטעמטע, זעלטענע משקה — באַ־וויזן באַשיינפּערלעך, נאָך וועלכן די צוהערער צעלאָזן זיך אין אַן איינ־שטימיקן ליוו־געזאַנג. הארגרעיווס איז פיל מאָל אַ לויכטנדיקער אַרויס־גערופן געוואָרן.

— איך וועל גיין, האָט דער אַלטער געזאָגט; דאָס איז קויטיק און ביליק. אָבער די טאָכטער האָט אים אַ צי־געטאָן צוריק.

— ווילסט באַקענען די צושויער מיטן אָריגינעלן קאַפּטן? און זיי זיינען געבליבן ביזן סוף.

דעם אַקטיאָרס דערפאָלג האָט אים אָפּגעהאַלטן ביז גאָר שפּעט. אַרום דריי באַטאָג האָט ער אָנגעקלאַפּט באַ די טאַלבאָטס, טראָגנדיק מיט זיך

אַ פולן פּאַק פּרימאָרגן־צייטונגען. ער איז געווען צופיל פאַרנומען מיט זיין טריומף, צו באַמערקן אַן ענדערונג אין שכנס אויפנאַמע.

— איך האָב זיי געפּלעפט לעצטע נאַכט, מאַיאָר, האָט הארגרעיווס אַנגעהויבן איבערגליקלעך. איך האָב, דאַכט מיר, מיט מיין ערשטן אויפטריט געשלאָגן רעקאָרד. אָט וואָס „די פּאָוסט" שרייבט: „זיין אָפּבילד פון אַלטמאָדישן דאָרעם קאָלאָנעל מיט אַלע זיינע אָפּגעלעבטע מידות און תנועות, איז ווערט שבחים. דער ראָק אַליין איז געניאַל. מיסטער הארגרעיווס האָט באַצויבערט די צושויער. נו, מאַיאָר, ווי קלינגט דאָס פאַר אַן ערשט־נאַכטיקן?

— איך האָב געהאַט דעם כבוד צוצוזען אייער אויפטריט — האָט דעם אַלטנס קול געקלונגען אייז־קאַלט.

— זייט איר געווען? האָט דער אַרטיסט איבערגעפרעגט. איך האָב געדענקט, אַז טעאַטער גייט איך נישט אָן. אָ, מאַיאָר, זייט ניט באַליידיקט, האָט ער צוגעגעבן, דערזעענדיק יענעמס זויערע מינע. כ'בין מודה, אַז כ'האָב היפּש גענאַשט פון איך. אָבער דאָס איז נישט געווען קיין פּאָרטרעט פון אַ יחיד, נאָר אַ טיפּ. דער עולם האָט עס טאַקע אַזוי אויפגענומען. דער טעאַטער איז פול געווען מיט דרומדיקע, זיי האָבן זיך דערקענט.

— מיסטער הארגרעיווס — האָט אָנגעהויבן דער מאַיאָר, בלייבנדיק שטיין. איר האָט מיך באַליידיקט אומפאַרצייַלעך. איר האָט אָפּגעשפּעט פון מיר, פאַרראַטן מיין פאַרטרויִלעכקייט און מיסברויכט מיין גאַסטפריינטשאַפט. וואָלט איך געדענקט, אַז איר באַזיצט די ערע פון אַן אַדעלמאַן, וואָלט איך אייך אַרויסגערופן אַף אַ דועל, אַלט ווי איך בין. עס איז מיין פאַרלאַנג, איר זאָלט פאַרלאָזן דאָס צימער, הער.

דער אַרטיסט איז געוואָרן פאַרווירט, אויפכאַפּנדיק דעם פולן זין פון יענעמס ווערטער.

— עס טוט מיר שטאַרק לייד, וואָס איר פילט זיך געטראָפן, האָט ער געזאָגט אין חרטה. מיר דאָ קוקן נישט אַף זאַכן ווי איר. איך קען מענטשן, וועלכע וואָלטן אויסגעקויפט אַ האַלבן טעאַטער, אַבי מ'זאָל זיי נאָכקרימען און די צוקוקער זאָלן זיי דערקענען.

יענע זיינען נישט פון אַלאַבאַמאַ, הער, האָט דער מאַיאָר געזאָגט גדלותדיק.

— פילייכט אזוי, האט דער ארטיסט נאכגעגעבן, אבער דערמאנט זיך, מאיאר, וואס איר האט געשריבן און דערוואַרט פון דרוק אין אייער בוך, ארויסגעזאגט אלס אן ענטפער אף א טאוסט בא א באנקעט: „דער צפונדיקער האט ניט קיין ווארעמע געפילן, חוץ פאר זיין קאמערציעלן רווח.. ער וועט ליידן אומכבוד, אויב נאר ס'ברענגט אים ניט קיין פינאנ־ציעלן שאדן. צדקה, גיט ער ברייט, נאר ס'דארף צעפויקט ווערן מיט טראמפייטן און טאצן". דענקט איר נישט אז דאס בילד פון קאלאנעל איז געווען מער יושרדיק?

— מיין באשרייבונג איז ניט אן א יסוד, נאר אביסל איבערגעזאלצן, האט דער אלטער געטענהט. אייער אויפטריט אבער איז געווען א פער־זענלעכער מביש זיין, א קאריקאטור. איך אנטזאג זיך דאס צו פארקוקן הער.

— מאיאר טאלבאט, האט געענטפערט הארגרעיווס מיט א שמייכל הלוואי פארשטייט איר מיך בעסער. איך האב לחלוטן נישט געטראכט אייך אנטאן בזיון און מיין מלאכה באלאנגט צו דער גאנצער וועלט. איך נעם, וואס איך דארף און קען ברענגענדיק עס צוריק איבער די פוס־ליכט. נאר לאמיר עס אפלאזן. איך בין אריינגעקומען צוליב עפעס אנדערש. מיר זיינען דאך געווען גוטע פריינט שוין אייניקע חדשים. ווייל איך דערוועגן זיך אייך ווידער אנטאן א בושה. איך ווייס ס'איז אייך ענג אין ממתקים. ס'ניט וויכטיק, ווי כ'בין עס דערגאנגען. אין א גאסט־הויז קען מען אזוי־נע זאכן ניט האלטן בסוד. ווייל איך, איר זאלט מיר דערלויבן ארויסהעלפן אייך פון אייער דחקות. כ'בין אליין געווען אין די שיך. איצט באקום איך נישקשהדיקע שכירות. זייט איר א בעלן אף א פאר הונדערט דאלער אדער מער, ביז איר וועט . . . ?

— הערט אויף! האט זיך צעכעסט דער מאיאר מיט אויפגעהויבענע הענט. מיין בוך, זע איך, האט קיין טעות ניט געמאכט. איר ווילט מיט כסף וזהב מטהר זיין ממזרים, פארהיילן די וואונדן פון מיין צעטראטענעם כבוד! פאר קיין אופן וועל איך ניט נעמען קיין הילף פון א צופעליקן באקאנטן. מכל־שכן פון אייך! איכ'ל גיכער פון הונגער אויסגיין, איידער פאררעכענען אייער דערנידעריקטן פארשלאג ווי א ישועה. איך פארלאנג ווידער אויסצופילן מיין ווונטש: פארלאזט מיין וווינונג!

דער אקטיאר איז ארויסגעגאנגען אן א ווארט מער, אין זעלבן טאג

האָט ער אויך פאַרלאָזט זײַן צימער און, לויט די באַלעבאָסטע האָט דער־קלערט, זיך באַזעצט נעענטער צום טעאַטער, ווו „די מאַגנאָליע־בלום" איז פאָרגעזעצט געוואָרן.

דער מצב פון די טאָלבאַרטס איז געוואָרן געפערלעך. עס איז נישט געווען קיינער אין וואַשינגטאָן, צו ווענדן דעם מאַיאָרס אָנגעבלאָזנקייט זאָל אים דערלויבן ווענדן זיך נאָך הילף. דער פעטער ראַלף, צו וועמען לידיע האָט טעלעגראַפירט, איז אויך נישט געווען קיין נגיד און קיין שטי־צע נישט געשיקט. האָט דער אַלטער געמוזט פּויעלן באַ דער אייגנטימערן פון אײַנפאָר צו וואַרטן, ביז זײַנע הכנסות פון בוך און דירה וועלן אָנ־הייבן פליסן.

אָבער די הילף איז געקומען פון ערגעץ אַנדערש.

איינמאָל נאָכן אָנבײַסן האָט די דינסט געמאָלדן, אַז אַן עלטערער נעגער בעט זען דעם מאַיאָר הענדלטאָן. ס'האָט זיך באַוויזן אַן אַלטער טונקעלער מאַן מיטן היטל אין האַנט, נייגנדיק זיך און נאָכשלעפּנדיק איין פוס. זײַנע שוואַרצע מלבושים זײַנען געווען גאַנץ אָנשטענדיק. זײַנע שיך האָבן געגלאַנצט, ווײַזט אוים מיט אויוון שמירעכץ. זײַנע געדיכטע קרייזעלעך גרוי, כמעט ווײַס. ער האָט אויסגעקוקט די זעלבע עלטער ווי טאָלבאָט.

— כ'גליב, איר דערקענט מיך נישט, מאַסטער הענדלטאָן — זײַ־נען געווען זײַנע ערשטע ווערטער.

דער מאַיאָר איז צוגעגאַנגען נענטער צו באַטראַכטן דעם גאַסט. ער האָט געזען אַן אַלטן אַמאָליקן פּלאַנטאַציע־אַרבעטער, קיין ספק נישט. נאָר פּינקטלעך ווער — האָט ער נישט דערקענט, נישט די שטימע ווי אויך נישט דאָס געזיכט.

— איך גלייב נישט, כ'קען זיך דערמאָנען, סײַדן מיט דײַן הילף, — האָט געזאָגט דער מאַיאָר.

— געדענקט איר נישט, מאַסטער, סינדים מאָזעס, וועלכער האָט עמיגרירט באַלד נאָכן קריג?

— וואַרט אַ רגע, — האָט געענטפערט הענדלטאָן רײַבנדיק דעם שטערן מיט זײַנע פינגער. ער האָט הנאה געהאַט צו דערמאָנען זיך אָן יענע גליקלעכע טעג. „סינדים מאָזעס", האָט ער איבערגעחזרט. האָסט גע־אַרבעט אין די שטאַלן אײַנצוברעכן די יונגע לאָשעקעס. יאָ, איך דערמאָן

זיך. שפּעטער האָסטו געביטן דײַן נאָמען אויף, אוי מאַמעלעך, דאַכט מיר, מיטשעל און אַוועק אויף מערב קיין נעבראַסקע.

— יעס, מײַן מאַסטער, יעס, האָט דעם אַלטן נעגערס פּנים זיך צעשײַנט. אמת, אמת נעבראַסקע. דאָס בין איך, מאָזעס מיטשעל „אַלטער פּעטער מאָזעס מיטשעל", רופן זיי מיך הײַנט. דער אַלטער מאַסטער, אײַער פאָטער, האָט מיר געגעבן דעמאָלט אַ פּאָר אייזל־פערד פאַר אַן אָנהייב. איר געדענקט, מאַסטער טאַלבאָט, די יונגע באַשעפעניש?

— איך געדענק ניט די אייזל־לאָשעקעס, האָט געענטפערט דער מאַיאָר. דאָס ערשטע יאָר, נאָך דער מלחמה האָב איך חתונה געהאַט און געוווינט אין אַלטן קאַטעדזש. אָבער, זעץ זיך, אָנקל מאָזעס, ס'טוט מיר הנאה דיך צו זען, כ'האָף, האָסט זיך אַרויפגעאַרבעט?

— אָנקל מאָז האָט גענומען אַ שטול, אַוועקגעלייגט זײַן היטל פאָרזיכטיק אויפן דיל, דערבײַ זאָגנדיק — יעס סער, לעצטנס גייט מיר גאַנץ ווויל. ווען איך בין נאָר געקומען קיין נעבראַסקאַ, זײַנען אַלע געלאָפן זען מײַנע אייזל־פערד. זיי האָבן דאָרט אַזעלכע ניט געהאַט. איך האָב זיי פאַרקויפט פאַר דרײַ הונדערט דאָלער, האָב געעפנט אַ שמידערײַ, געמאַכט אַביסל זילבער און געקויפט לאַנד. איך און מײַן ווײַב סינדי האָבן אויפגעהאָדעוועט זיבן קינדער, חוץ צוויי וואָס זײַנען געשטאָרבן. ס'גייט זיי אַלעמען נישט שלעכט, מיט אייניקע יאָר צוריק האָט זיך אויסגעלייגט אַן אײַזנבאַן נאָענט צו מײַן לאַנד און ס'וואַקסט אַ ישוב דאָרט. יאָ, מאַסטער ענדלטאָן, אָנקל מאָז איז איצט ווערט אַ שיינע פּאָר טויזנטער אין מזומן, אייגנטום און לאַנד.

— איך בין צופרידן דאָס צו הערן, האָט דער מאַיאָר געזאָגט האַרציק. ס'טוט מיר בפירוש הנאה.

— און אײַער פּיצל קינד, וואָס איר האָט גערופן מיס לידיע איז שוין איצט זיכער ניט צו דערקענען, פאַרשטיי איך?

דער מאַיאָר איז צוגעגאַנגען צו אַ טיר און גערופן: לידיע, טײַערע, קענסטו אַרײַנקומען?

די מיידל האָט זיך באַוויזן, איר צורה פאַרדאַגהט.

— אוודאי, ווי איך האָב געזאָגט, יענער צניפּל האָט זיך צעבליט, איר געדענקט נײַט פּעטער מאָזעס? — האָט דער נעגער געלאַכט צו לידיען.

דאָס איז מומע סינדים פעטער מאָזעס, לידיע, — האָט דער פאָטער דערקלערט — דו ביסט אַלט געווען צוויי יאָר, ווען זיי האָבן עמיגרירט.

— געווים קען איך אייך ניט געדענקען, — האָט לידיע געזאָגט, שוין אַ שיינע פּאָר יאָר פון דאַן, אָבער ס׳פריים מיך איַיך צו זען, כאָטש איך דערקען איַיך נישט. זי, ווי איר פאָטער איז געווען העכסט צופרידן צו כאַפּן אַ בליק אין זייער גליקלעכן עבר.

טאַלבאָט האָט געפרעגט מאָזעסן, וואָס ער טוט אַזוי וויַיט פון זיַין היים?

— אָנקל מאָז איז דאָ אַ דעלעגאַט פון אונדזער קלויסטער — האָט ער געענטפערט — וויַיל איך האָב ניט געקענט פאָרן אַף , אייגענע הוצאות, האָבן די מיתפּללים מיך געשיקט.

— ווי האָט איר געוווּסט, אַז מיר געפינען זיך אין וואַשינגטאָן?

— האָט לידיע געפרעגט.

— אַ קאָלירטער פון אונדזער אַלטער שטאָט אַרבעט אין האָטעל, וווּ איך שטיי איַין; האָט ער מיר געזאָגט, אַז ער האָט געזען מאַסטער טאַלבאָט אַרויסגיין פון דאַנען; איך בין אויך געקומען, חוץ זען אַלטע, היימישע — דאָ האָט ער זיך גענומען צו דער קעשענע — באַצאָלן דעם חוב וואָס איך בין שולדיק איַיך.

— קומסט מיר אַ חוב? — האָט דער מאַיאָר געשטוינט?

— יעס, סער, דריַי הונדערט דאָלער פאַר יענע בהמות, וואָס דער אַלטער מאַסטער, איַיער פאָטער, האָט מיר דאַן געגעבן און געזאָגט, אַז כ׳וועל אָפּצאָלן, ווען כ׳וועל קענען. איך האָב אָפּגעלייזט פאַר די באַשע־פענישן אַזויפיל. איצט בין איך גליקלעך צו קענען איַיך באַצאָלן דעם חוב. נאַט איַיך, ציילט איבער — דריַי הונערט מזומנים.

טרערן האָבן זיך געוויזן אין מאַיאָרס אויגן. ער האָט גענומען אָנקל מאָזעס האַנט און אַרויפגעלייגט אים זיַין האַנט אַפן אַקסל.

— טיַיערער, אַלטער, געטריַיער דינער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ ציטערנדיק קול. איך מעג דיר דערציילן, אַז דיַין מאַסטער האָט פאַרצערט פאָריקע וואָך זיַין לעצטן סענט. איך נעם דאָס געלט, ווי אַ חוב און אויך אַלס ימן פון ערלעכקייט און געטריַישאַפט צווישן מענטשן פון אַמאָליקן סדר. לידיע, ליבע, נעם דאָס. דו קענסט בעסער אַרומגיין דערמיט.

— נעמט עס ליבע, — האָט צוגעגעבן דער נעגער, ס׳איז טאַלבאָטס געלט.

נאָך דעם נעגערס אַוועקגיין האָט לידיע אויסגעוויינט זיך, און דער פּאָטער האָט אין ווינקל האַסטיק גערויכערט זײַן פּיפּקע.

לידיעס קנייטשן האָבן זיך אויסגעגלעט. דער מאַיאָר האָט אין א נײַעם קאַפּטן אויסגעקוקט, ווי א וואַקסענער אָנדענק פון אַלטן אַמאָל; און דער אַרויסגעבער האָט באַשלאָסן מיט אייניקע ענדערונגען מאַכן פון „אַנעקדאָטן און זיכרונות" א גוט פאַרקויפטן בוך.

א וואָך נאָכן שינוי מזל איז אָנגעקומען פאַר לידיען א בריוו פון ניו־יאָרק. ניט קענענדיק דאָרט קיינעם, האָט זי א פאַרחידושטע געעפנט און געלייענט:

טײַערע מיס טאַלבאָט.

— איך גלייב, ס'וועט אײַך אינטערעסירן צו לייענען וועגן מײַן גוטן גורל. איך האָב באַקומען א שטעלע פאַר צוויי הונדערט א וואָך אין א ניו־יאָרקער טעאַטער, צו שפּילן קאָלאָנעל קאַלאַהיין אין „די מאַגנאָליע בלום". איך וויל אײַך צוגעבן עטוואָס, אָבער זאָגט עס ניט אײַער פּאָטער, כ'בין אים דאַנקבאַר פאַר דער מעגלעכקייט, וואָס ער האָט מיר געגעבן צו שטודירן דורך אים די ניט־ווײַטע פאַרגאַנגענהײַט און דעם הומאָר, וואָס אײַער פּאָטער באַזיצט.

איבערגעבן אייערער — ה. האָפּקינס האַרגרעיווס.

פּ. ס. — ווי האָב איך געשפּילט אָנקל מאָזעס?

ה. ה. ה.

היתּכן?

ווען איך האָב דערזען גרויע האָר אַרום מײַן רעכטן אויער און פֿאַרגעסן אויסצורעכענען די צאַרישע אַדמיראַלן, האָב איך גענאָלגט מײַן פֿרײַנט און אַריבערגעפֿעקלט זיך קיין ניו־יאָרק. גייענדיק אויף בראָדוויי, האָב איך דערזען מײַן גוטן ברודער אַגנעשפּאַרט אָן דער וואַנט פֿון אַ האָטעל, פּוצנדיק די האַלבע לבנות פֿון זײַנע נעגל מיט אַ זײַדן טיכעלע. מיך דערזען, האָט ער אויסגערופֿן:

— שלום־עליכם! וואָס מאַכסטו? ווי גייט עס? הער, איך בין שוין דאָ אַ חודש און לייען די פּרעסע טעגלעך, זאָג איך דיר, — די ניו־יאָרקער לאָזן זיך אײַנריידן אַ קינד אין בויך און מ׳קען באַ זיי שלעפּן אַ טולער. ממש, זיי קײַקלען זיך אויף דער ערד און וואַרפֿן מיט הענט און פֿיס, אויב דו גייסט צו פֿאַמעלעך נאָך זייער מטבע. קום אַרויף אין מײַן האָטעל־צימער, וועל איך דיר אויסלייגן אַ פּלאַן, ווי מיר זאָלן אַרבעטן לויט די אַלטע גוטע צײַטן. אין חדר זעצט ער פֿאָר:

— כ׳זאָג דיר, זיי לאָזן זיך שנעל כאַפּן אין נעץ. וואָס שכלדיקער זיי זײַנען, מער בטחונדיק זײַנען זיי. האָט דאָ טאַקע איינער פֿאַרקויפֿט דזשעי־פּי־מאָרגאַנען עמעצנס אַ בילד פֿאַר דעם יונגן ראָקעפעלערס איל־פּאָרטרעט! זעסט דאָס בינטל געדרוקטע שמירגעליצעס אין ווינקל? דאָס איז אַ גאָלד־מינע! איך האָב אין אַ טאָג געאַרבעט צוויי שעה און געמוזט איבעררײַסן. פֿאַרוואָס? מ׳האָט מיך פֿאַרשפּאַרט אין חד־גדיא. ווײַל דער געדרענג האָט געשטערט דעם פֿאַרקער! מ׳האָט זיך געשלאָגן צו קויפֿן! גנבים, הערסטו, גייען מער נישט צו זייער אַרבעט, ביז מ׳גרייט זיי ניט אָן אַ גוטע וועטשערע, און אַז בלויז יונגע סטודענטן פֿון ביידע געשלעכטער זאָלן זיי באַדינען.

— מאָנטי, האָב איך געזאָגט, ווען ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, איך

בין אין ניו־יאָרק ערשט אַ פּאָר שעה, האָב איך ניט קיין אמונה, אַז די שטאָט וועט זיך אונדז אַרײַנגליטשען אזוי שנעל מיט אַ רויט קאַרשעלע אין דער מיט.

— אהאַ! ווײַל די שטאָט איז גרעסער פון אונדזער פריִעריק שטעטל שרעקסטו זיך? דאגה נישט! מיר וועלן מצליח זײַן. אגב, וואָלט איך אַלע ניו־יאָרקער דערלאַנגט אין נאָז, זיי זאָלן שיקן אַליין דאָס כסף וזהב אין קערב איבערגעשאָטן מיט נאַפּטאַלין — נישט מיר זאָלן גיין נאָך דערי־נען. כ'קען נאָך צעברעכן מײַנע ציגאַרן אין בוזעם־קעשענע מיט די אָנגע־שטאָפּטע פּאָזיטן.

— דו, חברה־מאַן וועסט זיך שוין דורכשלאָגן אַ וועג, האָב איך גע־זאָגט, איך אָבער וואָלט צופרידענער געווען מיט אַ קליין געשעפטל ווי פריִער. כ'האָב מורא, אַז כ'בין נישט אויסגעשווישטשעט גענוג פאַר דעם גרויסן פאַנג.

אַוודאי איז דאָ אַן אַנדער פּאַרנעס, האָט מײַן פרײַנט מאַנטי מיך געשטאַרקט) קיין חידוש! די שכנים פון פיל גאַסן ארום בראָדוויי האָבן דאָך קיין אַנדערע הײַזער, חוץ וואָלקן־קראַצער ניט געזען! איך קאָן שוין דעם עסק און אַלץ האָב איך ארומגעטראַכט, זאָג נאָר, וויפל ממתקים פאַרמאָגסטו?

אַ טויזנטער — האָב איך געענטפערט.

— און איך צוועלף הונדערט, האָט ער צוגעגעבן, מירן מאַכן אַ גרויס געשעפט. ס'פּאַראַן אַזויפיל דרכים צו כאַפּן אַ מיליאָנדל, אַז כ'קען זיי נישט אויסרעכענען אַלע.

אויף מאָרגן האָט מײַן שותף מיך באַגעגנט באַם האָטעל גאָר בגילופין.

— הײַנט באַקענען מיר זיך מיט דזשעי־פּי־מאָרגאַן! — האָט ער מיר אַ בשורה אָנגעזאָגט. ער האָט ליב מענטשן פון אונדזערע קאַנטן, מערב־דיקע. איינער פון האָטעל, זײַנער אַ פרײַנט וויל אונדז פאָרשטעלן.

— מיר קענען דערפון עפּעס אויסשפּילן, — האָב איך פריילעך גע־זאָגט — חוץ דעם ווילט זיך מיר סתם באַקענען מיט מ"ר מאָרגאַנען.

— און מיט עטלעכע פינאַנץ קעניגן וועט אונדז שאַטן צו באַקענען זיך?! — האָט מײַן פרײַנט מסכים געווען.

מ"ר מאָרגאַן איז ענדלעך געבראַכט געוואָרן פון זײַן פרײַנט מ"ר בראַין, אין אונדזער האָטעל - חדר.

— זײט באַקאַנט, — האָט דער אכסניה־פּרײַנט געזאָגט, אָנרופנדיק אונדזערע נעמען און צוגעגעבן: ס׳איז מײַן גרויסער כבוד אָנצורופן דעם נאָמען פון גרעסטן פינאַנסיר...

— מאַך עס בקיצור, בראַין, האָט דער גביר אַ מורמל געטאָן. עס פרייט מיך אײַך צו זען. ווײַל איך בין פאַרקאָכט אין אונדזער מערב־געגנט. עס חלומט זיך מיר טאַקע, אַז כ׳האָב דאָרט איין אָדער מער אײַנבאַנען. וואָלט איר־זשע וועלן מאַכן אַ פּאָוקער, פרײַנט?

— מ״ר פיערפּאָנט, ניט איצט, האָט דער פאַרמיטלער באַמערקט. זאָגט אָבער, דזשעי־פּי, פאַרוואָס האָט מען הײַנט אַף וואָל־סטריט געוואָרפן אײַערע גאָלד־פּאַפּירן?

— פּאַפּירן? — האָט מאָרגאַן געענטפערט מיט אַ פראַגע, שפּאַנענדיק בעת־מעשה איבערן צימער און צוקלאַפּן מיט זײַן שטעקן. עט! איך טראַכט פונעם דע־ווינטשי־בילד, וואָס מײַן אַגענט, וועמען כ׳האָב געשיקט קיין אייראָפּע דאַרף דאָרט קויפן. ער האָט מיר הײַנט טעלעגראַפירט, אַז ער האָט בשום אופן נישט געפונען דאָס קונסט־ווערק אין גאַנץ איטאַליע. און מיט היץ צוגעגעבן: איך וואָלט באַצאָלט פופציק טויזנט, ניין, פינף און זיבעציק טויזנטער, מ׳זאָל מיר מאָרגן ברענגען דאָס בילד! דער אַגענט וואָלט געכאַפּט באַזונדער פון מיר אַ גוטן זעץ אין פּיסק פאַר דעראָבערן מיר דאָס קונסט־שטיק.

— און איך האָב געמיינט, אַז איר, פיער־פּאַנט־מאָרגאַן פאַרמאָגט אַלע דע־ווינטשיס בילדער? — האָט זײַן פרײַנט זיך געוווּנדערט.

— וואָס פאַר אַן אַנטיק איז עס אַזעלכעס? מסתמא גרויס, ווי דער פראָנט פון מעדיסאָן־סקוועער גאַרדן?

— כ׳האָב מורא, אַז אײַער קונסט־קענטעניש הינקען אונטער, — האָט מאָרגאַן געלאַכט. דאָס בילד פאַרנעמט נאָר 27 אַף 42 אינטשעס און ס׳הייסט: „ליבעס אָפּרו״. ס׳שטעלט פאָר אַ גרויפּע טענצערנס באַם ברעג פון אַ בלויען טײַך. די טעלעגראַמע זאָגט, אַז ס׳איז מעגלעך אַרײַנגעקומען אַהער, אין די שטאַטן. מײַן קאָלעקציע וועט נישט זײַן פולקאָם אָן דעם באַרימטן דע־ווינטשי־בילד. נו, זײַט געזונט, דזשענטעלמען. ס׳איז מיר אײַנגענעמען געווען זיך באַקענען מיט אײַך, אָבער, צום באַדויערן, קען איך מיט אײַך ווײַטער נישט פאַרברענגען. מיר, פינאַנסירן, מוזן זײַן שפּאָרעוודיק אַף דער צײַט.

מאָרגאַן און זײַן פרײַנט האָבן אונדז פאַרלאָזט. איך און מאָנטי האָבן איבערגערעדט, ווי פשוט און פאַרטרויערלעך גרויסע מענטשן זײַנען; אַז ס׳וואָלט געווען די גרעסטע עולה צו באַשווינדלען, נאַרן אַזאַ מענטשן.

מ׳ר בראַין האָט זיך באַלד אומגעקערט, און מיר האָבן אינאײנעם שפּאַצירט. אין אַ פענצטער פון אַ משכנות־מאַגאַזין האָט בראַין דערזען אַנטיטשנע זאַפּאָנקעס און איז אַרײַן קויפן. מיר זײַנען מיטגעגאַנגען. נאָך מ׳ר בראַינס אַוועקגײן רופט זיך אָן צו מיר מײַן שותף:

— האָסט געזען?

— וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— דאָס בילד, וואָס מאָרגאַן זוכט. ס׳הענגט אין קראָם, ווו מיר זײַנען געווען. ווי איך לעב, אַז דאָס איז עס! די פרויען זײַנען נאַטירלעך, ווי פאַרבן קענען נאָר אויסמאָלן; און זיי טאַנצן מער הוילע ווי אָנגעטאָן. וויפל האָט דער עושר געוואָלט געבן? דער משכנות־סוחר ווייס געוויס ניט וואָס ער פאַרמאָגט.

אַף מאָרגן גלײַך ווי דער מאַגאַזין האָט זיך געעפנט זײַנען מיר אַרײַן כלומרשט זוכן אַ קייטעלע צו אַ זייגער. ווי אומגערן טוט מײַן פרײַנט אַ פרעג, וואָס ס׳קאָסט דאָס בילד אַף דער וואַנט?

— דאָס בילד, — ענטפערט דער בעל־משכנות, האָט אַן איטאַליענער פאַרזעצט פאַר 500 דאָלער. מיט אַ פּאָר טעג צוריק איז אויסגעגאַנגען זײַן טערמין, און דאָס בילד קען איצט געזעצלעך פאַרקויפט ווערן, און ער׳ צײַגט אונדז ווײַטער קייטעלעך.

בקיצור, אין אַ האַלבער שעה אַרום האָבן מיר באַצאָלט צוויי טויזנטער און אַרויסגעגאַנגען מיטן קונסט־ווערק. דער שותף האָט זיך גלײַך אַרײַנגעזעצט אין אַ טעקס און געפאָרן מיטן בילד אין דזשערזי־פּי־מאָרגאַנס אָפיס.

— האָסטו געזען מאָרגאַנען און וויפל האָט ער דיר באַצאָלט? — האָב איך געפרעגט, ווען מײַן פרײַנט איז צוריקגעקומען.

מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז האָט ער גענומען זיך שפּילן מיט די פראַנדזן פון טישטעך, זאָגנדיק:

— איך האָב אים נישט געזען. ער איז מיט אַ חודש צוריק אָפּגעפאָרן קיין אייראָפּע. אָבער, הער, וואָס מיך חידושט: די קראָמען פאַרקויפן דאָס בילד פאַר 3.49 און די הוילע ראַם פאַר 3.50. היתכן?

דער געפאַנגענער

איך און ביל זײַנען געווען אין אַלאַבאַמאַ, ווען דער געדאַנק איז אונדז געקומען אין קאָפּ. נאָר ווי אַ היבוק וואָלט זיך אין אונדז אַרײַנגעכאַפּט.

מיר האָבן פאַרמאָגט זעקס הונדערט דאָלער און באַדאַרפט צוויי טויזנט פאַר אַן אויסגעפּלאַנעוועטן עסק. מיר זײַנען געווען נישט ווײַט פון אַ ישוב מיט שטילע, זעלבסטצופרידענע, פּויערים. האָבן מיר באַטראַכט צו כאַפּן אין דעם מקום אַ קינד און הייסן די עלטערן באַצאָלן פאַרן אומקערן דעם שאָדן. אין אַזאַ פאַרוואָרפענעם העק זײַנען מיר געווען זיכער, אַז דאָס געשעפט וועט אָפּגיין גלאַט. קיין צײַטונג איז ניטאָ, פּאָליציסטן בלויז עטלעכע מיט אפשר איין פּאָר בלוט־הינט, ניט מער. ס׳איז געווען אויגנשײַנלעך, אַז דער ענין וועט דורכגיין בכי טוב, אַפן בעסטן אופן.

פּאָר אַ קרבן האָבן מיר אויסגעקליבן דעם איינציקן זון פון דאָרטיקן נגיד — אַ יינגל פון אַ יאָר צען מיט קלײַען אַפן פּנים און פײַערדיקע האָר. מיר האָבן זיך משער געווען, אַז דער פּאָטער, הגם אַ קמצן, וועט אײַנגיין אויסצולייזן זײַן געפאַנגענעם בן־יחיד פאַר די צוויי טויזנט דאָלער, וואָס מיר האָבן נייטיק געדאַרפט.

אַ פּאָר מײַל פון שטעטל האָט זיך געהויבן אַ באַרג און בײַ דער זײַט אַ הייל. אַהער האָבן מיר פאַרגרייט שפּײַז מיט אַלעם נייטיקן.

אין בין־השמשות זײַנען מיר פאַרבײַגעפאָרן מיט אַ פערד און וועגעלע נעבן דאָרסעט, דעם פּאָטערס הויז. דער יינגל איז געווען באַשעפטיקט מיט וואַרפן שטיינדלעך אין אַ קאַץ אַף אַ פּלויט.

— האָרך נאָר, בחורל, — האָט ביל צו אים געזאָגט, ווילסט זיך דורכפאָרן און נאָך קריגן צו דעם צוקערקעס? און דערבײַ געכאַפּט פון יינגל מיט אַ שטיק ציגל אין אויג.

— דער ציגל וועט קאָסטן זײַן טאַטן אַן איבעריקן פינף הונדערטער,

האָט ביל בייז פאַרזיכערט, אַראָפּקריכנדיק פון וואָגן.

דער קונדס האָט זיך געראַנגלט, געדריגעט ווי אַ יונג בערל. סוף־כּל־סוף אָבער האָבן מיר ביידע אים געפּאַקט, אַריינגעוואָרפן אין וועגל און אַוועק. מיר האָבן געבראַכט דעם געפאַנגענעם אין הייל און נאָכן אָפּפירן אין נאָענטן דערפל דעם פערד־און־וואָגן, בין איך געוועזן צוריק.

ביל האָט געהאַלטן אין קלעפּן פּלאַסטערס אויף זיין צעגראַבלט פּנים. דער קליינער גאַסט האָט געפּאָרעט זיך באַ אַ טאָפּ קאַווע; און צוויי פּעדערן האָבן געשטעקט אין זיינע רויטע האָר. מיך דערזעענדיק, האָט דער יונג אָנגעצילט אויף מיר אַ שטעקן און געשריִען:

— העי דו, פאַרשאָלטענער ווייס־הויטיקער, ווי וואַגסטו אַריינקומען אין קעמפּ פון רוישן שעף, דעם שרעק פון פעלד און וואַלד?!

— דאָס איז אַן אַנטיקל — האָט ביל געזאָגט, פאַרקאַטשענדיק די הויזן, צו ווייזן מיר די בלויע צייכנס, וואָס ער האָט באַקומען פון יונגאַטש.

— מיר שפּילן אין אינדיאַנער, — האָט מיין שותּף דערציילט. בין איך דער אַלטער האַנק, אַ געפאַנגענער באַם רויטן שעף. כאור הבוקר וועט ער אָפּשינדן דעם שאַרבן. ער האָט דערווייל אַן אַדערויף מיר דערלאַנגט. בנאמנות, ער קען!

די שמחה פון געפינען זיך אין אַ הייל האָט באַם חברה־מאַן אַרויסגעשלאָגן פון קאָפּ, אַז ער איז אין אַ געפענקעניש. ר'האָט מיר אַ נאָמען געגעבן: „שלאַנגען־אויג־שפּיאָן" און פאַרזיכערט, אַז ווי נאָר זיינע רויט־הויטיקע קריגער וועלן זיך אומקערן פון שלאַכט, וועל איך פאַרברענט ווערן לעבעדיקערהייט פאַר זון־אויפגאַנג.

באַ וועטשערע האָט דער „שעף" אָנגעשטאָפּט אַ פול מויל און געפּלאַפּלט פאַר פייער און פאַר וואַסער:

— ס'איז דאָ גוט! איך בין נאָך קיינמאָל נישט געוועזן אין קיין קעמפּ. באַ מיין לעצטן געבוירנטאָג איז מיר געוואָרן ניין יאָר. כ'האָב פיינט די שול. מייז האָבן אויפגעפרעסן זעכצן אייער פון מיין מומע יענטלס הינער. געפינען זיך נאָך אינדיאַנער אין דערביייִקן וואַלד? די ביימער מאַכן דעם ווינט מיט זייער שאָקלען זיך. איך פאַרמאָג פינף הינטלעך. מיין טאַטע האָט אַ סך געלט. זיינען די שטערן הייס? שבת האָב'ך צעפּאַטשט עדי וואָקערן. כ'האָס מיידלעך. זשאַבעס כאַפּט מען מיט אַ

שטריקל? פאַרוואָס זײַנען מאַראַנצן רונד? עמאָס מאָרעי האָט זעקס פינ־גער. אַ פּאָפּוגײַ קען ריידן, פאַרוואָס נישט קיין מאַלפּע? פיש?

יעדע רגע דערמאָנט דער פּיפּערנאָטער, אַז ער איז אַ רויט־הויטיקער; ער כאַפּט זײַן „ביקס״ און לויפט צום אַרײַנגאַנג אין האָל אַף זײַנע שפּיץ־פינגער, צו פאַרטרײַבן די בלייך־הויטיקע. ער לאָזט דערבײַ אַרויס אַזוינע קוויטשערײַען, אַז דער „אַלטער האַנק״ ווערט פאַרציטערט.

— רויטער שעף, פרעג איך, וואָלסט אפשר וועלן אַהיימגיין?

— אָט האָסטו דיר, מאַכט ער. פאַרוואָס? דאָרט איז נישט אַזוי פריילעך, און איך האָב נישט ליב צו גיין אין שול. כ'וויל בעסער בלײַבן דאָ. וועסטו מיך ניט נעמען אַהיים? שלאַנגען־אויג?

— תיכף נישט, מיר וועלן דאָ אַביסל פאַרברענגען, — ענטפער איך.

— גוט! — שרײַט ער אויס. ס'איז מיר קיינמאָל אַזוי פריילעך נישט געווען.

מיר האָבן זיך געלייגט שלאָפן אַף אויסגעשפּרייטע קאָלדרעס, נע־מענדיק דעם רויטן העלד צווישן אונדז ביידן. ער האָט געהאַלטן אונדז וואָך אַ האַלבע נאַכט, אויפשטייענדיק יעדע ווײַלע מיט אַ גוואַלד: כאַפּט! קלאַפּט! איך בין קוים אײַנגעשלאָפן. ס'האָט זיך מיר געחלומט, אַז אַ רויט־האָריקער אינדיאַנער האָט מיך געפּאַקט און צוגעבונדן צו אַ בוים.

קאַיאָר האָבן מיך אויפגעוועקט מוראדיקע יללות. כ'בין גלײַך געווען אַף די פיס. וואָס איז געשען? דער רויטער „קריג־פירער״ איז געזעסן אַף בילס ברוסט, מיט איין האַנט אײַנגעפּלאָכטן אין יענעמס טשוב און מיט דער צווייטער געהאַלטן דאָס מעסער, וואָס מיר האָבן גענוצט באַם אָוונט־ברויט, גרייט דורכצופיקן דעם פּסק איבער זײַן קעגנער, בילן: אָפּשינדן זײַן שאַרבן!

איך האָב אַרויסגעריסן ס'מעסער פון רוצחס האַנט און אים צוריק געלייגט פּאָפּן. ביל אָבער האָט שוין קיין אויג נישט צוגעמאַכט. כ'האָב גענומען אײַנדרעמלען, ווי כ'האָב זיך דערמאָנט, אַז כ'דאַרף באַלד „פאַר־ברענט ווערן לעבעדיקערהייט״. איך האָב פאַרויכערט מײַן לולקע און זיך אָנגעשפּאַרט.

— וואָס ביסטו אויפגעשטאַנען? — האָט ביל געפרעגט.

— ס'טוט מיר ווי אַן אַקסל, — האָב איך פאַרלייגט אַ תירוץ.

— שקרן! — האָט ער אַרויסגעבלאָזן, האָסט פּחד פאַרברענט צו

ווערן. דער שיבעניק וואָלט עס אויך געטאָן, קריגנדיק אַ שוועבעלע בלויז. דענקסטו, סעם, אַז דער פֿאָטער וועט צאָלן אויסלייז פֿאַר זײַן תכשיט?

— אוודאי, — איז געווען מײַן תשובה — דווקא איבער אַזאַ חיה ציטערן עלטערן. בעסער שטיי אויף, וועק אויף די מציאה, און איך וועל גיין אַרומשמעקן.

איך האָב פֿון שפּיץ בערגל געוואָרפֿן אַן אויג. שטיל איז געווען. אַ פּויער האָט געאַרבעט אויף זײַן פֿעלד. איך האָב געקלערט, אפֿשר האָט מען זיך נאָך נישט געכאַפּט, אַז ערגעץ האָבן וועלף פֿאַרצוקט אַ לעמעלע. כ׳בין צוריק געגאַנגען איבערבײַסן.

איך האָב געפֿונען דעם קליינעם גזלן הענגען איבער בילן מיט אַ שטיין גרויס ווי זײַן קאָפּ. ביל האָט מיר דערציילט, אַז דער שנעק האָט אים אַרײַנגערוקט אַ הייסע בולבע אין פּלייצע, האָט ער אים אָנגעדרייט די אויערן, זוכט דער „שעף" נקמה.

— איכל דיר נאָך באַצאָלן — האָט ער געדראָט בילן מיטן פֿינגער. זאָלסט נישט טשעפּען קיין רויטן קריג־פֿירער.

נאָכן פֿרישטיק האָט דאָס יינגל אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ לעדערל מיט אַן אָנגעבונדן שטריקל און אַרויס פֿון האָל.

— האָסט נישט מורא, ער זאָל חרטה האָבן און אַנטלויפֿן? — האָט ביל געפֿאָרשט.

— שרעק זיך נישט, ער זעט נישט אויס צו זײַן אַ גרויסער שטובזיצער, — האָב איך אים באַרויקט. און צוגעגעבן: הײַנט וועט מען געווים זיך אַרומקוקן, אַז דער בן־יחיד האָט נישט גענעכטיקט אין דער היים און נישט בײַ אייגענע. מיר דאַרפֿן גלײַך שיקן זײַן פֿאָטער אַ פֿאָדערונג אויף צוויי טויזנטער, מיר זאָלן באַפֿרײַען זײַן קינד.

אַ שטיין ווי אַן איי די גרייס האָט פּלוצים אַ קנאַק־געטאָן בילן אונטערן אויער. ער האָט געטאָן אַ שווערן קרעכץ און געפֿאַלן מיטן קאָפּ אין הייסן טאָפּ וואַסער פֿון געפֿעס צו וואַשן. איך האָב אויפֿגעהויבן, געמינטערט מיט קאַלט וואַסער. דעם נוקס־ונוטר האָב איך געכאַפּט און אַ טרייסל געטאָן, אַז זײַנע קלײַען זײַנען אים שיעור נישט אַרויסגעשפּרונגען.

— איך פֿיר דיך גלײַך אָפּ אַהיים, אַזוינער און אַזעלכער! האָב איך געשריִען.

— איך וועל שוין זײַן גוט — האָט ער זיך געבעטן, איך האָב בלויז

געטריבן שפּאַס. פיר מיך נישט אַהיים, שלאָנגען־אויג. שפּיל בעסער מיט מיר אין אינדיאַנער.

— איך דאַרף אַוועקגיין, — האָב איך זיך געבייזערט. ביל איז דיין חבר אַף היינט. בעט אים איבער, אַניט גייסטו גלייך אַהיים!

בילן האָב איך אַוועקגענומען אין אַ זייט און געזאָגט, אַז כ׳גיי אין דאָרף הערן, צי ס׳טומלט זיך מיט אונדזער שטיקל אַרבעט, אַוועקצושיקן אַ בריוו וועגן אויסקויף־געלט.

— ווייסט, סעם, רופט זיך אָן מיין שותף, ביל, איך בין געגאַנגען מיט דיר אין פייער און אין מבול: באַן־רויבערייען, אויפרייסן, פּאָליציי־אַנפאַלן... כ׳האָב קיינמאָל נישט פאַרלוירן מוט. ביז מיר האָבן זיך פאַר־טשעפּעט מיט דעם אויסוואורף. ער האָט מיך געמאַכט אויס מענטש. בעט איך דיך, לאָז מיך נישט אַליין מיט אים צו לאַנג.

איך האָב פאַרזיכערט בילן צו זיין צוריק מיטאָג־צייט. דערווייל האָבן מיר גענומען טאָלקעווען דאָס בריוול צום פאָטער פון געפאַנגענעם, וועלכער האָט בשעת־מעשה זיך אַרומגעוויקלט מיט אַ רויטער קאָלדרע, שפּאַנענדיק אַפּ און אויף צו היטן דעם אַריינגאַנג אין הייל קעגן די „בלייך־הויטיקע״.

ביל האָט אָנגעהויבן מיך בעטן, מיר זאָלן מאָנען נאָר פופצן הונ־דערט איידער צוויי טויזנט פאַר דעם קליינעדיקן ווילדן קאָטער. איך האָב מסכים געווען, און מיר האָבן פאַרפאַסט אַזאַ בריוו:

„סער עבענעזער דאָרסעט!

מיר האָבן אייער זון אין אַ פּלאַץ ווייט פון אייער שטעטל. ס׳וועט זיין אַרויסגעוואָרפענע מי, אויב איר, צי די געהיים־פּאָליציי וועלן מאַכן אַ פאַרזוך אונדז צו געפינען. דער איינציקער תנאי אויסצולייזן אייער קינד איז דער: צאָלט אונדז אויס טויזנט פינף הונדערט טולער אין גרויסע פּאַזיטן. דאָס געלט זאָל געבראַכט ווערן דורך אַ שליח היינט, אַכט דרייסיק אָוונט.

אַריבערגייענדיק דאָס טייכל אַפּן וועג קיין פּאָפּלאַר שטייען דריי ביימער, ניט ווייט פון אַ ווייצן פעלד. רעכטס פון דריטן בוים וועט ער געפינען אַ הילצערנע פּושקע. אַהין זאָל דער משולח אַריינלייגן די מזומנים און גלייך אָפּטראָגן זיך.

אויב אַפילו איין נקודה זאָל פעלן, וועט איר קיינמאָל מער נישט

זען אייער יורש. וועט איר אָבער אויספאָלגן אַלע פּרטים, קומט ער אַהיים אין דריי שעה אַרום".

אונטערגעשריבן, מיט דרך־ארץ: צוויי פאַרצווייפלטע.

באַ מיין אוועקגיין האָט דער נפש זיך צעשריִען:

— העי, שלאַנגען־אויג, איך בין אַן אויסשפּירער און דאַרף רייטן צו דער פעסטונג וואָרענען, אַז פיינטלעכע אינדיאַנער קומען אָן. כ'בין שוין מיד זיין אַן אינדיאַנער און בין אַריבער צו דעם אַנדערן צד.

— גוט, זאָג איך. דאָס איז אַן אומשולדיקע שפּיל. כ'גלייב, אַז ביל, דיין איצטיקער גוטער ברודער וועט דיר העלפן אין זיג.

— דו וועסט זיין דאָס פערד, — האָט ער געזאָגט צו בילן. שטעל זיך אויף די הענט און פיס. איך דאַרף אויף דיר רייטן.

— פאַרנעם דאָס קינד מיט שפּיל — האָב איך צוגעלייגט ביז כ'ל דערליידיקן דעם עסק.

מיט אויגן פון אַ צעשראָקענעם האָז האָט ביל זיך געשטעלט אויף אַלע פיר: דער „רייטער" איז אַרויפגעשפּרונגען אויפן „פערד" שרייענדיק: „ניאָ, וויאָ" און געזעצט אים מיט די פיס אין די זייטן.

— אום גאָטעס־ווילן, קום שנעל צוריק, סעם, — האָט ביל געבעטן און געשעפּטשעט: מיר האָבן געדאַרפט בעטן נישט מער ווי טויזנט. צום „אויסשפּירער" האָט ער שיעור געוויינט:

— הער אויף האַקן מיר אין די ריפּן, אַניט שלייַדער איך דיך אַרונטער!

אין דאָרף האָב איך זיך געדרייט אַרום דער פּאָסט, כאַפּנדיק אַ שמועס מיט דעם און יענעם. איין באַבערדלטער האָט דערציילט, אַז סאָ־מיט גייט אויף רעדלעך איבערן פאַרפאַלענעם בחור פון עבענעזער דאָרסעט. האָב איך געקויפט כלומרשט טאַבאַק, געפּרעגט דעם מקח פון דיזן און דאָזן און בגנבה אַריינגעשמוגלט דעם בריוו און פּאָסט־קעסטל.

צוריקקומענדיק האָב איךביידן נישט געטראָפן. אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט זיך ביל געוויזן. ער האָט אויסגעטאָן זיין קאַפּעליוש און אָפּגעווישט מיט אַ רויט טיכל דעם שווייס.

— סעם, — האָט ער אָנגעהויבן, וועסט אפשר דענקען, אַז איך בין אַ פּחדן. ניין! כ'קען מיין שטעטל באַשטיין. אָבער פאַראַן צייטן, ווען מ'קאָן נישט העלפן. איך האָב דעם שלאַק אַהיימגעטריבן. אויס! קיין

מארטירער האָט ניט געליטן אַזאַ תוכחה ווי איך. כ'האָב אויפֿגעגעבן אונדזער פּלאַן.

— דערצייל, ביל, האָב איך אים מיטגעפֿילט. רייד זיך אַראָפּ פֿון האַרצן.

— איך האָב געליטן גיהנום דעם גאַנצן וועג צו זײַן פֿעסטונג. אַז ער האָט שוין „געראַטעוועט" די בלײַך־הויטיקע, האָט ער מיר געגעבן „עסן קאָרן", רוקנדיק מיר אין מויל זאַמד און פֿאַרגראַגערט דעם קאָפּ מיט קלאָץ־קשיות: פֿאַרוואָס איז גראָז גרין? פֿאַרוואָס שפּרינגט די פּילקע? ווי אַזוי לויפֿט אַ וועג אַהין און צוריק? אַזוי אָן אַ סוף און אָן אַן עק. האָב איך אים אָנגענומען באַם קאַרק און צוגעשלעפּט באַרג־אַראָפּ. ער האָט מיך געקאָפּעט מיט די פֿיס, ביז ברוין און בלוי. כ'האָב אויך גע־באַפּט פֿון אים אַ פּאָר בים אין די פֿינגער. כ'ל זיי מוזן אויסברענען. האָב איך אים געוויזן דעם וועג אַהיים, קיין סאַמיט און אים אַ שלײַדער געטאָן אַף צען קלאַפּטער, ס'זאָל אים זײַן נענטער. ער איז אַוועק און נישטאָ מער. ס'טוט מיר לייד, וואָס מיר פֿאַרלירן דאָס אויסלייז־געלט. אַנדערש אָבער וואָלט איך געמוזט אַוועק אין משוגעים־הויז.

— ביל, זײַנען אין דײַן משפּחה פֿאַראַן האַרץ־קראַנקע? — האָב איך געפֿרעגט.

— ניין, וואָסי דען? — האָט ער געוואָלט וויסן.

— דאַן קוק זיך אום — האָב איך געלאַכט.

ביל האָט אַ בליק געטאָן און דערזען דאָס אָנשיקעניש צוריק. איז ער געוואָרן בלייך ווי די וואַנט, זיך געזעצט אַף דר'ערד און אָנגעהויבן קלײַבן גרעזלעך תמעוואַטע. אפשר איז' ער אַראָפּ פֿון זינען טאַקע? האָב איך זיך געשראָקן. כ'האָב אים געטרייסט, אַז באַלד וועט נעמען אַ סוף. זאָל נאָר דער אַלטער דאַרסעט נאָכקומען אונדזערע תנאים.

ביל האָט זיך אָנגעטאָן אַ כוח, צוגעוואָרפֿן דעם „גאַסט" אַ שוואַכן שמייכל און פֿאַרשפּראָכן שפּילן מיט אים אין מלחמה, ווען ער וועט זיך באַרויִקן.

צו דער באַשטימטער צײַט האָב איך אַרויפֿגעקלעטערט אַף איינעם פֿון די דרײַ ביימער, זיך פֿאַרשטעקט טיף, צו זען דעם טשאַפּעט, וועלכער וועט ברענגען דעם אויסקויף.

פּינקטלעך, צו דער רגע איז אַ יונגערמאַן צוגעפֿאָרן אַף אַ ביסיקלעט,

געפונען די פושקע, אַרײַנגעשטופּט אַ פּאַפּירל און אַוועק.

איך האָב אָפּגעוואָרט און אַראָפּגעקראָכן פון מײַן באַהעלטעניש, אַרויסגענומען דאָס „גוטע קוויטל” און צוריק מיטן וואַלד אין דער היים.

עפענענדיק דאָס צעטעלע, האָבן מיר געלייענט:

— „צו די צוויי פאַרצווייפלטע.

מיינע הערן! איך האָב דערהאַלטן אײַער בריוו וועגן אויסקויף־געלט פאַר מײַן זון. איך דענק, אַז איר האָט אַביסל איבערגעכאַפּט די מאָס. במקום אײַער תנאי, שלאָג איך פאָר דעם היפוך און גלויב, איר וועט מסכים זײַן: ברענגט צודיק דזשאַנין און צאָלט מיר צו צוויי הונ־דערט פופציק דאָלער אין מזומן — און איך בין אײַך מבטיח אים צוריק־צונעמען. בעסער קומט בײַנאַכט. ווײַל די שכנים גלייבן, אַז ער איז פאַר־פאַלן געוואָרן, און איך קען ניט גאַראַנטירן דאָס געזונט פון דעם, ווער ס'וועט אים צוריקברענגען.

מיט אַכטונג: עבענעזער דאָרסעט”.

— צו די אַלדע שוואַרצע, פינצטערע!... האָב איך גענומען שילטן. בילס אויגן זײַנען לויטערער געוואָרן און ער האָט געזאָגט:

— סעם, וואָס איז 250 דאָלער? מיר האָבן אַזאַ סומע. איין נאַכט מער מיט דעם שד וועט מיך פּשוט טרײַבן אין גרוב. חוץ דעם איז דאַכט מיר גאַנץ ברייט־האַרציק פון הער דאָרסעט ניט צו פאַרלאַנגען מער. לאָמיר ניט דורכלאָזן אַזאַ גינסטיקע געלעגנהײַט!

— דעם אמת וועל איך דיר זאָגן, מײַן פרײַנט, האָב איך מודה גע־ווען, דער ניט־געדאַכט־זאָל־ער־ווערן האָט ער מיר שוין אויך אָנגעמאַ־זאָליעט געַנוג. לאָמיר אים אַהיימפירן, באַצאָלן דעם אויסלייז און פטור!

מיר האָבן קוים מיט צרות אײַנגערעדט דעם בריליאַנט אַהיימצוגיין, צוזאָגנדיק אים קויפן אידניאַנער מאָקאַסין־שיך און אַ באַזילבערטן ביקס פאַר געיעג אַף בערן.

פונקט צוועלף בײַנאַכט האָבן מיר אָנגעקלאַפּט אין דאָרסעטס פאָ דער־טיר. און פונקט צו דער צײַט, ווען לויטן פּלאַן האָב איך באַדאַרפט צאָלן די פופצן הונדערטער, האָב איך אָפּגעצאָלט די צוויי הונדערט מיט פופציק טולער אין פּאָטערס האַנט.

אַז דער „קרבן” האָט דערזען, ווי מיר ווילן אים איבערלאָזן, האָט ער גענומען יעלהן, ווי גלײַך מ׳וויל אים שעכטן. ער האָט ווי אַ פּיאַווקע זיך אָנגעטשעפּעט אין בילס פּיס.

זײַן פֿאָטער האָט אים קוים אָװעקגעשלעפּט.

— ווי לאַנג קענט איר אים האַלטן? — האָט ביל געפֿרעגט.

— איך בין נישט אַזוי שטאַרק ווי אַמאָל. אָבער צען מינוט וועל איך שטאַרקן זיך.

הגם ס׳איז געווען פֿינצטער און מײַן שותּף צום מסחר, ביל איז געווען אַ שווער לײַביקער, איז ער אַ שײנע שטרעקע אָפּגעלאָפֿן, איידער איך, אַ לײַכט־פֿוסיקער, האָב אים דעריאָגט.

קיין מעשה נישט

איך האָב געטאָן קלענערע אַרבעט אין צײַטונג מיט דעם בטחון אויפגעשטעלט צו ווערן אַף כסדרדיקע שכירות. עמעצער האָט מיט אַ קאָטשערע, אַ לאָפּעטע אָפּגעראַמט פאַר מיר אַ ברעג טיש, וואָס איז געשטאַנען פאַרלייגט מיט אַ באַרג אויסשניטן און פאַפּירן. האָב איך דאָ געאַרבעט, באַשרײַבנדיק, וואָס נאָר אין שטאָט האָט זיך פאַרלאָפן. מײַן לוין אָבער איז נישט געווען קיין באַשטענדיקער.

איינמאָל איז טריפּ אַרײַנגעקומען און זיך אָנגעשפּאַרט בײַ מײַן שטיקל טיש. ער איז געווען באַשעפטיקט ערגעץ אין מעכאַנישער אָפּטיילונג, דאַכט מיר בײַ פאָטאָגראַפיע, ווײַל ס'האָט געשמעקט פון אים מיט יענע כעמישע שטאָפן, און זײַנע הענט זײַנען תמיד געווען פאַרשמירט, צעשפּאַלטן דערפון. ער איז אַלט געווען אַרום פינף און צוואַנציק און אויסגעקוקט ווי אַ פערציקער, מיט אַ צורה באַוואַקסן פון האַרטע קרײַזעלעך ווי אַ וואַש קושן. ער איז געווען בלייך, מעכולעדיק, אַ לו יצלח און אַ שטענדיקער לויווע, פון אַ פערטעלע ביז איין דאָלער. דאָס איז געווען די גרענעץ פון זײַן קרעדיט. ווען ער האָט זיך צוגעשפּאַרט צום טיש, האָט ער צוגעהאַלטן איין האַנט מיט דער אַנדערער, זיי זאָלן ביידע נישט ציטערן: איבערן בראָנפן! ער האָט פאַרמאָגט אַן עזותדיקן בליק פון אַ יאַטע־בעדאַם, וואָס האָט קיינעם נישט גענאַרט. עס האָט נאָר געהאָלפן אין זײַנע הלוואה אָפּעראַציעס.

יענעם אינדערפרי האָב איך אויסגעפועלט באַם קאַסיר פינף דאָלער, אַן אַדערויף אַף מײַן דערציילונג, וואָס דער זונטיק רעדאַקטאָר האָט אָן חשק אָנגענומען. אויב איך בין געווען מלא־רציחה אַף דער וועלט, איז איצט כאָטש אײַנגעשטעלט געוואָרן אַ וואָפן־שטילשטאַנד. איך האָב מיט פלײַס אָנגעהויבן באַשרײַבן די הענגענדיקע ברוקלין־בריק אין אַ לבנה־נאַכט.

— נו, טריפּ, ווי גייט עס? האָב איך געזאָגט אומגעדולדיק. ער האָט היינט אויסגעזען פאַרזאָרגטער, קרענקלעכער ווי שטענדיק. זיין רחמנות־פּרצוף האָט געמאָנט, גערופן צו ברעכן אים די ביינער.

— האָסט א דאָלער? האָט ער געפרעגט מיט א הינטישן בליק.

איך האָב אים געענטפערט און איבערגעחזרט העכער און אומ־פריינטלעך: יאָ, איך האָב און נאָך פיר פון אויבן. איך קען דיר אָבער זאָגן, אַז איך האָב געהאַט געגנוג עגמת נפש, ביז איך האָב זיי אַרויס־געשרויפט פון אַלטן. איך האָב געמוזט קריגן דאָס פינפערל צו דעקן א חוב, א נויט א צרה פון פונקט פינף זויינערלעך.

איך האָב אויסגעטייטשט פינקטלעך, ווייל כ'האָב געפלאָטערט נישט צו צעשיידן זיך אַפילו מיט איין מטבע.

— איך וויל נישט לייען, האָט טריפּ שאַרף באַטאָנט, און איך האָב פרייער אָפּגעאָטעמט.

— איך האָב געדענקט, — האָט ער פאָרגעזעצט, אַז ווּעסט ווען אויפכאַפּן א גוטע מעשה. איך האָב פאַר דיר אַן אַנטיקעלע. ווּעסט קענען ציִען עס לכל הפּחות אַף מער ווי איין שפּאַלט. זאָלסט עס גוט באַאַרבעטן, וואָלט אַרויס א חריפותל. ס'וועט דיך מסתם דאַרפן קאָסטן א צוויי דאָ־לער, אַרויסצוקריגן דעם רויט־שטאָף.

איך בין געוואָרן אַריינגעצויגן און געטראַכט, אַז ער געדענקט אַלטע טובות, הגם ער האָט זיי נישט באַצאָלט. דאָך, אָנמעסטנדיק זיך א פּער־טעלע, וואָלט ער מיך ווייך געמאַכט.

— לאָמיך הערן — האָב איך געזאָגט און אָנגעסטראָיעט מיין בלייפעדער.

ס'איז וועגן א מיידל — האָט טריפּ אָנגעהויבן מיט א קנייטש, א יפת־תאר: רויזן־קנאָספּן באַדעקט מיט מאָרגן־טוי; פיאָלעטן אין זייער ווייכן בעט וכדומה. זי האָט אָפּגעווווינט צוואַנציק יאָר אַפּן לאַנגן אינדזל און קיינמאָל נישט געזען ניו־יאָרק. זי איז מיר אַנטקעגן געקומען דעם פרימאָרגן אַף דער פיר און דרייסיקסטער גאַס נאָר וואָס אַראָפּ פון מזרח־טייך שיפל. איך זאָג דיר א יופה! זי האָט מיך אָפּגעשטעלט און געפרעגט ווּו זי קען זען געאָרג בראַון, צי איז פּאַראַן אַזעלכער אין דער שטאָט? איך האָב גערעדט מיט איר און אויסגעפונען, אַז קומענדיקע וואָך שטעלט זי א חופּה מיט א יונגן פּאַרמער, היראַם דאָד. אַפּנים אָבער, אַז געאָרג

האָט אָנגעשמירט זײַנע חלומות און אַוועק אין שטעטל אַרײַן מיט אַ צײַט צוריק און איז נאָך מושל איבער איר האַרץ הײַנטיקן טאָג. ער האָט אָבער פאַרגעסן ווײַזן זיך קיין גרינבורג, איר מקום, און היראַם איז איר צווייטער בעסטער. נאָר קומענדיק צו תכלות, האָט אַדאַ, די כלה, אָנגעזאָטלט איר פערד און געריטן אַכט מײַל צום באַן, געקויפט אַ בילעט און געקומען אַהער זוכן געאָרגן. אַז ער איז ניטאָ, ווײַל זי אים דווקא. זי האָט געוויס געמיינט, אַז דער ערשטער, וועמען זי וועט אָנטרעפן און פרעגן אַף איר געזוכטן, וועט גלײַך כאַפּן זיך: וואָס, געאָרגן בראַון? אַוודאַי ווי דען? לאָמיר זען, ער איז אַ קורצער, מיט ליכטיק־בלויע אויגן, אמת? יאָ, איר וועט אים געפינען אַף דער און דער גאַס נעבן שפּײַז־קראָם. ער איז אַן אָנגעשטעלטער אין אַ כאָמעט־און־זאָטל געשעפט. אַזוי ליכטיק און תמימותדיק איז די בירגערן פון קראַך־גרינבורג מיט אַ פּאָר קאַטשקע־פאַרמערס און אַ נײַן זומער־דאַטשעס. איר הערט? קומט זי זען, איך האָב דאָך ניט געקענט זי לאָזן אַליין אין וואָלף־מאַרק באַם האָדסאָן־טײַך. און איר אָפּגעפירט אין אַכסניה, ווו איך פלעג אײַנשטיין. זי גייט אויס נאָך אַ מטבע, צו באַצאָלן דירה־געלט פאַר אַ טאָג.

— וואָס פאַר אַ פיזמון?! — האָב איך אויסגעשריִען. יעדער באַן־שיפל ברענגט אָדער נעמט פאַרשוינען אַלערליי. דאַרף מען יעדן באַ־שרײַבן?

די פריצײַטיקע קנייטשן אַף טריפּס פנים זײַנען געוואָרן טיפער. ער האָט צעשפּרייט די ציטערנדיקע הענט און מיר דערווידערט.

— זעסטו ניט, סאַראַ קונציקע דערציילונג ס'קען דערפון ווערן, באַ־אַרבעטנדיק מכוח אמתער ליבע אא"וו. און אַ שטאָך טאָן די אײנווינער פון אינדזל, ווי גרין זיי זײַנען, צומישנדיק אַביסל הומאָר, אַף אײַער שטייגער? איר קענט קריגן פופצן דאָלער דערפאַר און קאָסטן וועט אײַך בלויז אַ פיר. — אַ רווח פון עלף דאָלער!

— ווי אַזוי פיר? — האָב איך איבערגעפרעגט — איין טאָלער פאַר דער בעל־אכסניה מיסעם דבר־אַחרקע און 2 פאַרן מיידלס בילעט צוריק.

— און די פערטע, די מענסיע? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— מיר — האָט ער אויסגערופן.

איך האָב געשמייכלט אין פאַרלעגנהייט און צעשפּרייט מײַנע עלנ־בויגנס אַפן טיש ווײַטער צו שרײַבן. נאָר טריפּס קרום, אומטערטענ[illegible]ק

בריהש פּנים האָט ניט אָפּגעקערט זיך. זײַן שטערן איז געוואָרן גלאַנציק, פּײַכט.

— זעט איר נישט, — האָט ער שטיל געציילט ווערטער, אַז דאָס מיידל מוז הײַנט צוריקפאָרן? ניט אין אָוונט, ציִ מאָרגן, נײַערט הײַנט באַטאָג. איך קען גאָרנישט טאָן פאַר איר. איך בין בטוח, אַז איר קענט שרײַבן דערפון אַ חנעוודיקע מעשה און מאַכן אַן איבעריקע פאַר טאָלער. דער עיקר אָבער — מוז נישט דאָס קעלבל הײַנט צוריקגעשיקט ווערן אַהיים?!

איך האָב אָנגעהויבן פילן בלײַערן, דערשלאָגן און דערדריקט, ווי באַוווּסט, פאַר אַחריות־פּליכט. הגם פאַרוואָס זאָל דער חוש פון פאַראַנט־וואָרטלעכקייט פאַלן אַזוי שווער, ווי אַן עול, אַ יאָך?! כ'האָב שוין געזען, אַז איך מוז זיך שיידן מיט אַ היפּשן חלום פון מײַן אַזוי שווער געקראָ־גענעם עוצר, צו העלפן אַראָן. איך האָב דאָך אין זיך געשוואָרן, אַז טריפן קיין סענט, זאָל עס בעסער בלײַבן באַ מיר. ער מעג שפּילן אַ העלד, וויפל ער וויל, אָבער קיין וואַסאָל זאָל ער פון מיר נישט מאַכן, אויסצונוצן מײַן שוואַכקייט פון שולדיקייט־געפיל. מיט אַ געבייזער האָב איך אַרויפגעצויגן מײַן מאַנטל און הוט.

מײַן באַצווינגער האָט מיך הכנעהדיק געפירט פאַרבײַ טראַמוויײַען, אויטאָמאָבילן צו דער מענטשן־מאַסקאָנעס־הויז פון מוטער שווינעכע.

ער האָט אַ צי־געטאָן דאָס גלעקל באַ אַן אָפּגעריסן, פאַרשימלט־רויט־ציגלדיקן הויז. באַם מינדסטן גערויש פון אינעווייניק איז ער בלאַס געוואָרן, ווי אַ האָז, דערהערנדיק אַ יעגער־הונט, וואָס איז געקומען זיכער פון שרעק פאַר זײַנע דירה־געלט־מאָנער.

— גיט איר שנעל אַ דאָלער, — האָט ער געשעפּטשעט.

די טיר האָט זיך געעפנט אַף זעקס פינגער. מוטער אַזוי און אַזוי איז געשטאַנען פון יענער זײַט מיט אַ פּאָר ווײַסע אויגן און אַ געל פּנים, צוהאַלטנדיק באַם האַלדז אַ ראָק. טריף האָט אַן אַ וואָרט אַרײַנגעוואָרפן די מטבע און געקויפט אונדזער אײַנטריט.

— זי איז אין צימער — האָט די פרוי געזאָגט און אויסגעדרייט די פּלייצע פון איר קאַפּאָטע צו אונדז.

אין אַ טונקל צימער איז געזעסן אַ מיידל באַ אַ טישל מיט אַ גע־פּלאַצטן מירמל־דעקל און ווײַנענדיק געקײַט אַ צוקערקע. זי איז געווען אַן

אויסטערלישע שיינקייט. דאָס בליפּען האָט געמאַכט אירע אויגן נאָך לויטערער. ווען זי האָט געבראָמטשעט דאָס צוקערל, האָב איך געטראַכט וועגן דער פּאָעזיע פֿון זבאַוועגונג און מקנא געווען דאָס נאַרישע קאָנ־פּעקטל. אַ חווה פֿון אַ פֿינף מינוטיקן עלטער האָט געפּורעמט די ניינצן, צוואַנציק־יאָריקע אַדאַ.

איך בין פֿאַרגעשטעלט געוואָרן. אַ צוקער־טראָפּן האָט גערונען אַף איר גאָמבע. בעת זי האָט געקוקט אַף מיר אויבנאויפיק, ווי אַ הינטל (אַ פּריז געווינער), זעענדיק אַ קריכנדיקן זשוק, אַ זשאַבע.

טריפּ האָט פֿאַרנומען פּלאַץ באַם טישל, אָנשפּאַרנדיק זיך אַף די פֿינגער פֿון מײַן האַנט, ווי אַן אַדוואָקאַט, צי אַ דיריגענט. זײַן אויסקוק אָבער איז ניט ווערט געווען קיין פּרוטה. דאָס אויבער־רעקל פֿאַרשפּיליעט העט אַרויף, צו פֿאַרדעקן דעם אָפּגעבליאַקעוועטן שניפּס און אומציכטיק העמד. איך האָב געטראַכט פֿון אַ סקאָטישן הונט, קוקנדיק אַף זײַן שוועבנדיקן בליק צווישן די צעשויבערטע האָר און אָנגעוואַקסענער באָרד. איך האָב זיך געשעמט פֿון פֿאַרגעשטעלט ווערן ווי זײַן פֿרײַנט, אין פּנים פֿון אַזאַ אתרוג.

טריפּ האָט אָבער סײַ ווי אָנגעפֿירט מיט דער באַגעגעניש. איך האָב באַגריפֿן, אַז ער וויל, איך, דער צײַטונגס־מאַן, זאָל קריגן דעם פּאַבולע־שטאָף און ער — זײַן טרינק־דאָלער.

— מײַן פֿרײַנט, — האָט ער אָנגעהויבן (אָ, אַ שווידער!) הער טשאַלמער וועט אײַך זאָגן דאָס אייגענע, וואָס איך, מיס אַדאַ. ער איז אַ רעפּאָרטער און קען בעסער דערקלערן (אוי, טריפּ, מיינסטו נישט מײַן זילבער־לשון?) ער איז אַ חכם מופֿלג און וועט אײַך אייצענען וואָס צו טאָן.

אין מײַן צעשאָקלטן זיץ, בין איך געשטאַנען אַף איין פֿוס.

— הע, מע — האָב איך געהיקעט פֿון פּאַרדרוס אַף זײַן אַרײַנפֿיר. כ׳וועל בע... אײַך העלפֿן נאָר הע . . . כ׳ווייס דאָך ניט הע... וואָס?...

— האַ! — האָט אָנגעהויבן אַדאַ, ס׳איז ניט אַזוי שלעכט. כ׳האָב פּשוט נישט געוווּסט, אַז ניו־יאָרק איז אַזוי גרויס. איך האָב באַגעגנט דעם הער סניפּ און געפֿרעגט וועגן מײַן פֿרײַנט, האָט ער מיך געבראַכט אַהער און געהייסן וואַרטן.

— איך ראָט אײַך, מיס אַדאַ, דערציילן אַלץ.

— אוודאי, — האָט זי פאַרגעזעצט קײַענדיק — ס'איז גאַרנישט. אַלץ איז גרייט פאַר מײַן חתונה מיט האַראַם דאַך, קומענדיקן דאָנערשטיק. ער פאַרמאָגט צוויי הונדערט אַקער־לאַנד און אַ גוטן פאַרם אַפן אינדזל. נאָר הײַנט פאַרטאָג האָב איך אָנגעזאָטלט מײַן ווײַס פערד (טענצער, הייסט ער), און בין געריטן צו דער סטאַנציע... אין דער היים האָב איך געזאָגט, אַז כ'פאָר איבערן טאָג צו מײַן חברטע, סוסי. ס'אַרט מיך נישט דער ליגן. כ'בין געקומען אַהער מיטן באַן. האָב איך געטראָפן דעם הער פליפ אַף דער גאַס און געפרעגט, ווו כ'קען געפינען גר...

— איצט, מים אַדאַ, האָט איבערגעשלאָגן טריפ, הויך און גראָב, איר האָט דאָך ליב דעם בחור, איראַם, ניין? ער איז גוט צו אײַך, ניט אַזוי?

— געוויס, אוודאי. געפעלט ער מיר, האָט זי שאַרף געענטפערט, ער איז גוט צו מיר און אַזוי אַנדערע.

אויך איך וואָלט דערויף געשוואָרן. יעדער מאַן וואָלט געוועזן גוט צו איר, זיי וואָלטן זיך געריסן איבער איר הוט, דערלאַנגען, טראָגן איר רענצל, אויפהייבן איר נאָזטיכל און קויפן איר סעלצער־וואַסער באַם ביידל.

— ווײַל לעצטן אָוונט, האָט פאָרגעזעצט אַדאַ, האָב איך גענומען טראַכטן וועגן געאָרגן און...

אַרונטערגעבויגן האָט זיך איר גאָלדענער קאָפּ אַף אירע חן־גריבל־דיקע, צונויפגעלייגטע הענט אַפן טיש.

סאַראַ פּרעכטיקער אַפּריל־שטורעם! אומבאַהאָלפענע זיפצן. הלוואי וואָלט איך זי געקענט באַרויִקן! נאָר איך בין דאָך נישט געוועזן געאָרג. כ'האָב זיך מחיה געוועזן, וואָס בין ניט איראַם, הגם איך האָב געליטן צער.

צוביסלעך איז דער רעגן געוואָרן אײַנגעהאַלטענער, זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, מיט אַ האַלבן שמייכל, מוטיקער. זי וועט זײַן אַ גלענצנדע פרוי, האָב איך געטראַכט, ווײַל טרערן האָבן געמאַכט אירע אויגן לויטערער, פינקלדיקער. זי האָט גענומען נאָך אַ קאַראַמעלקע און ווײַטער גערעדט.

— איך דענק, אַז אַ מסוכנע קרענק, האָט זי געמורמלט צווישן שלינגען און שלוכצן. געאָרג בראַון און איך זײַנען געוועזן געליבטע, ווען ער איז אַלט געוועזן אַכט און איך פינף. צו נײַנצן, מיט פיר יאָר צוריק,

האָט ער פאַרלאָזט גרינבורג און אַוועק אין שטאָט. ער האָט געזאָגט, אַז וועט ווערן אַ פּאָליציי־מאַן אָדער אַ באַן־פּרעזידענט, צי וואָס. דעמאָלט וועט ער קומען נאָך מיר. נאָר מער האָב איך פון אים נישט געהערט. איך האָב אים ליב געהאַט.

אַ נײַער שטראָם טרערן איז געווען אומפאַרמײַדלעך. נאָר טריפּ האָט זיך אַרײַנגעמישט, ווײַל, געוויס, ער איז געווען גײַציק צו ענדיקן די טי־ראַדע, צו קריגן זײַן לוין.

— נו, הער טשאַלמער, האָט ער גערעדט באַנײַס, זאָגט איר דער מיידל וואָס איז פאַר איר גלײַכער. איך האָב איר געזאָגט מײַן עצה.

איך האָב געהוסט און געפּלײַסט זיך ווינציקער בייז זײַן אַפן נודניק.

— פריילן אַדאַ — האָב איך אָנגעהויבן. דאָס לעבן איז אַ פּלאָנטער. די ערשטע ליבע פירט זעלטן צו דער חופּה. יענע זיסע טרוימען באַלויכטן נאָר די שפּעטערע טעג. ס'לעבן באַשטייט פון ממשות און חלומות. מ'קען אָבער נישט לעבן מיט זכרונות. פילט איר, אַז איר וועט קענען לעבן נפש־אחת מיט הם־הם דאַ, און צי וועט ער, חוץ פאַרם, קענען דערפילן זײַן פליכט הם־הם?

— אוי, ער איז קיין מעשה ניט, האָט זי געענטפערט. יאָ, כ'ל קע־נען אויסקומען מיט אים בכי טוב. ער האָט מיר פאַרשפּראָכן אַן אויטאָ־מאָביל און אַ מאָטאָר־שיפל. רק, ווען ס'איז געקומען נאָענט צום קאָפּ פאַרדעקן, האָב איך ניט געקענט זיך העלפן צו בענקען, גלוסטן, כ'וויים? טראַכטן וועגן געאָרגן. אין טאָג פון זײַן אַוועקגיין האָבן מיר צעשפּאָלטן אַ צען סענט שטיק מיט אַ האַמער און דלאָטע אויף צווייען. איין העלב האָט ער גענומען און די צווייטע איך. (ס'ליגט טאַקע פאַרוויקלט אין אייבערשטן שופלאַד פון מײַן קאָמאָד). מיר האָבן זיך געגעבן דאָס וואָרט אויף שטענדיק האַלטן די שטיקלעך, ביז מיר וועלן זיך ווידער זען. ס'איז געווען אַ נאַרישקייט פון מיר, צו קומען אַהער אים זוכן. כ'האָב נישט געוווּסט, אַז ניו־יאָרק איז אַזאַ גרויסע שטאָט.

מײַן „פרײַנט" האָט אַ הויכן לאַך געטאָן, זוכנדיק אַלץ צו פאַר־וואַנדלען די פּאַסירונג אין אַ דערציילונג, אַ דראַמע און פאָדערן זײַן קאָמצניש שכירות.

— וויים איך וואָס, אַ דאָרפס־יונג, קומענדיק אין שטאָט, פאַר־געסט אַ סך זאַכן. געאָרג האָט געמוזט ווערן אַ לאָ יוצלח, אָדער אַ צווייטע

מיידל האָט פאַרוואָרפן איר נעז אַף אים; צי ער איז גאָר געוואָרן אַ שי־בורנדיק, אַ קאָרטן־שפּילער. יונג מיידל, הערט דעם הער טשאַלמערס עצה און פאָרט אַהיים.

די ווײַזערס אַפן זייגער האָבן געוויזן האַלבן טאָג. פאָלגנדיק אָן חשק טריפן, האָב איך איינגעטענהט מיט איר, אַז זי דאַרף גלײַך צוריקפאָרן, פילאָזאָפיש דערקלערנדיק, אַז פאַר איר גליק איז בעסער ניט דערמאָנען פאַר דאַדן ווענן איר פאָרן קיין נ. י. וואָס האָט אײַנגעשלונגען געאָרגן.

איר פערד האָט זי געלאָזט צוגעבונדן צו אַ בוים. האָב איך איר גע־הייסן גלײַך אַהיימרײַטן און אָנהאַלטן די באָבע־מעשה פון פאַרברענגען בא איר פרײַנדן. זי וועט סוסין קענען אָנשטעלן צו שטיצן איר.

דערוואַרעמט מיט נאָדאָס שיינקייט בין איך מיטגעגאַנגען צו דער באַן־סטאַנציע. דעם בילעט האָב איך באַצאָלט, און איר אויפגעזעצט אין וואַגאָן, וואַרטנדיק ביז פון איר טיכעלע איז געבליבן אַ ווײַס פינטעלע.

טריפּס געזיכט איז געוואָרן אַלץ מער חושכדיק. איך האָב אָנגעטאַפּט מײַנע לעצטע צוויי זילבערנע דאָלער אין קעשענע און געקוקט אַף אים דורך מײַנע האַלב צוגעמאַכטע אויגן־דעקלעך מיט פאַראַכטונג.

— קענט איר נישט שאַפן דערפון אַ דערציילונג — האָט ער גע־מאָנט, אַפילו צולייגן עפּעס?

—קיין שורה ניט! גוט וואָס מיר האָבן געהאָלפן דעם מיידל און דאָס זאָל זײַן אונדזער באַלוינונג.

— ס׳טוט מיר לייד, וואָס איר האָט אוועקגעגעבן אײַערע צוויי טאָ־לער און קענט נישט נוצן דעם שטאָף.

— לאָמיר פאַרגעסן דערין, — האָב איך געענטפערט כלומרשט באַ־ליבט, און לאָמיר נעמען דעם טראַמווײַ.

טריפּ האָט צונויפגעקנעפּלט זײַן אָפּגעפּאָרענעם מאַנטל און אַרויס־געשלעפּט פון קעשענע פון זײַן ברודיק העמד עפּעס וואָס איז אַמאָל געווען אַ נאָזטיכל. איך האָב באַמערקט אַ קייטעלע האָט זיך נאָכגעבאָמבלט און דערצו אָנגעבונדן עפּעס. איך האָב אָנגעטאַפּט אַ האַלבן צען סענט־שטיק אָפּגעקלאַפּט מיט אַ האַמער.

— וואָס? — האָב איך אַ פרעג געטאָן דערשטוינט.

— יאָ, — האָט ער געענטפערט: געאָרג בראַון אָדער טריפּ...

כ׳וואָלט וועלן ווייסן, צי עמעצער וועט מיר זאָגן מוסר פאַרן אַרײַנ־רוקן אין זײַן האַנט אַ טאָלער?

פֿאַרשײדענע ליכט

אין די טיפֿענישן פֿון דער גרױסער שטאָט, װוּ די פּסולת, די שלעפּער זײַנען צונױפֿגעקװעטשט, האָבן זיך באַגעגנט דער יונגער מורעי און דער עלטערע, קאַפּיטאַן מאַראָני, בײדע זײַנען געװען אױף דער נידעריקסטער מדרגה פֿון ביטערן מזל. זײ האָבן אַרונטערגעקראַכט פֿון אַ הימל פֿול חשיבות, דרך־ארץ און געװאָרן נידעריקסטע יורדים.

אַן אומגעריכטע אױפֿטרײסלונג האָט דעם קאַפּיטאַן אַראָפּגעשלײַדערט פֿון זײַן גדולה, הכנסהדיקער שטעלע און פּאָליצײ־אַמט צו אַראָפּגעריסענע עפּאָלעטן און קנעפּ. זײַן דערװאָרבן פֿאַרמעגן דורך שפּאָרזאַמקײט — פֿאַרלאָרן, געבליבן הױל און בלױז. ער איז אַרום מיט טענות אין דער פּרעסע, אָבער אײן חודש נאָך זײַן מפּלה האָט אַ שענקער אים פֿאַרן קאָלנער אױפֿן טראָטואַר אַרױסגעשלײַדערט, װי אַ קאַץ פֿאַרטרײַבט אַ פֿרעמד קעצל. שפּעטער האָט ער זיך געװערט קעגן שומר פֿון שטאָטישן העקדש פֿאַר צװינגען אים צו נעמען אַ באָד. װען מורעי האָט ס׳ערשטע מאָל דערזען, האָט דער קאַפּיטאַן געהאַלטן בײַ דער האַנט אַן איטאַליעניש סוחרטע פֿון עפּל און קנאָבל, זינגענדיק איר לידלעך.

מורעיס ירידה איז געװען װינציקער פֿאַרביק. אַלע קלײנע, קאָלירפֿולע שפּילערײַען פֿלעגט ער באַזוכן. נאָר אָט האָט מען דעם פּרינץ אָן אַ פּרוטה אױף דער געהױבענער עװעניו דערלאַנגט מיטן שוך אין הינטן. ער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט צו באַגעגענען זײַן פֿאַרװאָרלאָזטן חבר און קלײַבן אָפּפֿאַל בשותּפֿות.

אין בין־השמשות זײַנען בײדע פֿרײַנט געזעסן אױף אַ באַנק אין פּאַרקל. דעם קאַפּיטאַנס פֿון אַמאָל גדולהדיקער גוף האָט פֿון הונגער צעפּלאָסן זיך און אַרײַסגערופֿן חוזק, ניט רחמנות, באַם בעטלען. ער איז געזעסן אָנגעשפּאַרט אָן באַנק צעװירן, װי אַ שטיק נבֿלה. זײַן פּרצוף געפֿלעקט מיט העל־רױטע בינטלעך האָר, אַ פֿאַרלאָזטע באָרד און אין אַ צעדרומזשעטן

ווײַסן שטרויענעם קאַפּעליוש, וואָס מ׳האָט באַדאַרפט טרעפן, צי איז עס אַ דאַמען־הוט אָדער אַ יאַגדעס־לעקעך. זײַן אײַנגעצויגענער גאַרטל, אַ נשאר פון לאַנגסטיקן מעמד האָט געמאַכט אַ טיפן שניט אין זײַן בויך. ער האָט מיט אַ באַסאָווער געמבע געשאָלטן זײַן שלימזל.

מורעי דערנעבן איז געזעסן אײַנגעקנוידערט אין אַ צעפּליקט אָפּגע־בליאַקעוועטן מלבוש פון אַמאָליקן בלוי, מיטן היטל איבער די אויגן; געזעסן שטום ווי אַ ניט גוטער.

— כ׳בין הונגעריק, — האָט געמרוקעט דער קאַפּיטאַן; ממש כ׳גיי אויס. איך וואָלט געקענט אויפעסן אַ גאַנצן רעסטאָראַן מיט די אײַ־זערנע רערן אינאיינעם. קענסטו ניט עפּעס צוטראַכטן, מורעי? ניט זיצן אײַנגעדרייט, ווי ריגנאָלדס וואַנדערבילד, ווען ער פאָרט אין זײַן פאַיע־טאָן. קלער עפּעס אויס צו קײַען!

— האָסט פאַרגעסן, רעב קאַפּיטאַן, אַז די לעצטע סעודה איז געווען מײַן המצאה?

— אמת ויציב, — האָט יענער געברומט. האָסטו ניט עפּעס נאָך פון דעם מין?

— מיר האָבן נעכטן פאַרלאָרן, האָט געקרעכצט מורעי, הגם איך בין געווען זיכער, אַז מאַלאָני וועט אונדז ווידער שענקען אַן אָנבײַסן, נאָך דעם וואָס ער האָט געשמועסט מיט מיר וועגן בייזבאָל, ווען כ׳האָב אים געגעבן צולייזן פינף סענט.

— איך האָב שוין געהאַלטן אין יד אַ פערטל אינדיק און צוויי סאַרדין־סענדוויטשעס, ווען דער קעלנער האָט מיך געפּאַקט, האָט מאַראָני געקלאָגט; וואָס פאָרט טוט מען? כ׳וויל ניט קראַפּירן.

— טאַקע נישט? כ׳האָב געמיינט, אַז יאָ.

— וואַרט דאָ — האָט אָפּגעהאַקט דער קאַפּיטאַן, אויפהויבנדיק זיך, שווער אָטעמענדיק. כוועל פּרוּוון נאָך איין קונץ. זײַ ביז כ׳על צוריקקו־מען. אויב דאָס שפּיצל וועט מיר געלינגען, קום איך צוריק מיט פולן. ער האָט געמאַכט העלפאַנטישע פאַרזוכן אויסצוקוקן אָנצינדיקער — די וואָנצעס פאַרדייט צום הימל, אַרויסגעשלעפּט אַ פּאָר פאַרשוואַרצטע מאַנקעטן, אײַנגעצויגן דעם גאַרטל אַף איין לעכל ווײַטער און ווי אַ דינאָ־זאַווער געלאָזט זיך פון פּאַרקל.

ווען ער איז אַרויס, איז מורעי אַוועק אין אַ קעגנדיקער זײַט, אָפּ־שטעלנדיק זיך בײַ אַ בנין מיט צוויי גרינע לאַמטערנס.

— פּאָליציי־קאַפּיטאַן מאַראָני — האָט ער אײַנגערוימט דעם סער־זשאַנט איז אַלס פּסק אָפּגעזאָגט געוואָרן פון אַמט נאָך אַ משפּט און דאַרף נאָך זיצן. זוכט איר אים?

— פאַרוואָס פרעגסטו? — האָט יענער געוואָלט וויסן, פאַרקרימענ־דיק זיך.

— ס'איז דאַכט זיך מיר, באַשטימט אַ פּריז פאַר זײַן אַרעסט, — האָט מורעי געענטפערט. מ'קען לייגן אַף אים די האַנט.

— קײַנע באַלוינונגען — האָט אָפּגעשניטן דער פּאָליציי־באַאַמטער. ער פעלט אונדז נישט, אַזוי אויך דו. טראָג זיך אָפּ! ביסט זײַן פרײַנט און ווילסט אים פאַרקויפן, אומפאַרשעמטער!

— מורעי האָט געקוקט אין יענעמס אויגן און אומשולדיק געזאָגט: איך האָב געוואָלט טאָן מײַן פליכט, העלפן דער מלוכה. און איז צוריק־געגאַנגען אַף זײַן זײַט.

קאַפּיטאַן מאַראָני איז געקומען מיט לײדיקן און בייז ווי אַ הונט. זײַן קאָלנער אָפּגעריסן, דער שטרויענער הוט נאָך מער צעפּלעטשט, ס'העמד פאַרשמירט אין בלוט און צעפּיצלט; פון קאָפּ ביז פיס פאַר־שמוצט מיט אַן איפּעשדיק פליסיקייט.

— הימל עפן זיך! — האָט אויסגעשריִען מורעי. איז דאָס דײַן אויפטו, קריכן אין די שמוץ־פּעסלעך? ווען איך וויים, וואַרט איך ניט.

— ווער פאַרשטומט, — האָט צוריקגעשריִען דער קאַפּיטאַן, כ'בין אַוועק זיך שדכענען צו דער איטאַליענערן פון פּרוכט־קרעמל. זי איז אַ פּעפּערל! כ'האָב איר צוגעזאָגט העלפן פאַרגרעסערן איר פּידיון. איז אָט, ווי זי האָט מיך אויפגענומען. אַבי כ'האָב געמיינט, כ'בין מיט איר אַף אַ דרך.

— וואָלסט סײ־ווי נישט חתונה געהאַט מיט אַזאַ מיאוסער נקבה — האָט מורעי געחוזקט.

— איך וואָלט געגאַנגען צו דער חופּה מיט דער כינעזישער מלכּה פאַר אַ טאָפּ צימעס — האָט ער געזאָגט, און דו?

— כ'וואָלט גיכער געוואָרן אַ יודאַס פאַר איין זופּ בראָנפן — האָט מורעי געענטפערט. פאַר דרײַסיק שטיק זילבער וואָלט איך — — —

— פזמונות! וואָלסט נישט, — האָט געספּקט מאַראַני און צו־געגעבן:

— כ׳טראַכט תמיד, אַז מוסרים זײַנען די נידעריקסטע בריהס! ער־גער פון רוצחים. אין פּאַרק איז אָנגעקומען איינער, אויסמײַדנדיק די עלעקטרישע ליכט.

— ביסטו עס, מעק? — האָט ער געפרעגט, אָפּשטעלנדיק זיך נעבן דעם פּאַרק. זײַן דימענטענע שפּילקע האָט געבליאַסקעט, די גאָלדענע קייט — צוגעהאָלפן. ער איז געווען גרויס, אָפּגעגלעט, אָנגעפּרעסן.

— יאָ, כ׳זע, אַז דו ביסט עס — האָט ער פאַרגעזעצט. קען איך עפּעס ריידן מיט דיר, מאַראַני?

דער קאַפּיטאַן האָט קרעכצנדיק זיך אויפגעהויבן, טראַכטנדיק, אַז אויב טשאַרלי פינעגאַן איז אַרונטערגעקומען אין שטוב, מוז עפּעס שטעקן דערין, יענער האָט אים צוגעפירט אין אַ שאָטנדיק ווינקל:

— דו ווייסט? — האָט ער געשושקעט, ס׳גייט אַ משפּט אָפן אינ־ספּעקטאָר סיקערינג פאַר שוחד (כאַבאַר).

— ער איז געווען מײַן עלטסטער, — האָט אַרײַנגעוואָרפן מאַראַני.

— האָשעיע וויל דעם אמת — האָט פינעגאַן פאַרגעזעצט. ער דאַרף עס פאַרן ווײַלזײַן פון דער אָרגאַניזאַציע. מוז פיקערינג אַראָפּ פון בענקל. דײַן עדות זאָגן וועט טרעפן אין פינטל. ער איז דאָך געווען דײַן אינ־ספּעקטאָר, ווען האָסט געדינט אין פּאָליציי, זײַן חלק לאַפּקע־געלט פלעגט קומען דורך דײַנע הענט. דאַרפסטו גיין אָפן עדות־שטול קעגן אים.

— ער איז געווען מײַן — — —

— וואַרט — האָט איבערגעשלאָגן פינעגאַן, אַרויסשלעפּנדיק פון קעשענע אַ געל פּעקל. וועסט באַקומען פינף הונדערט, צוויי מיט פופציק שוין און דעם נשאר...

— ער איז געווען מײַן פרײַנט — האָט דער קאַפּיטאַן פאַרענדיקט. כ׳על פריִער זען דיך. די שטאָט און די פּאַרטיי כגופיה אין העלישן פײַער, איידער כ׳זאָל אַרויסטרעטן קעגן אים. כ׳בין געפאַלן, נאָר איך וועל נישט פאַראַטן מײַן געוועזענעם פרײַנט. דער ... האָט געהודעט ווי אַ טראָמבאָן:

—פאַרלאָז דעם פּאַרק, טשאַרלי פינעגאַן און נעם מיט דײַנע שמוציקע פּאָזיטלעך.

פינעגאַן איז אַוועק מיט אַן אַנדער זײַט און מאַראַני האָט זיך אומגע־קערט צו זײַן פּלאַץ.

— דו ביסט דער גרעסטער מטורף — האָט מורעי אויסגעשריִען. איך האָב אומגערן געהערט אַלעס.

— ווי וואָלסטו געהאַנדלט? — האָט דער קאַפּיטאַן געוואָלט וויסן.

— איך וואָלט צוגענאָגלט פּיקערינגען און געקראָגן די מטבעות.

— פּעטערל, — האָט מאַראַני געלאַסן געזאָגט, דו און איך זײַנען באַזונדערע ברואים. די גאַסן זײַנען סיגנאַליזירט מיט רויטע און גרינע ליכטער: גיין אָדער ניט. מיר האַנדלען לויט אונדזערע פאַרשיידענע ליכט.

אַ באַלויכטענער זייגער איבער די ביימער האָט געוויזן האַלב נאָך צען. זיי זײַנען אַרויס פון פּאַרק. אַפן ראָג האָט איינער, וואָס איז געקו־מען פון אַן אויטאָ, אָנגעכאַפּט מורעים האַנט.

— דזשערי — האָט יענער אָנגערופן, כ׳זוך דיך. ס׳קומט דיר מזל־טוב. ווײַל דער אַלטער האָט זיך צוריקגעצויגן, וויל מען דיך. קום מאָרגן פרי און קריג ממתקים, וויפל דו ווילסט, אַבי זאָלסט גיין צו דער חופּה מיט מים וואַנדערהווירסט.

— מוחל! — האָט מורעי אָפּגעהאַקט.

— משוגענער! — האָט יענער געשריִען, זי איז די איינציקע יורשטע.

— האָסטו נישט געזען איר נאָז?

— אמת, נישט קיין פויגלדיקע, — האָט דער פרעמדער מודה געווען.

— איז אַ גוטע נאַכט! מײַן פרײַנט וואַרט. גיב איבער אויך אין זײַן נאָמען: לאָ מיט אַ ספּאָדעק!

זיי זײַנען אַרײַן אין אַ לאַנגער ריי פון אַ בחנמדיקער קיך.

— זע, מיט וויפל לענגער די שורה איז הײַנט — האָט איינער פון זיי געזאָגט.

— יאָ, מירן דאַרפן היפּש וואַרטן — האָט צוגעגעבן דער צווייטער. הינטער זיי זײַנען אַלץ צוגעקומען אַזעלכע, וואָס לעבן לויט זייער ליכט.

שעמראָק דזשאָלנעס און מאַיקראָמאַשמע

איך בין אַ גרויסער מוצלח, האָבנדיק דעם גרויסן ניו־יאָרקער דע־טעקטיוו, שעמראָק דזשאָלנעס צווישן מײַנע נאָענטסטע פרײַנט. ער איז דער אינעווייניקסטער מענטש פון די שטאָט־אונטערזוכער, ווי אויך עקספּערט אין באַנוצן די שרײַב־מאַשין. עס איז זײַן חוב באַ הריגה־סודות אויפצודעקן, זיצן מיטן טעלעפאָן ־ טרײַבל אין האַנט, אין דער צענטראַלע און אויפנעמען „ידיעות" פון צעדרייטע, וואָס טעלעפאָנירן זייער „ווידוי" אין באַגאַנגענע רציחות. נאָר אין רו־טעג, ווען ווידוית קומען שיטער, און צײַטונגען מאַכן מיט דער בלאָטע די מינים „שולדיקע", — לויפט דזשאָלנעס אויס מיט מיר די שטאָט און ווײַזט, צו מײַן גרויסער הנאה, זײַנע מערקווירדיקע אויפטוען, זײַענדיק טיף מעין (מעאיען) באַם אויס־חשבונען געהיימע עסקים.

אַנומלטן בין איך אַרײַנגעפאַלן אין צענטער און געטראָפן דעם אויס־פּאָרשער פאַרזונקען אין דמיונות, קוקנדיק אַף אַ שפּאַגאַטל, שטײַף פאַר־בונדן אַרום זײַן מינדסטן פינגער.

— גוט מאָרגן, מאַיקראָמאַשמע — האָט ער געזאָגט, נישט אויסדריי־ענדיק דעם קאָפּ. כ'בין צופרידן, וואָס האָסט סוף־כל־סוף אײַנגעפירט באַ זיך עלעקטרישע באַלײַכטונג!

— זאָג מיר, כ'בעט דיך, — האָט איך געפרעגט איבערראַשט, פון וואַנען ווייסטו? איך האָב פאַר קיינעם נישט דערמאָנט, און די דראָטן־פאַרבינדונג איז נאָר וואָס געוואָרן פאַרענדיקט?

— ס'אַ פּשוטע זאַך, — האָט מײַן פרײַנט געענטפערט: באַ דײַן אַרײַנקומען האָב איך דערשמעקט דעם גערויך פון ציגאַר, וואָס האָסט גערויכערט — אַ יקר המציאות! אין ניו־יאָרק, ווייס איך, קענען אפשר דרײַ אײַנוווינער פאַרגינען זיך רויכערן אַזוינע ציגאַרן, ווען זיי דאַרפן צאָלן פאַר ברען־גאַז. איז עס ניט ווי אַ האָר פון דער מילך אויסרעכענונג?

איצט, זאָגט ער ווײַטער, קנייטש איך דעם שטערן אף מײַן אייגענער שאלה.

— אפשר וועגן פאַרבונדענעם פינגער? — האָב איך געפרעגט.

— געטראָפן! — איז געווען זײַן ענטפער. מײַן ווײַב האָט עס צוגע־בונדן הײַנט פרי, צו דערמאָנען מיר עפּעס אָפּצושיקן אַהיים. זיץ, מאַי־קאַמאַשמע און אַנטשולדיק אַ רגע.

דער באַרימטער סודות־אַנטפּלעקער איז צוגעגאַנגען צום וואַנט־טעלעפאָן און אַ צען מינוט געשטאַנען מיטן רערל אין האַנט.

— האָסט אויסגעהערט עפּעס אַ „ווידוי"? — האָב איך געפרעגט, ווען דזשאָלנעס האָט זיך צוריקגעזעצט אפן שטול.

— כמעט אזוי. — האָט ער געזאָגט לאַכנדיק. דו ווייסט, מאַיקאַ־מאַשמע? איך האָב אויפגעגעבן דעם סם. איך פלעג דאָך נוצן אַ סך מאָרפין. אָבער ס'האָט אויפגעהערט ווירקן. איך מוז האָבן עפּעס שטאַר־קערס. דער טעלעפאָן, וואָס כ'האָב נאָר וואָס געהאַלטן, איז פאַרבונדן מיט אַ צימער אין וואַלדאָרף האָטעל ווו אַ שרײַבערס נײַ ווערק ווערט פאָר־געלייענט... איצט וועגן בענדל, ס'איז אויך מיט דער האַנט אָנצוטאַפּן: עס מיינט דאָס קניפּל, מעל אין זיפּל.

— גרויסאַרטיק! — האָב איך אויסגערופן. וואָס נאָך וואָגיקס האָסטו אפן אויג?

— נאָר איין וויכטיקער פאַל איז איצט פאַראַן — דער אַלטער מנשה פון 104 אַלט, וועלכער איז געשטאָרבן פון עסן צופיל באַנאַנעס. נו, האָט די פּאָליציי באַלאַגערט דעם „קאַצניאָמער־גאַמברינוס־קלוב" אף דער צווייטער עוועניו. דער פאַנג פון רוצח איז זיכער, אין אַ פּאָר שעה אַרום, ווי באַ זיי אין די הענט.

מיר זײַנען בײדע אַרויס צו כאַפּן דעם טראַמווײַ באַם ראָג גאַס. אינ־מיטן וועג האָבן מיר באַגעגנט אַ באַקאַנטן, ער הייסט ריינגעלדער, וועל־כער האָט אָנגעהאַלטן אַן אַמט אין שטאָט־פאַרוואַלטונג.

— גוט מאָרגן! — האָט דזשאָלנעס געזאָגט, אָפּשטעלנדיק אים. אַ פײַנעם איבערבײַסן האָט איר פאַרדײַט הײַנטיקן פרימאָרגן. דערבײַ האָב איך באַמערקט, ווי ער קוקט צו יענעמס געלע פלעקן אף דער ברוסט און קין, בײדע זיכער פון איי־געלכל.

—האָך! איר מיט אײַערע „אַנטפּלעקונגען", — האָט יענער גע־

שטיקט זיך לאַכנדיק. איך וועט זיך אַף טרינקס און ציגאַרן פאַר יעדן פון אונדז, אויב איר טרעפט, וואָס איך האָב היינט געפרישטיקט.

— אָפּגעמאַכט! — האָט דער דעטעקטיוו אָפּגעהאַקט. איר האָט געהאַט באַם טיש דאַרע קישקע, פּאַמפּערניקל ברויט און קאַווע.

ריינגאָלד האָט צוגעגעבן און געצאָלט דעם געוועט. איך האָב דערנאָך אָפּגעפרעגט מיין פריינט, פאַרוואָס ער האָט נישט געזאָגט „אייער", לויט די געלע סימנים?

— פונדאַנען טאַקע האָב איך אָנגעהויבן מיין חשבון — האָט ער געענטפערט. ריינגעלדער איז זייער אַן איינגעהאַלטענער אַף דער מטבע. זיינען נעכטן אייער געפאַלן אין פרייז, האָט געפרישטיקט ביצים. היינט איז זייער מקח צוריק געשטיגן איז ריינגעלדער אריבער צו זיינע כסדר־דיקע מאכלים. ס'איז אַן אַריפמעטיק אויסצוחשבונען אַזאַ קליינקייט, מאַיקאָמאַשמע!

אין טראַמוויי זיינען מיר ביידע געשטאַנען אַף דער פּלאַטפאָרמע. אַלע פּלעצער זיינען געווען באַזעצט, און דער עיקר — פון פרויען. אינמיטן איז געזעסן אַן עלטערער מאַן מיט אַ גרוי בערדל, געקליידט ווי אַ טיפּישער ניו־יאָרקער. ער האָט נישט אָפּגעטראָטן זיין פּלאַץ צו דאַמען, וועלכע זיינען שפּעטער אַריינגעקומען, שטעלנדיק זיך לעבן אים אין אומזיסטער דערוואַרטונג אַף זיין דזשענטלמעניש אָפּטרעטן זיין פּלאַץ.

— מיר, ניו־יאָרקער האָבן פאַרלאָרן אונדזערע עפּנטלעכע פיינע מידות — האָב איך געזאָגט.

— אפשר, — האָט אָפּגעענטפערט מיין פריינט, דער אונטערזוכער. אָבער דער מאַן, אין וועמען דו צילסט מיסתמא, איז גאָר אַ דרומדיקער, בעל־הביתשער איינוווינער פון ווירדזשיניע. ער איז געקומען קיין ניו־יאָרק מיט זיין ווייב און צוויי טעכטער צו פאַרברענגען, און היינט פאָרן זיי אַהיים.

— קענסטו זיי, הייסט עס? — האָב איך געוואָלט וויסן.

— איך זע אים דאָ, אין טראַמוויי דאָס ערשטע מאָל — האָט דזשאָלנעס געענטפערט מיט אַ שמייכל.

— שדים וויסן דיך! — האָב איך אויסגעשריען. אויב בלויז פון דעם מאַנס אויסזען מאַכסטו דעם אויספיר, ביסטו אַ מכשף!

— פון בלויז חשבון, ניט מער, — האָט ער דערקלערט. אויב ער

וועט אַראָפּ פריִער פון אונדז, וועל איך דיך איבערצייַגן.

מיט אַ דרייַ גאַסן ווייַטער האָט דער פרעמדער אויפגעהויבן זיך צו פאַרלאָזן. דזשאָלסאָן האָט אים פאַרהאַלטן.

— אַנטשולדיקט, הער, זייַט איר נישט קאָלאָנעל האָנטער, פון נאָר־פאָלק, ווירדזשיניע? — האָט ער געפרעגט.

— ניין, מייַן האַר, — האָט יענער געזאָגט. איך הייס עליסאָן, מאַיאָר ר. עליסאָן פון פעיר־פאַקס געגנט פון זעלבן שטאַט. צום באַדויערן קען איך ניט אייַער באַקאַנטן. נאָר, אַזוי ווי איך פאָר הייַנט אַהיים מיט מייַן פרוי און דרייַ טעכטער, זאָג איך אייַך צו נאָכצוזוכן אייַער פרייַנט און אים איבערגעבן, אַז איר האָט געפרעגט אַף אים, אויב איר וועט מיר זאָגן, ווי איר הייסט.

— אַ שיינעם דאַנק! זאָגט אים, כ׳בעט אייַך, אַז ריינאָלד האָט אים געגריסט.

אַף דזשאָלנעס פּנים האָט געשוועבט אַ שאָטן, וואָס האָט זיך באַוויזן אַף אים בײַ יעדער קלענסטער אומפּינקטלעכקייט.

— האָט איר געזאָגט, הער, אייַערע „דריי" טעכטער? — האָט ער געפרעגט דעם ווירדזשינער.

— יאָ, מייַן פרייַנט, דרייַ און די גרעסטע אין סביבה, — האָט יענער געענטפערט און גענומען אַראָפּגיין פון טראַמווייַ. דזשאָלנעס האָט אים אָנגענומען פאַרן אָרעם; איין רגע, — האָט ער געבעטן. מאַך איך נישט קיין טעות, אַז איינע פון אייַערע טעכטער איז אַן אַדאָפּטירטע?

— געדעכט — האָט יענער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. נאָר ווי אַזוי, רבונו של־עולם, ווייסט איר דאָס? ס׳איז מער ווי איך קען באַנעמען.

— דאָס זעלבע פון מיר צו הערן — האָב איך צוגעגעבן. איך קען עס אויך נישט באַגרייַפן.

אין קאַפע האָט מייַן פרייַנט גענומען מיר דערקלערן, ווי אַרום ער האָט אַזוי פּינקטלעך געטראָפן.

— קודם האָב איך דערקענט — האָט דזשאָלנעס אויסגעטייַטשט, אַז דער מאַן איז ניט קיין ניו־יאָרקער, לויט זייַן אומרו און רויטלען זיך פון זיצן אין אָנוועזנהייט פון זייַנע שטייענדיקע שכנות. דערנאָך האָב איך אָנגעהויבן אויסרעכענען דעם טעם (טאַם), פאַרוואָס ער האָט ניט איבערגעגעבן קיין דאַמע זייַן פּלאַץ, כאָטש ער האָט שטאַרק, נאָר נישט

גאַר מעכטיק, געפילט, אַז ער דאַרף עס יאָ טאָן. פיקס און פאַרטיק האָב איך באַשלאָסן: כ׳האָב דערזען, אַז אין איין ווינקל פון אַן אויג האָט ער אַ קרעצל, רויט, אָנגעצונדן און איבערן גאַנצן פּנים זעט מען פליאַמען די מאָס פון אַ נישט פאַרשניצטן בלײַפעדער. דערצו זײַנען אויף זײַנע בײדע געלע לעדערנע שיך געווען טיפּע אָפּדרוקן פון האַלבע אַוואַלן מיט שאַרף אָפּגעהאַקטע שפּיצן אין איין זײַט. איצטער — ס׳איז דאָ נאָר איין ווינקל אין ניו־יאָרק, וווּ אַ מענטש קען ווערן צעקרעלט, צעוווּנדעט און קריגן מאַזאָליעס — אויף די טראָטואַרן פון 23טער גאַס און 6טע עווענוי, דרום צו. דאָס קומט פון די דאַמען־שירעמס און זייערע פּראָנצעוויזישע שיכלעך. ווערליק אַפן אויסזען אַן אינטעליגענטער מענטש, וואָלט ער זיכער נישט געשטופּט זיך אין דער פרויען־געגנט, ווען זײַנע אייגענע וואָלטן אים נישט געשלעפּט אַהין, דעריבער איז ער אין טראַמוויי געווען אַזוי בייז, אַז ער האָט בשום אופן נישט געוואָלט אָפּגעבן זײַן פּלאַץ צום שיינעם מין, להכעיס זײַנע איידעלע דרומדיקע מאַניערן.

— הרי טוב! — האָב איך צוגעשטימט צו דער זאַכלעכער, אויגנ־שײַנלעכער דערקלערונג. אָבער פון וואַנען האָסטו גענומען אַז צוויי טעכ־טער, און ניט, אַז די ווײַב אַליין האָט אים געצווונגען גיין אַהין האַנד־לען מציאות, איז מיר נישט קלאָר געווען?

— עס האָבן געמוזט זײַן טעכטער, — האָט דער פאַרשער געזאָגט רויק. ווען נאָר אַ פּלוניתטע און פון זעלבן עלטער, וואָלט ער איר פאַר־רעדט די ציין, זי זאָל גיין אַליין; אויב אַ יונגע ווײַב, וואָלט זי אים פאַרדרייט, זי זאָל גיין אָן אים. ס׳איז דאָך פּשוט!

— איך גיב צו דעם גראַדן שכל — האָב איך מסכים געווען. אָבער, פאַרוואָס האָסטו אויסגערעכנט אויף בלויז צוויי טעכטער? דערצו, ווען ער האָט דערמאָנט דרײַ, האָסטו געטראָפן, אַז איינע איז אַ צוגעאייגנטע?

— ראשית — האָט דער פאַרשער אויסגעזעצט, זאָג ניט: „געטראָ־פן“, ס׳איז נישטאָ אַזאַ נוסח אין דער ווירנשאַפט פון ראַציאָנאַליזם. והשנית, אין דעם מאַיאָרס לאַץ האָבן געשטעקט אַ רויט בלימל און אַ ראָזעווע, אונטערגעבעט מיט אַ געראַניום־בלימל. קיין חוה (כּאַווע) וועט נישט פאָרן אַזוינע קאָלירן אין אַ לאַץ־לעכל. פאַרמאַך אַן אויג, מאַיקאָ־מאַשמע־פרײַנט און לאָז דײַן שכל הישר דיר אונטערזאָגן: די חנוודיקע האָדל האָט אײַנגעשטעקט דעם טאַטן אַ רויטע, קאַרנאַציע־בלום, ער זאָל

אויסקוקן לעבעדיקער צווישן מענטשן; האָט די שפּרינגערקע יהודית פון קנאה אונטערגעטענצלט און צוגעשטוקעוועט דאָס ראָזעווע צאַצקעלע.

— און דערנאָך — האָב איך אונטערגעכאַפּט פון התלהבות, ווען ער האָט דערקלערט, אַז דרײַ טעכטער . . .

— זעסטו ניט באַשײַנפּערלעך די דריטע טאָכטער, — האָט ער געזאָגט, וועלכע האָט גאָרניט אָנגעשפּיליעט, איז שוין פאַרשטענדלעך אַז זי מוז זײַן . . .

אַן אַדאָפּטירטע! — האָב איך אויסגעכאַפּט. מסכים. ווי אַזוי אָבער האָסטו געטר... כ'מיין אויסגעחשבונט, אַז ער פאָרט הײַנט אהיים?, — האָב איך געפרעגט.

— פון זײַן ברוסט־קעשענע האָט אַרויסגעשפּאַרט עפּעס בײַכיקס און אָוואַלנע, — האָט דזשאָלנעס דערקלערט. גוטע משקה קריגט מען זעלטן אין צוג, און פון ניו־יאָרק קיין פעירפאַקס, איז אַ ווײַלער מהלך...

— כ'בייג מײַן קאָפּ, — האָב איך צוגעבאָמקעט. זאָג־זשע מיר נאָך, כדי יעדער ספק זאָל ווערן בטל בששים, ווי אַזוי האָסטו באַשלאָסן, אַז ער איז פון ווירדזשיניע?

— דאָס איז געווען אַביסל נעפּלדיק. נאָר מיט אַ שאַרפן חוש־הריח, האָט מען נישט געקענט ניט פילן דעם גערויד פון מיאַטע אין טראַמוויי.

וואַסער ווענ?

I

צוואַנציק מײַל פון טוסקאָן האָט דער עקספּרעס זיך אָפּגעשטעלט באַם טאַנק אָנצונעמען וואַסער. חוץ דעם טרונק האָט אָבער די באַן צו־געקראָגן נאָך עפּעס.

בשעת דער אינזשעניער האָט אַראָפּגעבויגן די גראָבע, שוואַרצע וואַ־סער־רער, האָבן דרײַ חברה־לײַט: „שאַרק" דאָבסאָן, באָב טידבאָל און דער „גרויסער הונט" אַרויפגעקלעטערט אױף די טרעפּלעך פון לאָקאָמאָטיװ און געוויזן דרײַ רונדע פּיסקעס פון פּיסטוילן אין זייערע הענט. די אָפּענע „מײַלער" האָבן אַזוי גערעדט, אַז דער באַדראָטער צופירער האָט תיכף אויפגעהויבן זײַנע הענט, ווי איינער רעדט: „ווער טשעפּעט אײַך?"

אױפן יאָדערדיקן באַפעל פון שאַרק דאָבסאָן, דעם הויפּט, איז דער מאַשיניסט אַראָפּגעקראָכן און אָפּגעטשעפּעט די מאַשין. „גרויס־הונט" איז אַרויפגעשטיגן אױף די גלאַנציקע, שוואַרצע קוילן, האַלטנדיק צוויי פּיסטוילן צום הייצער און מאַשיניסט און געהייסן אָפּפאָרן פופציק יאַרד און וואַרטן אױף ווײַטערע באַפעלן.

„שאַרק" און באָב האָבן נישט געוואָלט „פּאַטשקען" זיך מיט די פּאַסאַזשירן. זיי זײַנען גלײַך אַוועק צו דער שטאָלענער קאַסע. דער שומר איז געווען זיכער, אַז מ'נעמט בלויז אַן וואַסער און גאָרניט מער. מיטן הענטל פון רעוואָלווער האָט באָב אַרויסגעשלאָגן אים דעם געדאַנק פון קאָפּ. שאַרק האָט מיט דינאַמיט „געשפּײַזט" די האַרטע קאַסע, וועלכע האָט גיך אויפגעגעבן צום קלאַנג פון דרײַסיק טויזנט דאָלער. א העלפט אין גאָלד, די אַנדערע אין פּאַפּיר. די רײַזנדע האָבן אַרויסגעשטעקט די קעפּ דורך די פענצטער, אָנצוקוקן די דונער־כמאַרעס. דער קאָנדוקטאָר האָט אַ צי־געטאָן דעם נאָכגעבנדיקן סיגנאַל־שטריק. די צוויי רויבער זײַ־

נען מיט זייער געפינס אין אַ לײַוונטענעם זאַק, אין שטיוול מיט הויכע אָפּצאַסן געלאָפן צום לאָקאָמאָטיוו.

דער אינזשעניער שרעקלעך בייז, נאָר נישט קיין טיפּש, האָט אויסגעפילט דעם באַפעל צו פאָרן אָנעם צוג. דערווײַל איז דער וועכטער געקומען צו זיך פון פאַרטויבנדיקן זעץ אין קאָפּ און אַרײַן אין אַ געפעכט. דער „הונט" אַפן קאַסטן קוילן איז געווען אַ גוטע ציל־ברעט. ער איז געשאָסן געוואָרן פונקט צווישן די לאָפּעטקעס. ער האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט אַף דער ערד און געהעכערט דעם געווינס פון זײַנע פרײַנט מיט אַ זעקסטל פאַר יעדן.

II

צוויי מײַל פון וואַסער־פּאָמפּע האָט דער אינזשעניער לויטן פאַרלאַנג זיך אָפּגעשטעלט. דאָס פאָרל האָט מיט אַן איידעלן „אַדיע" פאַרלאָזט דעם לאָקאָמאָטיוו און פאַרנומען זיך אין געדיכטן וואַלד אַרײַן, וואָס איז געלאָפן פּאַראַלעל די שינעס. אין צען מינוט אַרום זײַנען זיי געקומען צו אַ לאָנקע, ווו ס'זײַנען געשטאַנען דרײַ רײַט־פערד, פון וועלכע איינס האָט געוואַרט אַפן „גרויסן הונט". אָפּגעבונדן דעם זאָטל און צוים און אָפּגעלאָזט דאָס פערד, האָבן זיי זיך געזעצט אַף די אַנדערע צוויי סוסים און מיטן זאַק־רויב איבערגעבונדן אַפן שפּיץ פון אַ זאָטל, האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט מיט אַ וואַלד־סטעזשקע. נאָר איבער אַ וואָרצל האָט באָב טידבאָלס שקאַפּע זיך אויסגעגליטשט און צעבראָכן אַ פוס. זיי האָבן איר גלײַך געגעבן אַ קויל אין קאָפּ און זיך געזעצט באַטראַכטן, וואָס ווײַטער?

שאַרק דאָבסאָנס פערד, האָט סאָפּנדיק געשמאַק געבראָמטשעט דאָס גראָז באַם שטראָם, אין טאָל. טידבאָל האָט געעפנט דעם זאַק, אַרויסגעצויגן פולע זשמעניעס גלאַטיק פאַרוויקלטע פּעקלעך פּאַפּיר־געלט און אַ זעקל גאָלדענע מטבעות און געביכיקעט מיט אַ קינדערישן געלעכטער.

— הער נאָר, אַלטער תרח (טערעך), ווי האָסטו עס אַזוי גוט צוגעטראַכט, אַז מיר זאָלן דאָס קענען מאַכן? שאַרק, דו האָסט אַ מיניסטערשן קאָפּ! קענסט פאַרשטעקן אין גאַרטל יעדן פינאַנסיר.

— וואָס קענען מיר אָבער טאָן מכוח אַ רײַט־פערד פאַר דיר? —

האָט דאַבסאָן געדראַגהט. מיר טאָרן דאָ לאַנג נישט זיצן. זיי וועלן אונדז דערשמעקן ביז קאַיאָר.

— דײַן לאַשעק וועט דערווײַל קענען אונדז ביידן טראָגן, — האָט באַרויִקט דער אויפגעלייגטער באַב. מיר וועלן אָפּשטעקן דאָס ערשטע פערד, וואָס מירן טרעפן. בנאמנות, יונגאַטש, אַן אוצר האָבן מיר גע־פּאַקט! ניין? לויט די סימנים אפן זאַק האָבן מיר דאָ דרײַסיק טויזנטער. פופצן טויזנט אַ שטיק!

— כ׳האָב זיך גערעכט אַף מער, — האָט שאַרקי זיך געקנייטשט, בריקנדיק מיטן שטיוול אין זאַק, באַטאַפּנדיק דעם פערדס פּײַכטן רוקן, האָט ער געוואָרטשעט:

— דער אַלטער פערד איז אויסגעמאַטערט, הלוואי וואָלסטו געהאַט דײַן פּערדאַטש.

— כ׳זאָג עס אויך, — האָט באַב צוגעגעבן מיט האַרץ — אָבער גיי, מאַך! דײַנער איז נאָך ביכולת אויסהאַלטן אונדז צווייען. ביז מירן קומען איבער פרישע סוסים. כ׳לעבן, שאַרקי, כ׳טראַכט, דו, אַ מזרחדיקער ביסט געקומען און אונדז מערבדיקע געוויזן קאָרטן און אויסגעלערנט שפּילן דעם מסוכנעם קאָן. פון וואַנען פינקטלעך שטאַמסטו?

— פון שטאַט ניו־יאָרק — האָט דאַבסאָן געענטפערט, זעצנדיק זיך אַף אַ שטאָם און קײַענדיק אַ גרעזל. געבאָרן אַף אַ פאַרם, בין איך אַנט־לאָפן פון דער היים צו זיבעצן יאָר און זיך געלאָזט קיין ניו־יאָרק גופא, פּילנדיק, אַז כ׳קען מאַכן געלט. אין אָוונט בין איך צוגעקומען צו אַ שייד־וועג און ניט געוווּסט — נעמען זיך רעכטס, צי לינקס? לסוף בין איך אַוועק רעכטס און אַנגעטראָפן אַ טרופּע אַקטיאָרן, וואָס האָבן געשפּילט אין די שטעטלעך „די ווילדע וועסט". מיט זיי בין איך געקומען אַהער. כ׳טראַכט אָפט, צי וואָלט זיך מיר ניט אַנדערש אויסגעדרייט, ווען כ׳פאַר־קער דעמאָלט מײַן וועג לינקס?

— מ׳נע, כ׳דענק, ס׳איז אַלציינס, — האָט פילאָזאָפירט טידבאָל. ס׳איז נישט — וואָסער וועג כ׳נעם, נאָר וואָס פירט מיך אַהין?

שאַרקי דאַבסאָן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ בוים און דערקלערט היים:

— ס׳איז מיר זייער נישט צום האַרצן, באָב, וואָס דײַן שקאַפּע פעלט.

— מיר אויך — האָט נאָכגעזאָגט דער אַנדערער. אָבער דײַנע וועט

קענען אונדז דינעןביידן דערוויַיל. לאָמיר בעסער פאָרן און ער האָט צו־ריק פאַרבונדן דעם זאַק. אויפשטעלנדיק זיך, האָט ער דערזען „שאַרקין" מיטן רעוואָלווער אין האַנט, אָנ'ם בייַטל.

— הער אויף מאַכן משוגענע שטיק — האָט ער געזאָגט פאַרקרי־מענדיק זיך. מיר דאַרפן לאָזן זיך אין וועג.

— שווייַג, דו דאַרפסט ניט איַילן זיך אין קיין וועג, — האָט שאַרקי געהאַמערט. ס'טוט מיר לייד, אָבער בלויז איינער פון אונדז קען האָבן די געלעגנהייַט. מייַן פערד, באַליוואַר איז אויסגעמאַטערט און ס'קענען נישט רייַטן אַף אים קיין צוויי!

— האָרך, שאַרקי דאָבסאָן — האָט באָב געמורמלט, מיר זייַנען גע־ווען שותפים גאַנצע דרייַ יאָר. אינאיינעם האָבן מיר איַינגעשטעלט אונד־זערע לעבנס. איך האָב תמיד באַהאַנדלט דיך יושרדיק, ווי אַ גוטן ברודער. מ'האָט מיר דערציילט, אַז דו האָסט דערשאָסן דעם, יענעם אומזיסט־אומנישט. איך האָב נישט געגלויבט. אויך איצט שפּאַסטו בלויז, לייג זשע אַוועק דעם שפּייַער און לאָמיר זיך זעצן אַף באַליוואַרן. נאָר אויב דו ווילסט רק שיסן — שיס, אכברוש, אומפאַרשעמטער!

שאַרקי דאָבסאָנס פּרצוף האָט אויסגעדריקט צער (צאַאַר).

— דו ווייסט נישט, ווי ס'טוט מיר באַנג, וואָס דייַן שקאַפּע האָט צעבראָכן דעם פוס, — האָט ער געזיפצט. די מינע זייַנע האָט זיך אָבער שנעל געביטן אַף גיריקייט און אכזריות. זייַן נשמה האָט אַרויסגעקוקט, ווי דער פּרצוף פון אַן אויסגעלאָסענער אין פענצטער פון אַ שאַנד־הויז.

— אמת, באָב טידבאָל האָט שוין מער קיינמאָל נישט געיאָגט זיך אין קיין וועג. די ביקס פון פאַלשן פרייַנט האָט אַ קנאַל געטאָן און אָנגע־פילט דעם טאָל מיט אַ יאָמער, וועלכער האָט אָפּגעקלונגען מיט אַ ווידער־קול פון חרפּה און בזיון. דער לעצטער אָנווועזנדער באַם פאַרברעכן, דאָס פערד באַליוואַר, האָט שנעל אַוועקגעריטן מיטן רוצח, ניט זייַענדיק גע־צוווּנגען צו טראָגן אַף זיך צווייען.

III

ווי נאָר דאָבסאָן האָט אַוועקגאַלאָפּירט, איז דער וואַלד פאַרשוווּנדן. דער פּיסטויל אין זייַן רעכטער האַנט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין אַן אויס־געבויגענעם אָרעם פון אַ מאַהאָגאָני שטול. דער זאָטל אויסדראַפּירט. ער

האָט געעפנט זײַנע אויגן און דערזען זײַנע פיס אנשטאָט אין זאָטל־טרעטערס, רוענדיק אַפן ברעג פון אַ פּירעקיקן ברוינעם אָפיס־טיש.

דער קאָפּ פון דער פירמע: „דאָבסאָן עט קאָמפּ״. האָט דערזען זײַן פּריוואַטן סעקרעטאַר, פּיבאָדי, שטיין בײַ זײַן שטול, טראַכטנדיק, צי ער זאָל רעדן. פון אונטן האָט זיך געטראָגן אַ גערויש. אין צימער האָט זיך געהערט דאָס זשומען פון עלעקטרישן פאָרער.

— האַ? פּיבאָדי! — האָט דאָבסאָן געשטוינט, ארומקוקנדיק זיך. כ'בין אַפּנים אײַנגעשלאָפן. סאַראַ מערקווירדיקער חלום! וואָסי, פּיבאָדי?

— סער, — האָט אָנגעהויבן דער אָנגעשטעלטער; מ״ר וויליאַמס פון „טרעיסי און וויליאַמס״ שטייט אין וואַרט־זאַל. ער איז געקומען פאַר־ענדיקן זײַן קניה פון „עקס, וואַי,זעט״. עס פעלן אים אַקציעס.

— יעס, — האָט דער באַס זיך פאַראינטערעסירט. וויפל איז דער מקח הײַנט?

— איינס פינף און אַכציק, — איז געקומען דער ענטפער.

— נו, איז דאָס זײַן פּרײַז!

— אנטשולדיקט, סער, — האָט פּיבאָדי געשטאַמלט, איך האָב גע־רעדט מיט מ״ר וויליאַמסן. ער זאָגט, ער איז אײַערער אַן אַלטער פרײַנט, מ״ר דאָבסאָן, און ווי איר געדענקט, האָט ער אײַך פאַרקויפט די אַקציע צו 0.98. אויב ער וועט מוזן צאָלן לויטן קורס, וועט ער גיין צו גרונט, פאַרלירן אַפילו זײַן הויז.

דאָבסאָנס מינע האָט זיך געביטן אויף גיריקייט און אַכזריות. זײַן נשמה האָט ארויסגעקוקט ווי דער פּרצוף פון אַן אויסגעלאָסענער אין פענצטער פון אַ שאַנד־הויז.

— ער מוז צאָלן די פולע פרײַז לויטן מאַרק! — האָט דאָבסאָן גע־האַמערט, באַליוואַר קען ניטש טראָגן קיין צווייען!

מאַמאַן און דער קופּיד

דער אַלטער אַנטאָני ראַקוועל, אַ צוריקגעצויגענער איינגעטימער פֿון יעאוריקאַ זייף־פֿאַבריק, האָט אַרויסגעקוקט פֿון זײַן פּינפּט־עוועניו־שלאָס און געשמייכלט. זײַן שכן פֿון רעכטס, אַן אַריסטאָקראַטישער קלוב־מיט־גליד איז אַרויסגעקומען צו זײַן וואַרטנדיקער מאָטאָר־קאַר און, ווי שטענדיק, אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז אויף דער איטאַליענישער רע־נעסאַנס־סקולפּטור באַם זייף־מאַגנאַטס אַרײַנגאַנג.

— וועסט נאָך פּלאַצן — האָט שטיל געזאָגט צו זיך ראַקוועל אויף זײַן פּאַרריסענעם שכן — איבעראַיאָר וועל איך מײַן הויז אָפּפאַרבן אין רויט, ווײַס און בלוי און מעגסט נאָך העכער דרייען מיט דיין גדלותדי־קער מאָרדע.

נישט האַלטנדיק פֿון גלעקלעך, איז ראַקוועל צו צום טיר און אַ גע־שריי געטאָן: מאַיק, ווי אַמאָל אויף די פּרעירים, ווו ער פֿלעגט מיט זײַנע געשרייען דעם הימל שפּאַלטן.

— זאָג מײַן זון — האָט אַנטאָני געהייסן דעם דערשינענעם דינער, ער זאָל פֿאַרן אַוועקגיין אַרײַנקומען צו מיר.

ווען דער יונגער ראַקוועל האָט זיך באַוויזן, האָט דער פֿאָטער אַוועק־געלייגט זײַן צײַטונג, האָט געקוקט אויפֿן זון מיט אַ ברייטן שמייכל אויף זײַן ווייכן גראָבלעכן פּנים, מיט איין האַנט געגלעט זיך די זשמעניע האָר אויפֿן קאָפּ און מיט דער אַנדערער געשפּילט מיט די שליסלעך אין קעשענע.

— ריטשאַרד — האָט דער פֿאָטער געפֿרעגט — וויפֿל צאָלסטו פֿאַר דער זייף, וואָס דו נוצסט?

דער זון, ערשט אַ קורצע צײַט פֿון אוניווערזיטעט איז געווען טייל־ווײַז איבעראַשט און געענטפֿערט:

— זעקס דאָלער אַ טוץ, דאַכט מיר, טאַטע.

— און פֿאַר דײַנע מלבושים?

— כ'גלייב, ארום זעכציק טאָלער אין דורכשניט.

— ביסט א דזשענטלמאַן — האָט דער אַלטער באַשלאָסן. איך האָב געהערט פון יונגע לײַט, וואָס צאָלן 24 דאָלער פאַר א טוץ זייפלעך און אַריבער א הונדערטער א פאָר קליידער. דו קענסט דיר גיכער פאַרגינען ווי זיי און פונדעסטוועגן ביסטו שפּאָרעוודיק. איך אַליין נוץ יעאוריקע זייף, נישט פאַר איר ריח, נאָר ווײַל זי איז ריינער. יעדע זייף וואָס דו צאָלסט פאַר איר מער פון צען סענט, גיסטו פאַר שלעכטע פאַרפומען און דעם קוויטל. אָבער פופציק סענט א שטיק איז גאַנץ אָנשטענדיק פאַר א יונגנמאַן און דײַן מעמד. זע איך טאַקע, אַז דו ביסט א ווילער בחור. זיי זאָגן, ס'נעמט דרײַ דורות צו ווערן א דזשענטלמאַן, און איך זאָג: באַב־קעס! געלט קען עס מאַכן אַזוי גלאַטיק, ווי א גליטשיק שטיקל זייף. א סימן טאַקע, דו, בנאמנות, איך בין שוין אויך באַלד א געמאַכטער מיט מײַנע שלעכטע מאַניערן און אומגעשליפן אין פאַרגלײַך מיט מײַנע שכנים פון ביידע זײַטן, וועלכע קענען קיין נעכט ניט שלאָפן, פאַרוואָס איך האָב זיך באַזעצט צווישן זיי.

ס'זײַנען דאָך פאַראַן זאַכן, וואָס געלט קען נישט דערווערבן, — האָט אָפּגעשלאָגן דער יונגער ראַקוועל אומעטיק.

— איך וועל זיך מיט געלט אַף געלט סײַ ווערן. איך האָב איבערגע־בלעטערט די ענציקלאָפּעדיע פון א ביז ת און נישט געפונען דאָרט קיין זאַך, וואָס געלט זאָל עס נישט קענען קריגן. ווײַז מיר, וואָס קען מען ניט קויפן פאַר ממתקים.

— איין זאַך געוויס, — האָט ריטשאַרד געענטפערט, מ'קען נישט אײַנקויפן זיך אין יחוס פון די הויכע פענצטער.

— אָהאָ! טאַקע נישט? — האָט געדונערט דער אַלטער. זאָג מיר, ווו וואָלטן די מאַכערס געווען, ווען דער ערשטער אסטאָר זאָל ניט געווען אָנפּאַקן זײַן בײַטל?

ריטשאַרד האָט געזיפצט.

— און, דאָס איז טאַקע, צו וואָס איך וויל קומען — האָט דער פאָ־טער געזאָגט שוין נישט אַזוי שטײַף. צוליב דעם האָב איך דיך גערופן. עפּעס איז נישט גלאַט מיט דיר, זון. איך האָב עס באַמערקט שוין זינט א פאָר וואָכן. קום אַרויס מיט לשון. כ'גלייב, איך קען לייגן מײַן האַנט

אַף עלף מיליאָן אין 24 שעה, חוץ הײַזער. אויב ס'גייט דיר אין לעבן, איז אָט שטייט דער „ראַמבלער” באַם ברעג, גרייט מיט קוילן, קען אַרויס־שווימען און גרייכן די באַהאַמאַס אין איינע צוויי טעג...

— האָסט כמעט געטראָפן, טאַטע, ביסט גאָרנישט פון וועג.

— ווי הייסט זי, זאָג מיר.

ריטשאַרד האָט געשפּאַנט הין און צוריק און געטראַכט, אַז דער אַל־טער איז ניט קיין שלעכטער חבר און אַ גענוג מיטפילנדיקער, צו גע־טרויען אים אַ סוד.

— פאַרוואָס פרעגסטו איר נישט? — האָט געמאָנט דער פאָטער. זי וועט לויפן צו דיר. האָסט געלט, אַן אויסזען און ביסט אַ לײַט. דײַנע הענט זײַנען ריין, ניט אײַנגעטונקען אין יעאוריקע זייף ווי איך. ביסט דורכגעגאַנגען קאָלעדזש, אויך כאָטש דערפון מאַכט זי ניט קיין צימעס.

— איך האָב נישט געהאַט קיין געלעגנהייט, — האָט ריטשאַרד געזאָגט.

— מאַכט מען אַזוי — האָט אונטערגעכאַפּט אַנטאָני — נעם איר אַף אַ שפּאַציר אין פּאַרק, אַף אַן אַרויספאָר צי וואָס. כ'מע! — אַ גע־לעגנהײַט!?...

— דו קענסט נישט די קהל־מיל, פאָטער. דאָס וואַסער דרייט זי. יעדע שעה און רגע איז באַ איר באַשטימט אין פאָרויס. אָבער איך מוז קריגן די מיידל, טאַטע, די שטאָט זאָל זיך איבערקערן. און שרײַבן צו איר קען איך אויך נישט!

— אַ צניף — דאָס ביסטו! — האָט דער אַלטער אַרויסגערעדט. ווילסט מיר אײַנרעדן, אַז מיט דײַן גאַנצן געלט קענסטו נישט אויסאַר־בעטן אַ שעה, צוויי פון דעם מיידלס צײַט פאַר דיר?

איך האָב צו לאַנג געוואַרט. זי פאָרט אָפּ קיין אייראָפּע איבערמאָרגן און וועט זיך זאַמען דאָרט צוויי יאָר. איך וועל איר זען אַליין מאָרגן אָוונט אַף געציילטע מינוטן, באַגעגענענדיק זי מיט אַ טעקסי באַם גרענד סענטראַל־וואָקזאַל צו דעם 8.30־דיקן באַן, ווען זי וועט קומען פון איר מומען, ווהין איך טאָר נישט פאָרן זי זען. וועלן מיר אַראָפּפאָרן שנעל מיט בראָדוויי אין טעאַטער אַף דער 34טער. אין לייבי וועט איר מוטער אין לאָזשע—פרײַנט וואַרטן אַף איר. מיינסטו, אַז זי וועט קענען אויסהערן אַ ליבע־דערקלערונג אין די קורצע זעקס־אַכט מינוט אונטער די אומ־

שטענדן? באמת ניין. און טאטעניו, דאָס איז אַ פּלאָנטער, וואָס קיין מאַט־מען קען נישט אויפבינדן, מ'קען נישט קויפן צײַט פאַר מזומן. ווען דאָס וואָלט יאָ געווען אַזוי, וואָלטן דאָך גבירים געלעבט אייביק. נישטאָ קיין האָפענונג צו כאַפּן אַ שמועס מיט מים ליינטרי, איידער זי פּאָרט אָפּ.

—אָל רײַט, ריטשאַרד, מײַן זון, — האָט געזאָגט דער אַלטער אַנ־טאָני אויפגעהײַטערט. איך בין צופרידן, וואָס דו קענסט זײַן שטאַרק. זאָגסט, גאָלד קען נישט קויפן קיין צײַט? מהיכא תיתי, מ'קען עס אוודאי נישט פאַרפּאַקן און איבערשיקן פאַר אַזויפיל און אַזויפיל, אָבער, כ'האָב שוין געזען זיידע־צײַט קריגן שטיינער־וווּנדן אױף די פּאָדעשוועס, שפּאַצי־רנדיק דורך די גאָלד־מינעס...

יענעם אָוונט איז געקומען מומע עלען, אַן איידעלע, געפּילפּולע, געקנייטשטע, קרעכצנדיק פון צופיל פאַרמעגן, און אָנגעהויבן אַ וכוח וועגן צרות פון ליבע.

— ער האָט מיר אַלץ דערציילט — האָט געזאָגט ברודער אַנטאָני גענעצנדיק — איך האָב אים דערקלערט, אַז מײַן באַנק־רעזערוו איז צו זײַן דינסט. נאָר ער האָט גענומען אַרונטעררײַסן עשירות: רײַכקייט קען נישט העלפן; אַז די געזעלשאַפטלעכע עטיק קען נישט ווערן גערירט אױף אַ האָר אפילו דורך מיליאָנערן.

— אָ, אַנטאָני, טראַכט ווינציקער וועגן גאָט מאַמאָן. זילבער איז גאָרנישט, באַ אמתע געפילן. ליבע איז אַלמעכטיק. ער זאָל נאָר געווען פריִער אַרויס מיט לשון, זי וואָלט נישט צוריקגעוויזן אונדזער ריטשאַרדן. אַצינד, האָב איך מורא, איז צו שפּעט. אַז ער האָט גאָרנישט די צײַט, ווען צו פאַרפירן אַ שמועס מיט איר. דײַן גאַנץ גאָלד און זילבער קען נישט ברענגען קיין גליק דײַן קינד.

אױף מאָרגן אַרום אַכט אָוונט האָט די מומע אַרויסגענומען אַ גאָלדן פינגערל פון צעמוילטן קעסטעלע און געגעבן ריטשאַרדן.

— טראָג דאָס הײַנט, פּלימעניק, — האָט זי געבעטן. דײַן מוטער האָט מיר עס געגעבן. מזל־ברכה און ליבע האָט עס איר געבראַכט, איר בקשה איז געווען, דיר דאָס איבערגעבן, ווען דו וועסט געפינען דײַן האַרצנס באַגערטע.

דער יונגער ראַקוועל האָט גענומען מיט דרך־ארץ דאָס פינגערל און געפּרוּווט עס אױף זײַן מינדסטן פינגער. ס'האָט זיך אַרויפגעגליטשט ביזן

צווייטן קנעבל בלויז און ווײַטער ניט. ער האָט עס אַראָפּגענומען און אַרײַנגעלייגט אין זשילעט־קעשענע. דאַן האָט ער טעלעפאָנירט נאָך זײַן אויטאָ.

באַ דער סטאַנציע האָט ער באַגעגנט מיס לאַנטרי און זי אַרויסגעכאַפּט פון טומלדיקן עולם פּונקט אַכט צוויי און דרײַסיק.

— מיר טאָרן נישט לאָזן מײַן מוטער און די איבעריקע וואַרטן, — האָט די מיידל געזאָגט.

— צו וואַלאַקס טעאַטער שנעל ווי נאָר מעגלעך — האָט ער באַפוילן דעם שאָפער.

זיי האָבן זיך געיאָגט מיט דער צוויי און פערציקסטער גאַס אַראָפּ צו דער אויפגעלויכטענער בראָדוויי.

באַ דער פיר־און־דרײַסיקסטער האָט דער יונגער ריטשאַרד גיך געוואָרפן די נעץ און געהייסן דעם טרײַבער אָפּשטעלן.

— איך האָב אַראָפּגעלאָזט אַ פינגערל — האָט ער זיך פאַרענטפערט אַראָפּקריכנדיק. ס'איז געווען מײַן מוטערס, און איך וויל נישט פאַרלירן עס. איך האָב געזען, וווּהין ס'איז געפאַלן.

אין ווייניקער פון אַ מינוט איז ער געווען צוריק אין אויטאָ מיטן פינגערל.

אין דער רגע אָבער האָט אַ טראַמווײַ זיך אָפּגעשטעלט פּונקט פאַרן מאַשין. דער טרײַבער האָט געוואָלט פאַרקערעווען רעכטס, האָט זיך אונטערגערוקט אַן עקספּרעס טראָקן און פאַרשטעלט דעם וועג. לינקס האָט אַ וואָגן מיט מעבל זיך באַוויזן פאַר אים. ער האָט געזוכט אַ וועג צוריק, נאָר האָט געמוזט אויפגעבן, אַזש בייז ווערנדיק. אַרום אים — אַ געדרענג פון רעדער און פערד, וואָס שטעלן אָפּ די באַוועגונג אַף אַ היפּשער צײַט.

— וואָס פאַרסטו נישט — האָט געפרעגט מיס לאַנטרי, מירן פאַרשפּעטיקן!

ריטשאַרד האָט זיך אָפּגעשטעלט און אַרומגעקוקט: אַ שטופּעניש, ענגעניש פון וואָגנס, קאַרס, פערד, טראַמווײַען, דאָרט ווו בראָדוויי, די פיר און דרײַסיקסטע און זעקסטע עוועניו באַגעגענען זיך ווי ווען אַ זעקס־און־צוואַנציק אינטשיקע מיידל נעמט זיך אַרום מיט אַ צוויי־און־צוואַנציק אינטשיקן גאַרטל. און פון אַלע זײַטיקע גאַסן האָבן געאײַלט, געיאָגט

נײַע רעדערדיקע און צונויפגעשטופּט זיך איינס אױף דאָס אַנדערע, בלאָזנדיק, שרײַענדיק — הימל עפן זיך! אַלטע ניו־יאָרקער האָבן אױף די טראָטואַרן געקוקט פאַרחידושט, זיי האָבן נאָך אַזאַ געדרענג נישט געזען!

— עס טוט מיר זייער לייד, — האָט ריטשאַרד באַדויערט, צוריקזעצנדיק זיך. ס'קוקט אויס, אַז מיר זײַנען פאַרשטעקט. זיי װעלן נישט אַרויסקריכן פון דעם פּלאָנטער אין אַ שעה צײַט. ס'איז מײַן שולד, װען איך װאַרף ניט אַרונטער דאָס פינגערל, מיר...

— אָנו, לאָמיך עס זען, — האָט די מיידל געבעטן. איצט, אַז מיר קענען זיך נישט העלפן, אַרט מיך נישט. איך האַלט טעאַטער פאַר אַ נאַרישקייט, אַלץ איינס.

ארום 11 אָװנט האָט עמעצער לײַכט אָנגעקלאַפּט אין אַנטאָני ראָקװעלס טיר.

— קומט אַרײַן, — האָט ער אויסגערופן אין זײַן רויטן כאַלאַט, לייענענדיק אַ בוך װעגן מיסטעריעס.

דער עמעצער איז געװען די מומע עלען, אויסקוקנדיק װי אַ גרויהאָריקער מלאך, אַ בטעות פאַרגעסענער אױף דער װעלט.

— אַנטאָני, זיי האָבן זיך פאַרקנסט — האָט זי װייך געזאָגט — זי האָט פאַרשפּראָכן חתונה האָבן פאַר אונדזער ריטשאַרדן. אױפן װעג אין טעאַטער אַרײַן האָט זיי פאַרהאַלטן אַ טראַפיק מיש־מאַש, און ס'האָט געדויערט צוויי שעה ביז זייער מאַשין האָט זיך אַרויסקאַראַבקעט.

נאָר, אוי, ברודער אַנטאָני, דערצייל מער נישט קיין מעשיות װעגן כוח פון געלט. אַ װוּנדער פון אמתער ליבע, אַ קליין רינגעלע, װאָס סימבאָליזירט אומענדלעכע, אומגעשאַצטע ליבשאַפט איז געװען די סיבה פון אונדזער ריטשאַרדס געפונענעם גליק. ער האָט עס אַראָפּגעלאָזט אין גאַס און אַרויס געפינען עס, און איידער זיי האָבן געקענט פאָרן װײַטער, האָט אויסגעבראָכן אַ בלאָקאַדע. װײַל דער אויטאָ האָט געװאַרט, האָט ער באַװיזן רעדן צו זײַן געליבטער און געװוּנען איר האַרץ. גאָלד איז פּסולת אַנטקעגן הימלישער ליבע, אַנטאָני.

— זייער װויל — האָט געענטפערט דער אַלטער, איך האָב אים געזאָגט, כ'װעל ניט קאַרגן קיין געלט, ער זאָל זיך דערשלאָגן זײַן ציל. איז עס געשען און איך בין נעגלעט, װײַל...

— ברודער לעבן, װאָס װאָלטן אָבער דײַנע ממתקים געקענט אויפ־

טאָן? — האָט די שוועסטער ווײַטער געטענהט, אויב...

— איך בעט דיך, שוועסטער, — האָט אַנטאָני זיך געבעטן — מײַן פּיראַט איז אין אַ שרעקלעכער סכנה. זײַן שיף איז נאָר וואָס געלעכערט געוואָרן; ער איז אַ מבֿין אױף געלט - זאַכן און וועט ניט לאָזן זײַן זילבער זינקען, טו מיר אַ טובֿה און לאָז מיך דאָס קאַפּיטל דערלייענען.

— די דערציילונג וואָלט שוין געמעגט קומען צו אַ סוף, איך וואָלט עס אויך געוואָלט מיטן גאַנצן האַרצן, פּונקט ווי איר, לייענער. מיר מוזן אַרונטערלאָזן זיך צום דעק פֿון ברונעם און דערגיין דעם אמת...

אױף מאָרגן איז איינער מיט רויטע הענט און מיט אַ בלוי-געפּינטלטן שניפּס, מיטן נאָמען קעלי געקומען צו אַנטאָני ראַקוועל און איז תּיכּף אויפגענומען געוואָרן.

— נו, — האָט אַנטאָני אַ זאָג געטאָן, אַרויסנעמענדיק זײַן טשעקבוך. ס׳איז געווען אַ רעכטער זייף-געמיש. לאָמיר זען, דו האָסט געהאַט 5.000 $ מזומן.

— איך האָב אויסגעצאָלט נאָך 300 $ פֿון מײַן אייגן געלט — האָט קעלי געזאָגט. איך האָב געמוזט גיין אַריבער דעם, ווי מיר האָבן גערעכנט. די עקספּרעס-טראַקט און קעבס האָבן געקראָגן צו 50 דאָלער-וועגענער מיט צו צוויי פֿערד האָבן אַרויסגעצויגן 10 $. די מאָטאָר-לײַט צו צען און די אָנגעלאָדענע אויך 20 דאָלער. די בלויע רעק האָבן געשלעפּט פּופּציק אַ שטיק, אָבער האָט עס נישט געאַרבעט גלאַטיק, מ״ר ראַקוועל? די חבֿרה זײַנען אַלע געווען אױפֿן פּלאַץ צו דער סעקונדע. ס׳האָט געדויערט צוויי שעה ביז אַ שלאַנג האָט געקענט זיך דורכשלײַכן נעבן גרילים סמאַטוע.

— הייסט עס נאָך 1.300 $! באַקום, קעלי, — האָט אַנטאָני געזאָגט און אָפּגעריסן אַ טשעק. דיר טויזנט און די דרײַ הונדערט וואָס האָט דיך געקאָסט עקסטרע. האָסטו געגוג געלט, צי ניין, קעלי?

— איך, איך וואָלט צעבראָכן די ביינער דעם, וואָס האָט אויסגעטראַכט אָרעמקייט.

ווען בעלי איז געווען באַ דער טיר, האָט אַנטאָני אויסגערופן:

— האָסטו נישט באַמערקט אין דעם געדרענג אַ גראָבינקן יינגעלע שיסנדיק פֿײַלן פֿון אַ בויגן אַרויס, האַ?

— נײן, — האָט יענער געענטפערט — ניט געזען. אויב אַזאַ איז דאָרט געװען, האָבן די קנעפּ אים מיסתּם געװיזן דעם װעג, אײדער איך בין אָנגעקומען.

— איך האָב געמײנט דער קלײנער ממזר האָט פאַרפעלט — האָט אַנטאָני געקײַכט — אַ גוטן, קעלי!

אַ סוד

א.

קוירלי האָט זיך אַריינגעשאַרט אין שענק פון פּריִען צוביִים. ער האָט אויפגעכאַפּט דעם בעל־הביתס בליק און געשטאַנען ווי איינער וואָס האָט נאָר־וואָס גוט אַרייַנגעגעסן און וואַרט אַף זייַן פּרייַנט, וואָס דאַרף אים מיטנעמען מיט זייַן אויטאָ. דער שענקער איז אַרומגעגאַנגען דעם פּאַרקויף־טיש, קוקנדיק אַף דער סטעליע, גלייַך ער איז פאַרטיפט אין אַן ערנסטן ענין. ער האָט אַ פּאַק־געטאָן קוירלין אַזוי אומגעריכט, אַז יענער האָט נישט באַוויזן אַ פּיפּס טאָן און אים אַ שלייַדער געטאָן אין דער שאָקל־טיר.

דער אַרויסגעשמיסענער קוירלי האָט זיך קוים אויפגעהויבן. ער איז ניט בייז געווען. די פּופּצן שלעפּער־יאָרן פון זייַן צוויי־און־צוואַנציק־יאָריקן עלטער האָבן אים פאַרהאַרטעוועט, פאַרפּאַנצערט זייַן ערע. מיט אַ באַזונדערן געדולד האָט ער צוגענומען בזיונות פון די שענקערס, זיי זייַנען בדרך הטבע זייַנע שונאים און אין קעגנטייל — פרייַנט. ער האָט געמוזט אייַנשטעלן, און ווען זיי זייַנען נישט מרוצה געווען אים אָנצוקוקן — אָפּרוקן זיך ווי אַ גערודפטע שאָך־פיגור.

קוירלי איז געבליבן שטיין אין דער שמאָלער מיט בולגעריעס געפּלאַסטערטער גאַס. דאָס שטעטל סאַן־אַנטאָניאָ איז געווען פאַר אים אַ רעטעניש. בלויז דרייַ טעג איז ער געווען אַף אומזיסטע קעסט־דאָ, ווו־הין ער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון אַ פראַכט־צוג. אַ פרייַנט האָט אים געזאָגט, אַז ס. אַ. איז געפעלענער מן, געקליבן און דערלאַנגט מיט סמעטענע און צוקער, גאָר ניט צו פאַרגלייַכן מיט אַנדערע מקומות פון מזרח און מערב. הייבט זיך נישט אָן. דאָרט האָט מען אַמאָל געקענט כאַפּן אַ גאַנצן דאָלער, באַגלייט מיט אַ גוט־ברודערישן בוכצע. איינמאָל האָבן קאָובאָיס,

נאָך אַ פעטער נדבה, אַף אים אַפילו פאַרוואָרפן זייער שטריק און גע־שלעפּט איבער דער שווארצער ערד. אַ שמאַטניק וואָלט צעפּאַלענע הלבשה אין האַנט נישט גענומען.

אַכט אָוונט, קומענדיקע און גייענדיקע האָבן קוירלין געשטויסן פון שמאָלן טראָטואַר. אין זײַטיקן געסל האָט אַ ליכט ערגעץ געשײַנט. הייסט עס מענטשן, אַ מעגלעכער קיי און טרונק. קוירלי האָט זיך געלאָזט אַהין, די שײַן איז געקומען פון אַטאָ שוועגלס קאַפע. פאַר דער טיר האָט ער אויפגעהויבן אַ קאָנווערט, ווו ס׳האָט געקענט ליגן אַ טשעק אַף אַ מיליאָן. נאָר — ליידיק. די מציאה האָט אָבער געהאַט אַן אַדרעס: מ״ר אָטאָ שוועגל און אַ פאָסט־שטעמפּל פון דעטראָיט.

קוירלי איז אַרײַנגעגאַנגען. באַם ליכט האָט מען געקענט זען, אַז זײַן גאַרניטור שטעלט פאָר דעם אָפּפאַל פון עטלעכע פאַסאָנען און זמנים. צוויי פאַבריקן האָבן זיך אָנגעשטרענגט אויסצואַרבעטן די שיך צו זײַנע פיס. זײַן פּנים איז געווען פאַרדעקט ביז די אויגן מיט ברוינע קרײַזעלעך, וואָס ער פלעגט אָפּקירצן מיט אַ קעשענע־מעסערל. זײַנע העל־בלויע אײַנ־געצויגענע קוקערס האָבן מיט זייער פּחד און כיטרעקײַט עדות געזאָגט אָפן דרוק, וואָס האָט געפרעסט זײַן נשמה. קוקנדיק אַף אים, האָט מען באַקומען דעם אײַנדרוק פון וואַקסענע געשטאַלטן, מומיעס אָדער מענטשן פאַרלוירענע אַף אַ וויסטן אינדזל.

דאָס קאַפע־הויז איז געווען קליין. די ריחות פון מאכלים און משקאות האָבן זיך געראַנגלט פאַר דערהויבונג: חזיר־פלייש האָט גע־קעמפט מיט זויער־קרויט; צימעס מיט הייסע ווו:רשטלעך וואָס זײַנען סערווירט געוואָרן צו די ביר־קונים. קוירלי האָט זיך צוגערוקט צום שפּיץ־טיש, געהוסט דעמפיק און צו שוועגלין זיך רעקאָמענדירט: אַן אַרבעטלאָזער סטאָליער פון דעטראָיט. ווי טאָג קומט נאָך נאַכט — ער האָט געקראָגן משקה און צובײַס.

— האָסט אפשר געקאָנט דאָרט העגריך סטראָוס? — האָט דער בעל הבית געפרעגט.

— אַ קשיא, צי איך האָב געקענט העגריקן! — האָט דער גאַסט איבערגעחזרט מיט געפיל; האַלוואַי וואָלט איך פאַרמאָגט די איינציקע דאָלער פאַר יעדן קערטל, וואָס איך און העיני האָבן געשפּילט.

מער ביר און נאָך אַ טעלער, פון וועלכן ס׳האָט זיך געהויבן אַ פאַרע

איז געשטעלט געוואָרן פאַרן דיפּלאָמאַט. וויסנדיק ווי ווײַט די שפּיל קאָן גיין, האָט ער זיך אַרויסגעשאַרט אין דער ניט צוזאָגנדיקער גאַס.

אַ פײַכטקייט האָט זיך געטראָגן פון טײַך. געלעכטער און מטבעות קלאַנג האָט זיך געהערט פון די שטיבער, וואָגלענדיק איז קוירלי צוגעקומען צו אַ ראָג און פאַרדרייט אין אַ זײַטיקן געסל. פּי־הענדלער האָבן געהוליעט באַ אַ הילצערנער אכסניה. אַ ריז האָט גערופן דעם עולם אין קרעטשמע אַרײַן און מיטגעצויגן אונדזער פאַרשוין ווי אַ שאָף נאָך דער טשערעדע. אין אַ שעה אַרום, ווען די פרײַנטשאַפט צו אים האָט זיך אָפּגעקילט אַזוי שנעל ווי צעוואַרעמט האָט דער פרעמדער אַרויסגעשפּאַנט אָנגעשטאָפּט. די שאלה איז געשטאַנען פאַר אים: אַ דאַך און געלעגער? ס'האָט אָנגעהויבן טריפן אַ געדיכט רעגנדל, וואָס איז געקראָכן אין די ביינער, הייבנדיק אַ פאַמעלעכן דאַמף פון ברוק.

זײַנע אומפאַראַנטוואָרטלעכע פיס האָבן קוירלין פאַרשלעפט אין אַ הויף מיט אַן אָפענעם טויער. עס האָבן געברענט פײַערלעך, און באַ דרײַ זײַטן וועגט זײַנען געוועזן קעמערלעך. ער איז אַרײַנגעקומען און אין די שטאַלן געזען פערד, כראָמטשענדיק פון הילצערנע קאָרעטעס, וועגענער מיט כאָמעטעס, צודעקן און זעק. קיינער אַרום. די פערד־און־וואָגן אייגנטימער זײַנען געגאַנגען זען דעם העלפאַנט און אין אײַלעניש געלאָזט אָפן דעם טויער.

האָבנדיק געשטילט דעם הונגער פון אַ בער און דעם דורשט פון אַ קעמל, האָט קוירלי געזיגזאַגט צום ערשטן וואָגן, וואָס זײַן אויג האָט געזען אין דער האַלב פינצטערניש. ער האָט אָנגעטאַפּט קעסטלעך, בונטן־וואָל און פערדישע קאָלדרעס. ווי אַ חיה האָט ער אײַנגעגראָבן זיך אין ווייכן געלעגער, נאָך נעכט פון צעריסן, צעשווידערטן דרימלען.

ב.

זעקס קו־פאַנגער האָבן געוואַרט באַ דער טיר פון קראָם אין סיבאַלאַרענטש, זייערע פערד האָבן געצופּט גראָז, „צוגעפעסטיקטע" אַפן מעקסיקאַנישן אופן — די צוימלעך אַראָפּגעלאָזט צו דער ערד — דער בעסטער שטייגער, לויטן מנהג און אײַנרעדעניש, צו פאַרזיכערן די סוסים, איידער זיי צובינדן צו אַ בוים. מיט ברוינע ציגאַר־פּאַפּירלעך אין די

הענט האָבן זיי געוואָרט אַף די וועגענער, וואָס דאַרפן ברענגען צווישן אַנדערס אויך טאַבאַק. סעם, אין געלע, געשנורעוועטע שיך האָט זיך גאָרנישט געקענט פאַרענטפערן פאַרן אויספעלן פון דעם מין.

— איך בין געווען זיכער — האָט ער געטענהט, אַז אַף דער הינטער־שטער פּאָליצע האָב איך נאָך אַ קעסטל טיטון. צום סוף איז עס גאָר שמעק־טאַבעק, — האָט ער פאַרשעמט געפּרוּווט זיך ריינוואַשן.

— מ׳דאַרף דיר דערלאַנגען מיט דער אַנדערער זײַט ביקס אין קאָפּ אַרײַן. נײַן מאָל האָב איך געריטן אַהער נאָך אַביסל טיטון. נו, קומט דיר צו לאָזן לעבן? — האָט געבייזערט זיך איינער.

— איך האָב געדרויכערט טרוקענע, צעריבענע פּאַפּשוי־שאָלעכץ, — האָט זיך געכעסט אַ צווייטער.

— זיי וואַרטן מיט די פּאַפּירלעך, גרייט צו פאַרציִען פון אמתן שטאָף וואָס איך דאַרף זיי ברענגען — האָט זיך געהיצט נאָך אַ קונה. אַצינד דאַרף איך זיי דערציילן, אַז די ציגענע ביבקע און הילצערנער קאָפּ האָט ניט אין געוועלב פון רויכער־מין.

— בהמות, מ׳דאַרף אײַך געבן שטרוי־קײַען, — האָט פאַרדריסלעך צוריק געענטפערט סעם, ווישנדיק מיטן נאָז־טיכל דעם שטויב פון זײַנע ברוינע, געפּוצטע שיך. ראַנסעם האָט גענומען אַף זיך מיר ברענגען פון סאַן־אַנטאָניאָ אינאיינעם מיט די פערד־דעקן זעק וואָל און קעסטלעך טשוועקעס אויך טאַבאַק. ער וועט זיכער קומען דערמיט באַ זון־פאַרגאַנג. די וואַרטנדיקע קונים האָבן פון לאַנגווײַל גענומען זיך פאַר קענדלעך געצוקערטע פרוכט, קרײַצנדיק אין זיי מיט בלעכענע לעפל פון קראָם. סעם האָט בעת־מעשה אונטערגעהאַלטן מיט פּאַלקס־לידלעך רימפּלענדיק צום טאָן אַף אַ גיטאַרע.

באַ די אומגעדולדיקע האָט דער אויער געאַרבעט שנעלער פון אויג. איינער האָט אויפגעהויבן אַ פינגער אײַנצושטילן דאָס גראַבלען פון די כלים.

— אַ וואָגן פאָרט איצט אַריבער דאָס שטיינערנע בריקל — האָט ער אָנגעזאָגט.

— האָסט אַ פײַנע שמירה — האָט אַ צווייטער געשפּאַסט.

אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַן אַנדערער צוגעגעבן, אַז ער זעט טאַקע שטויב, וואָס דער וואָגן הייבט אויף; און דערויף האָבן די איבעריקע זיך

געוויצלט וועגן יענעמס שארפע קוקערס.

אין קורצע מינוטן ארום האָבן זיי געהערט דאָס טראַמפּלען פון פער־דישע פיס און דערנאָך דערזען די גופים, וועלכע האָבן געטראָגן דעם גע־שמידטן וואָגן, ווי א שפּילצײַג, יאָגנדיק זיך נאָך האָבער־און־קאָרן־קערנער.

— דער בעל־הבית! — האָבן געשריִען די מעקסיקאַנער באַדינער, אײַלנדיק אויסצוּשפּאַנען. די וואַרטנדיקע קו־כאַפּער האָבן ארויסגעלאָזט א צופרידענעם יובל.

ראַנסעם טרוסדעל, דער אָנטרײַבער, האָט געוואָרפן די וואַשקעס צו דער ערד און געלאַכט.

— ס'איז הינטערן צורעק, חברה. איך וויים אַף וואָס איר וואַרט. אויב סעם וועט ווידער לאָזן אויספּעלן טיטון, וועלן מיר צילעווען אין זײַנע געלע פּאַנטאָפל.

אַלע האָבן געלאַכט און זיך אײַנגעגראָבן אין די טיפענישן פון וואָגן. איינער האָט אָנגעטאַפּט א פּאָר בלאָטיקע שקראַבעס, געבונדענע מיט דראָט און שמאַטעס, פון וועלכע ס'האָבן ארויסגעשטעקט מענטשלעכע פיס־פינגער.

— הייליקע מוטער! — האָט יענער א קוויטש געטאָן, ראַנסעם, האָסטו פאַרפּאַקט דאָ א מת?

ווי אַן אויסגעדרייטער וואָרעם האָט קורלי גענומען אויפהייבן זיך פון זײַן באַגראָבעניש. זײַן פּנים בלוי־רויט; די אויגן — פאַרשוואָלענע שפּאַלטן זײַן נאָז א געזײַערטער בוריק; די האָר צעפּאַטלט ווי בא א פויגל, ווען איבערגעשראָקן אַף טויט.

ראַנסעם איז אַראָפּגעשפּרונגען פון קעלינע און אויסגעגלאָצט די אויגן אַף דער מאָדנע פּראַכט אין זײַן וואָגן.

— ווי קומסטו אהער, צאַצקע? — האָט ער געפרעגט. די אַנדערע האָבן פּאַרגעסן אין רויכערן.

דער אומדערוואַרטעטער פּאַסאַזשיר האָט גענומען ארומקוקן זיך און געשנאָרכעט אין זײַן פלאָנטער־באָרד.

— ווּו בין איך? — האָט ער געוואָרטשעט, זע, גאָר א פאַרם! העי, ווּהין האָסטו מיך פאַרשלעפּט! וואָס גלאָצט איר מיט אײַערע אויגאַנעס?! די מאָרדעס וועל איך אײַך צעהאַקן!

— מאָרדעוועט אים אראָפּ! — האָט ראַנסעם געשריִען צו די אַר־בעטער. קוירלין האָט זיך אויסגעוויזן, ווי די ערד שפּרינגט אים אקעגן און שפּאַלט אים די לאַפּעטעס. ער האָט זיך אויפגעהויבן, געזעצט אויף דער שוועל פון קראָם, ציטערנדיק און ארומנעמענדיק די קני מיט די הענט. די רויכערער האָבן געפונען דאָס קעסטל טאַבאַק און זעקס ציגארן האָבן זיך צעצונדן.

— ווי אַזוי ביסטו פאַרקראָכן צו מיר אין וואָגן? — האָט ראַנסעם געפרעגט באַם לעבעדיקן מת.

— איך? מיר פרעגט איר? — האָט יענער געענטפערט מיט אַ פּראַ־גע. פאַרשטייט איר, מיַין דינער האָט פאַרגעסן פאַרפּאַקן מיַינע פּידזשאַ־מעס, האָב איך אַרויפגעכאַפּט זיך דערוויַיל. האָב איך דען אייַך גע־בעטן מיך פירן אַהער? אוי, ווייל איך אַ טרונק!

ראַנסעם האָט געהייסן ברענגען אַ גלאָז שנאַפּס. דער „דורשטיקער" האָט עס אויסגעזופּט מיט איין שלונג. זיַינע אויגן האָבן זיך צעשיַינט מיט אַ גלאַנץ ווי באַ אַ געטריַיען הונט.

— דו ביסט דריַיסיק מיַיל פון אַ באַן און פערציק פון אַ שענק — האָט געזאָגט ראַנסעם, האָסט נישט וואוהין צו גיין. דאָ האָב איך מורא, אַז זאָל דיך ניט צעמזיקן. קום־זשע. מ'האָט אריַינגעפירט קוירלין אין אַ קאַמער פון וועגענער; צעשפּרייט אַ ליַיוונט און געבראַכט פערד־דעקן.

— כ'גלייב נישט, צי וועסט קענען פּאָפן, נאָך דיַין אַפּכאַליען אַ מעת־לעת אין מיַין וואָגן — האָט געלאַכט ראַנסעם.

— כ'קען שלאָפן אַ גאַנצע וואָך, — האָט יענער פאַרזיכערט.

— זייַ דערוויַיל, כ'ל הייסן ברענגען פאַר דיר פרעסן.

ג.

דער אַלטער „קיאַוואַ" טרוסדעל איז לאַנג צוריקגעקומען מיטן ביקס אין האַנט פון מיסיסיפּי־לאַנד קיין מעקסיקאַ. ער האָט מיט זיַינע קוילן אָפּגערייניקט די סביבה פון טיגערן, לייבן און קיאַוואַ־אַנדיאַנער און מיטגעבראַכט די לאַנגסטיקע שנאה און שוועַר־האַרץ קעגן דער שכנישער משפּחה קוירטיס. זיַין ברוינע גראַמע הויז מיט אַ גראַמען גאַניק איז געשטאַנען אַקעגן אָפּגעוויַיסטע פערד־שטאַלן, קעמערלעך פאַר שערן שאָף

און וואַל־לאַגערן, נישט ווייַט פון טייַכל סיבאַלאַ, אין וועלכן גרויסע פיש פלעגן שפּרינגען פון וואַסער מיט אַ פליעסק פון זיך טובלנדיקע היפּאָפּאַ־טאַמוסן, און אַרום וועלכן ס׳זייַנען אויך באַהאַלטן געווען קרבנות פון ביידע פייַנטלעכע משפּחות. פון די ביימער זייַנען אַראָפּגעהאַנגען גיר־ליאַנדן־צווייַגן צעוואַקסענע זינט דער איצטיקער אַלטער האָט זיי גע־בראַכט אַהער, דער גרייַז איז געזעסן אָפּן ברייטן גאַניק אין אַ שאָקל־שטול, אַרום זייַן הויז געלייענט באַם שייַן פון אַן אויל־לאָמפּ, קנאַקנדיק זייַנע פינגער פון דאגה, וואָס זייַן זון, רענסאַם איז פאַרקאָכט אין אַ קוירטים מויד.

— ביסטו שוין דאָ צוריק? — האָט ער געפרעגט, דערזעענדיק רענ־סאַמען צוקומען און פאַרגעזעצט:

— זון, איך האָב געטראַכט דעם גאַנצן טאָג וועגן אונדזער נעכטיקן שמועס. איך האָב געלעבט פאַר דיר, באַשיצנדיק דיך פון ווילדע חיות און שלעכטע מענטשן. דו האָסט קיינמאָל נישט געהאַט קיין מוטער, וואָס זאָלסט קענען געדענקען. איך האָב דיך געלערנט שיסן גלייַך, לעבן ריין. מיט שווערער אַרבעט האָב איך אָנגעזאַמלט אַ פאַרמעגן פאַר דיר, ווען מייַן קנויט וועט זיך אויסלעשן, וועסטו זייַן רייַך. ווי אַ טיגערן אירע קינ־דערלעך האָב איך דיך געהיט. דו באַלאַנגסט ניט צו זיך אַליין, ראַנסעם, מוזטו זייַן ס׳ערשטע אַ טרוסדעל. זאָג־זשע, ווען איך נאָך הערן די נאַריש־קייט פון דיין ליובקען זיך מיט דער קוירטים־שיקסע?

— ווי איך בין אַ טרוסדעל, — האָט ראַנסעם געענטפערט געלאַסן, זאָג איך דיר אַז איך וועל קיינמאָל נישט גיין צו דער חופּה מיט דער טאָכטער פון די קוירטים.

ראַנסעם איז אַוועק אין קיך. פּעדראָ, דער קוכער האָט אים דער־לאַנגט וועטשערע, וואָס ער האָט געהאַלטן וואַרעם.

— בלויז אַ טעפּעלע קאַווע, — האָט דער בעל־הבית געבעטן און אויסגעטרונקען שטייענדיק, צוגעבנדיק:

— אין וואָגן ליגט איינער. גיב אים עסן. מאַך בעסער אַ דאָפּל־פּאָרציע.

— מענוועל, — האָט ער גערופן, כאַפּ מיר וואַרמינאַסן. אַף דער קליינער לאַנקע וועסטו אים געפינען, זאָל אים אַן.

רײַטנדיק האָט ראַנסעם אויסגעצויגן זיך אַפן זאָטל, צוגעדריקט מיט די קני דאָס פערד און פאַרבײַגעיאָגט די קראָם, ווו סעם, דער קרעמער, איז געזעסן און געצימבלט אַף אַ גיטאַרע באַם לבנה־ליכט. אַבט מײַל אוועק האָט ער לויזער געלאָזט, און וואווינאַס האָט זיך אָפּגעשטעלט הינטער אַ בוים, פון וואַנען די געלע בליטן האָבן פאַרשפּרייט אַ גערויך שענער פון פאַריזער ראָזעס. האָזן האָבן זיך געשפּילט ווי קעצלעך. די לבנה האָט פאַרוואַנדלט די ערד אין אַ זילבערנער שיסל און דעם הימל אין אַ קרישטאָלענער דעק.

אין אַ צען מינוט אַרום איז לענאַ קוירטיס צוגעריטן צום בוים אַף איר „טענצער" און ווארעם געדרוקט דעם בחורס האַנט.

— איך וואָלט צוגעפאָרן נעענטער צו דײַן הויז, נאָר דו לאָזט דאָך נישט — האָט ראַנסעם געזאָגט.

לענאַ האָט געלאַכט און אין ווייכער שײַן האָבן זיך אָנגעזען אירע ווײַסע, שטײַפע ציין און שרעקלאָזע אויגן; זי איז נישט געווען סענטי־מענטאַל, להכעיס דער לבנה, בליטן־ריח און שלאַנקען גוף פון ראַנסעמען.

— שוין וויפל מאָל האָב איך דיר געזאָגט, יינגל, אַז איך בין דײַן חצי מיידל, כסדר האַלב וועג, — האָט לענאַ באַטאַנט. איך האָב גערעדט צו מײַן פאָטער נאָכן עסן, ווען כ'האָב געהאַפּט, ער וועט זײַן אין אַ בע־סערער לוינע. האַסטו אַמאָל אויפגעוועקט אַ לייב, פאַרבײַטנדיק אים בטעות אַף אַ קאַץ! ער האָט געריסן שטיקער פון זיך. איך האָב מײַן פאָ־טער ליב, ראַנסעם; און האָב זיך דערשראָקן פאַר אים. ער האָט מיך אויפ־געפאָדערט צו פאַרזיכערן אים, אַז וועל ניט פאַרבינדן זיך מיט קיין טרוסדעל. איך האָב אים מײַן וואָרט געגעבן! און ווי האָט דיר געשפּילט דאָס מזל?

— דער זעלבער פועל־יוצא! — האָט דער פאַרליבטער געענטפערט. איך האָב אים מבטיח געווען, אַז זײַן זון וועט קיינמאָל קיין חופה נישט שטעלן מיט קיין קוירטיס מיידל. כ'האָב נישט געקענט אים קעגנשטעלן זיך, כ'ווייס ניט פאַרוואָס, אפשר צוליב זײַן טיפן עלטער. עס פאַרדריסט מיך זייער לענאַ. די מיידל האָט זיך אַריבערגעבויגן, אָנגענומען דעם האָרן פון זאָטל און ווי אויסגעזוונגען:

— איך האָב נישט געטראַכט, ראַנסעם, אַז כ'וועל דיך ליב האָבן שטאַרקער נאָכן אויפגעבן מיך, אָבער אַזוי איז עס. נו, כ'מוז צוריקפאָרן,

— האָט זי אַרויסגערעדט. איך האָב זיך אַרויסגעגנבעט פון שטוב און אַליין אָנגעזאָגט „טענצערן”. אַ גוטע נאַכט, שכן!

— אַ גוטע נאַכט! — האָט ראַנסע געענטפערט. גיב אַכטונג באַם אַריבערפאָרן די צרהדיקע גריבער.

זיי האָבן פאַרקערעוועט אין קעגנזעצטע ריכטונגען. לענאַ האָט זיך אויסגעדרייט און אויסגערופן: פאַרגעס נישט, איך בין אַלץ דײַן „האַלב מיידל”.

אַ קללה אַף משפחה רוגזעס! — האָט ער צוריקגעשריִען.

דער רײַטער איז אַראָפּגעשפּרונגען באַם קליינעם פּאַשע־פעלד און אַרײַן אין זײַן חדר. ער האָט אַרויסגענומען לענאַס בריוו. אַן אַלט פאַר־געלט פּאַפּיר איז אים אַרויסגעפאַלן. ער האָט אַ בליק־געטאָן דערין און עס מיט שטוינונג דורכגעלייענט.

ער האָט שנעל אָנגעטאָן זײַן היטל און געלאָפן אין איינעם פון די מעקסיקאַנער שטיבלעך.

— מומע יאָאַנאַ, איך דאַרף דיך עפּעס פרעגן — האָט ער געזאָגט צו דער גרויער צעקאָרטשעטער מעקסיקאַנערן. זעץ זיך, מומעניו, און זאָג מיר: ווער בין איך? ער האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, זיך זעצנדיק אַף אַ צווייטן שטול קעגן דער אַלטער מעקסיקאַנערן.

אַ טרויער האָט זיך פאַרצויגן אַף דער מומע יאָאַנאַס פּנים.

— ווער בין איך, מומענקע? — האָט ער איבערגעחזרט, קוקנדיק אין איר גערינצלטער צורה.

צוויי און דרײַסיק יאָר האָב איך אָפּגעלעבט אַפן סיבאָלאָ רענטש און געמיינט, אַז איך וועל אַוועק אין קבר אונטערן גאָרטן, איידער דער סוד וועט אַרויס אַף דער ליכט. מאַך צו די טיר, דאָן רענסאָם, וועל איך דיר דערציילן. אין דײַנע אויגן זע איך, אַז דו ווייסט שוין עפּעס.

אין אַ האַלבער שעה אַרום האָט ראַנסעם פאַרלאָזט דאָס שטיבל.

— זאָג נאָר, באַלעבאָס, — האָט קאַמער געשריִען צו קוירלי, ווי ער איז געזעסן אַף אַ טאָפּטשאַן, הוידנדיק די פיס און רויכערנדיק. אַזוי האַלט מען אַ געפאַנגענעם? אָפּגעגאָלט האָב איך זיך, באָרגנדיק אַ בריט־ווע באַם חוצפּהדיקן קרעמער, קומט מיר נישט דערפאַר נאָך אַ פינגער־הוט אַף דײַן רענטש, ווזהין האָסט מיך פאַרטראָגן?

ראַנסעם האָט אים שאַרף און פאַרחידושט אָנגעקוקט און געזאָגט:

— קום נאָר אַהער, צום לבנה־ליכט.

ער האָט אַרויסגעשפּאַנט. זײַן אָפּגעראַזירט פּנים האָט באַקומען אַן אַנדער אויסזען. די געקרײַזלטע האָר פאַרקעמט אין אַ שייטל, זײַן גע־שניצטע נאָז און די קליינע רונדע גאָמבע האָבן אים צוגעגעבן איידלקייט, ווירדע.

— ווער ביסטו, פון וואַנען קומסטו? — האָט דער באַלעבאָס אַ פּאָר־גאַפּטער געפרעגט.

— איך? כ׳בין סער רעגינאַלד, הע, קאַשע מיט באָרשט! כ׳ווייס ניט מײַן יחוס. כ׳בין אַ באָסיאַק, זינט איך געדענק זיך. זאָג בעסער, פּע־טערל, וואָס הערט זיך וועגן טרונק? און צי וועסטו הײַנט ווידער אײַנ־שפּאַנען, כ׳זאָל זיך קענען אַרויסכאַפּן פון דאַנען?

— ענטפער אָפּ מײַנע שאלות, פריער, וועלן מיר זען. זאָג, ווי אַזוי און פון זינט אָן ביסטו געוואָרן אַ שלעפּער?

— פון פּיצלעווײַז אָן נאָך, — האָט דער וואַגאַבונד געענטפערט. מסתמא האָב איך קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. כ׳געדענק, אַז מײַן פרעמדער פוילער ברויטגעבער האָט מיך אַרויסגעשיקט בעטלען, ווען כ׳האָב קוים דערלאַנגט די קליאַמקע. — האָט קוירלי דערקלערט.

— ווי ביסטו געקומען צו אים, האָט ער דיר ווען דערציילט, ווי ער האָט דיך גענומען? — האָט רענסאַם געפאָרשט.

— איינמאָל, אַ ניכטערער — האָט ער מיר געזאָגט, אַז האָט מיך געקויפט פאַר אַ צעבראָכענעם פּיסטויל בײַ אַ כאַפּטע שכורע שאָף־שע־רער. דאָס אַלעס, וואָס איך ווייס. אָבער, וואָס גייט עס דיך אָן?

— נו, מילא, ביסט אַ מציאה, כ׳זע. — האָט רענסאַם פּאַרטראַכט געזאָגט. איכ׳ל לייגן אָף דיר דעם סיבאַלאַ־רענטש שטעמפּל. מאָרגן הייבסטו אָן דאָ אַרבעטן.

— וואָס?! — האָט קוירלי אַ שמאָרע געטאָן מיט דער נאָז. ווער מיינסטו בין איך דיר, אַ קו־כאַפּער, אַ לויפער נאָך ציגענע בערד, לע־מערנע ווײַדלען, וויידלען, האָסט ינשט געטראָפן דעם בעלן!

— הע, וועסט זיך צוגעווינען, וועסט בעסער ווערן, — האָט ראַנ־טעם געלאַכט. אָט וועל איך שיקן נאָך אַ טרונק פאַר דיר. כ׳האָף וועסט ווערן אַ גוטער אַרבעטער.

— וועך, איך? אַ שאָד דײַן מי. אַ רחמנות אויף די באַשעפעניש, וואָס כ׳ל האָבן אויף מײַנע הענט.

דעם צווייטן פרימאָרגן, ווען ראַנסעם איז אַראָפּ פון זײַן רײַט־פערד האָט ער געפונען קוירלין זיצן אויף די קאָלדרעס, אָן אָנגעבלאָזענער, פאַר־בלאָטיקטער. די אַרבעטס־קליידער האָבן זיך קוים געהאַלטן אויף אים. דער אויפפּאַסער האָט געזאָגט, אַז דער שכורניק טויג אויף כפּרות. ער זאָגט זיך אָפּ אַרבעטן און איז דער גרעסטער מנוול אין דער וועלט. חברה וואָלטן אים געממיתט פאַר זײַן ליידיק זיצן, נאָר ער, דער שעף, האָט זיי געזאָגט, אַז דער באַלעבאָס האַלט אים אויס פאַר עולם הבא. דערויף האָט ראַנסאַם געענטפערט, אַז ער האָט גענומען אויף זיך די שווערע עבודה צו מאַכן פון דעם פוילנצער אַן אַרבעטס־מענטשן.

צוגייענדיק צו קוירלין, האָט דער באַלעבאָס געזאָגט:

— גוטער ברודער, דענקסטו נישט, אַז אַ באָד וואָלט דיך באַרעכ־טיקט מער צו זײַן צווישן אָנשטענדיקע מענטשן?

— כ׳וועל דאָס טאָן, ווען כ׳ל קריגן חשק, דערווײַל פאַרנעם זיך, בריה.

דאָס טײַכל איז געווען נישט ווײַט. האָט ראַנסעם אָנגענומען קוירלין באַם פּוס, ווי אַ זאַק בולבעס אים צוגעשלעפּט און אַרײַנגעפּליוכעט אין וואַסער.

אַן אָפּגעצוואָגענער איז יענער אַרויסגעקראָכן, באַגעגנט פון ראַנסע־מען מיט זייף און אַ גראָבן האַנטעך.

— גיי אין אַנדערן עק טײַך און נוץ דאָס; איכ׳ל דיר ברענגען הלבשה, — האָט געזאָגט דער רענטשער.

דער אײַנגעטונקענער האָט געפאָלגט. מ׳האָט אים קוים דערקענט אין זײַן בלוי העמד און טונקל־ברוינע פּלודערן. ער איז צוגעגאַנגען צו זײַן „באַצווינגער” און אָפּגעפּײַערט אים אַ פּראַסק אין באַק, צישענדיק:

— ווילסט נויטן אַ מענטשן, ווייסנדיק, אַז ער קען זיך נישט אויס־דרייען!

דער געפּאַטשטער האָט צופרידן געשמייכלט. מ׳האָט אַ לאַנגע צײַט דערנאָך גערעדט וועגן זייער געראַנגל.

איינמאָל האָט קוירלי אויסגעטרונקען אַ פלאַש ספּירט וואָס מ׳נוצט קעגן שלאַנגען גיפט. זעכצן שעה האָט ער אָפּגעבראָפּעט אויפן גראָז. ווען

ער האָט זיך געשטעלט אַף די פיס, האָט ער ס׳ערשטע גענומען זיך צו וואַסער און זייף. אַ צווייטן מאָל איז ער באַלוינט געוואָרן פאַר גוטער אַרבעט מיט אַ קעסטל טאָמאַטן, וואָס ער האָט פאַרצערט ביז דער שפּענטע.

אין אַ נאַכט, ווען איין אַרבעטער איז געלעגן אַפן פעלד אין בויך אין היץ, האָט מען געפונען קוירלין שטיין אָנגעשפּאַרט באַם ראָד אין אַ ליַיכטן דעק אין רעגן, און זיַינע וואַרעמע קאָלדרעס פאַרשפּרייט איבערן קראַנקן.

אין טאָג אַרום מיט אַ טעפּל קאַווע אין האַנט איז דער ניַיער קור-כאַפּער, קוירלי, געזעסן אָנשטענדיק אַף אַ קלאָץ מיט צוויי חברים אַר-בעטער פון זיַינעביידע זיַיטן. שמייכלענדיק אין אַ פריַינטלעכן שמועס.

אַף אַ פראַגע וועגן זייער ניַיעם חבר, האָבן אַלע געענטפערט, אַז קוירלים מוסקולן זיַינען איַיזערנע שטריק און אַז ער אַרבעט ווי מען באַדאַרף נישט בעסער.

ראַנסעם האָט באַטראַכט דעם איבערגענוצעוועטן, געוועזענעם שלע-פּער און אים צוגערופן:

— איך דאַרף דיך באַם רענטש, קום מיט מיר.

— גוט, כ׳גיי — האָט ער צוגעשטימט, אָבער כ׳זאָל צוריקקומען אַהער. ס׳איז אַ מחיה צו אַרבעטן מיט דער חברה.

באַם סיבאַלאַ-רענטש זיַינען זיי אַראָפּ פון די פערד. ראַנסע האָט געהייסן קוירלין וואַרטן, און אַליין אַריַין צום פאָטער.

— גוט מאָרגן, מיסטער טרוסדעל, — האָט ראַנסע אויסגערופן.

דער אַלטער האָט אויפגעהויבן זיין קאָפּ פון ציַיטונג, דערשטוינט און געפרעגט:

— וואָס איז דאָס? פאַרוואָס רופסטו מיך אַזוי? ער האָט געקוקט אַפן יינגל און זיַין האַנט מיטן בלאַט האָט געציטערט און קוקנדיק אין זונס רויק פּנים האָט ער פאָרגעזעצט:

— יונגערמאַן, ווי אַזוי האָסטו אויסגעפונען?

— ס׳איז רעכט, — האָט ראַנסעם געענטפערט מיט אַ שמייכל. איך האָב באַוויזן מומע יאַאַנאַ מיר דערציילן.

— ביסט געוועזן באַ מיר אַ זון — האָט דער אַלטער „קיאָוואַ" גע-שטאַמלט, טרייסלענדיק זיך.

— זי האָט מיר געזאָגט, אַז איר האָט מיך צוגעאייגנט פון אַ מחנה, וואָס אזי געגאַנגען נאָך מערב, ווען איך בין נאָך געווען קני־הויך, נאָך דעם ווי אייער אייגן קינד איז פארלוירן געוואָרן, ווען וואָל־שערערס האָבן פאַרלאָזט נאָך זייער אַרבעט.

— יאָ, — האָט דער גרייז־גרויער צוגעגעבן מיט טרויער אַף זיין בלייכן פנים. אונדזער קינד איז געווען צוויי יאָר אַלט. דאָ זיינען אַביסל שפּעטער אונטערגעקומען די עמיגראַנטן־װעגענער מיט אַן איבעריק מויל, און מיר האָבן דיך באַ זיי אָפּגעקויפט. מיר האָבן באַהאַלטן פון דיר דעם סוד. און אונדזער קינד האָב איך קיינמאָל מער נישט געזען.

— ער איז פאַראַן דאָ, אין דרויסן. סיידן איך טעות זיך, — האָט רענסאָם אויסגערופן, עפענענדיק די טיר און אַ ווונק געבנדיק. קוירלי איז אַריינגעקומען.

דער אַלטער קיאָווא און קוירלי האָבן פאַרמאָגט די זעלבע נאָז, גאָמבע און פנים און ליכטיק בלויע אויגן.

קוירלי האָט זיך אומגעקוקט אין צימער, און אַ פראַגע האָט אַראָפּ־געקוקט פון זיינע אויגן.

— וווּ איז דער טיק־טאַק? — האָט ער געפרעגט, טייטלענדיק צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט.

— דער זייגער פלעגט דאָ שטיין, — האָט דער אַלטער צוגעגעבן.

ער האָט זיך אויסגעדרייט צו ראַנסעמען, נאָר יענער איז שוין ניט גע־ווען. ווײַמינאָס האָט אים געטראָגן גאַלאָפּ דורך שטויב, דערנער, צום „שונאָם״ רענטש פון זיין „חצי מיידל״.

רוסישער סויבל

די חברה פלעגט פאַרברענגען די צײַט אַף גאַסן־ראָגן, האַלטנדיק אין די הענט נעגל־פאַלכער און פען־מעסערלעך. זיי האָבן באַוויזן דערמיט גוטע מידות און געפירט אומשולדיקע געשפרעכן אין אַ באַגרענעצטן וואָקאַבולאַר, אויסקוקנדיק ריין פון זינד. אָבער די כאָפּטע האָט געהאַט אין זינען ניט קיין נעגל מאַניקור, נאָר וויכטיקערע עסקים — אָפּפרעמדן פאַרבײַגייער פון זייערע ווערטפולע חפצים. זיי פלעגן דאָס מאַכן מיט פאַרשיידענע קונצן אָן טומל און אָן בלוט. נאָר, ווען אַ בירגער האָט קיין חשק געהאַט אָרעמער צו ווערן גראַציעז, איז זײַן עקשנות פאַרצייכנט געוואָרן אַף פּאָליצייִשן מעק־פּאַפּיר אָדער פאַרשריבן אין נאָענטן שפּיטאָל.

די מאַכט האָט אַף דער קנופיה געטראָגן אַ חשד און אויך געהאַט דרך־ארץ פאַר זיי. ווי דעם נאַכטיגאַלס טרילן הערט זיך אין די טיפסטע שאָטנס, אַזוי האָט דער געהילף־רוף נאָך רעזערוון אַף תפיסה־כיבוד געשניטן די לופט אַרום די קעשענע־קינסטלער.

דאָס „קינד" ברעדי אָבער האָט צוגעזאָגט זײַן מאַלין צו ווערן אַ לײַט. ער איז געווען דער חוצפּהדיקסטער, קריגערישסטער, שטאַרקסטער און בראַוועער פון דער הברײַע. האָבן טאַקע זײַנע קאַמעראַדן אים שטאַרק נישט געוואָלט אָפּגעבן. דאָך האָבן זיי געמוזט צוזען זײַן אַוועקגיין צו אַ מער יושרדיקן לעבן; צו טאָן ווי זײַן מיידל האָט געבאָטן. כאָך איר אַ „בלוי אויג" פאַר ליבשאַפט, נאָר ס'איז געזונטער צו נאָכגעבן איר רצון.

— שטעל אָפּ דײַן פײַער־לעשער, — האָט „קינד" אין אָוונט געזאָגט, ווען מאַלי האָט מיט טרערן געבעטן, ער זאָל פאַרקערעווען אַפן גלײַכן וועג. איך וואַרף אַוועק די „פּרנסה" און גיב דיר ס'וואָרט, מאַלי, צו געפינען אַרבעט. אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר גיין צו דער חופּה. איך? דאָס

מאָן פון דײַנעטוועגן, מירן קריגן א דירה מיט א נײַ־מאַשין און וואזאָנעס און לעבן ערלעך מיט אַלע פּישטשעווקעס.

— אָ, קיד, — האָט ארויסגעכליפּעט מאַלי, אָפּווישנדיק די פּודער פון זײַן אַקסל מיט איר טיכעלע. בעסער הערן דיך אזוי ריידן, איידער פּאַרמאָגן גאַנץ ניו־יאָרק. מיר וועלן קענען זײַן גליקלעך אפילו מיט ווייניקער.

ברעדי האָט א קוק געטאָן אף זײַנע זויבערע מאַנקעטן און שיך פון בעסטן לעדער און געטאָן א ציַ מיטן אַקסל.

— דער עיקר וועל איך זײַן געטראָפן פון שמאַטעס — האָט ער זיך געקנייטשט. ס'גלוסט זיך מיר תמיד אויסקוקן עלעגאַנט, פון ארבעט אָבער וועלן געמינערט ווערן די קלינגערס.

— נישקשה, איך וועל דיך ליבן אין שמאַטעס, ווי אין שענסטן אויטאָמאָביל — האָט מאַלי פּאַרענדיקט.

איידער קיד איז אויפגעוואַקסן צו שלאָגן זײַן טאַטן, איז ער געצוּנגען געווען צו לערנען זיך אָן ארבעט. האָט ער אַצינד צוריקגענומען זיך צו דער מלאכה פון לייגן רערן. אָבער דער באַלעבאָס, ניט דער אַרבעטער פּוצט זיך אין בריליאַנטן גרויסע ווי האָגל; קוקט ער מיט בזיון אף זײַן העלפער, נכאַסדאַרגע.

דאָך זײַנען אַכט חדשים פאָריבער רויִק, שטיל. ברעדי האָט געלייגט די רערן אָן סימנים פון האשיווייַנו נאַזאַד, צוריקגיין צו דער חברה.

די „נעגל־פּוצער" האָבן ווײַטער געשלעפּט פון קעשענעס, געשפּאָלטן פּאָליציייִשע קעפּ, צוגעקלערט נײַע דרכים פון שטילער גנבה, קאָפּירט די מאָדעס אף שניפּסן, טיכלעך, קליידער פון פינפטער עוועניו, און זיך נוהעג געווען, אַל פּי יענע בײַגעזעצן. קיד ברעדי אָבער איז געשטאַנען פעסט, געהאַלטן זיך געטרײַ צו זײַן מאַלין, כאָטש דער מאַניקור פון זײַנע נעגל איז אָפּגעקראָכן און ס'האָט געדויערט געגוג אויסצובינדן זײַן קראַוואַט, אַז די לעבער זאָלן נישט ארויסקוקן.

איין אָוונט האָט ברעדי געבראַכט צו מאַלין אהיים א פּעקל.

— עפן, ס'פאַר דיר, — האָט ער אַרויסגעשעפּטשעט. מאַלי האָט מיט נײַגעריקע פינגער אויפגעריסן די פּאַפּירן. זי האָט א הוכיע געטאָן, ס'זײַנען אָנגעלאָפן קליין און גרויס. ווידער א קוויטש, און עפּעס טונקלס, גלאַנציק, לאַנג האָט אַרומגעוויקלט איר ווײַסן האַלדז ווי א שלאַנג.

— רוסישער סויבל — האָט ער געזאָגט, אָנקוועלנדיק דערויף, ווי מאַלים רונדע באַקן זײַנען אײַנגעטוליעט אין דעם פוטער. ס'איז די אמתע סחורה, ס'וואַקסט ניט אין רוסלאַנד, עפּעס צו גוט פאַר דיר, מאַלי.

זי האָט אַרײַנגערוקט אירע הענט אין דער מופטע, אומוואַרפנדיק אַ פּאָר קינדערלעך און צוגעלאָפן צום שפּיגל.

(אַ ווונק צו די שיינהײַט אָפּטײלונגען און די צײַטונגען: פאַר רויזן־באַקן, פײַער־אויגן און צוויבער־שמייכל איז אַ סגולה — אַ גאַראַנטור רו־סישן סויבל!)

ווען זיי זײַנען געבליבן אַליין, האָט מאַלי געפּילט, ווי ס'האָט זיך איר אין האַלדז געשטעלט אַן אײַז־לעקעכל פון שכל הישר, וואָס דער־וואַרגט איר גליק.

— ביסט אַ פויגל, בחור, — האָט זי קוים געמורמלט. כ'האָב אין מײַן לעבן נישט געטראָגן קיין פוטער. אָבער איז רוסישער סויבל ניט מוראדיק טײַער?

— האָב איך ווען אַף דיר אַרויפגעצויגן מציאות? — האָט ברעדי געענטפערט. האָסטו מיך געזען אַמאָל האַווען איבער רעשטלעך, צי גלאָצן די אויגן אין פינף און צען סענט געשעפטן? רעכן אויס: די שאַרף 250 דאָלער, און די מופטע 175, ווערסטו נישט בלאַנדזשען מיטן מקח פון רו־סישן סויבל. דער עיקר — זיי פּאַסן דיר שיין.

מאַלי האָט צוגעדריקט די פוטער צום בוזעם פול מיט תענוג און האָט ווידער געקוקט פאַרדאַגהט אַפן יונג, ער האָט געוווּסט, וואָס יעדער בליק אירער מיינט און געלאַכט פאַררויטלט:

— הער שוין אויף, — האָט ער געזאָגט מיט ליבשאַפט, אומאַרע־מענדיקן מאַלין נאָך שטרענג, איך האָב דיר דערציילט און אַן עק. איך האָב עס געקויפט און באַצאָלט פון מײַנע מזומנים.

— פון דײַנע סכירות פון 75 דאָלער אַ חודש? — האָט זי גע־צווייפלט.

— אוודאי, איך האָב אָפּגעשפּאָרט, — איז געווען זײַן ענטפער. 425 טאָלער אין אַכט מאָנאטן, קיד? ווי קען זײַן?

— הע, טשעפּע זיך אָפּ, — האָט ער געזאָגט היציק, אַ וואָרף טו־ענדיק זײַן היטל. איך האָב פאַרמאָגט אַביסל ממתקים בשעתן שטעלן זיך צו דער אַרבעט. מיינסט אוודאי איך עסק זיך אַלץ מיט „הענט אַרויף!"

פּטור דערפון! כ׳האָב געקויפט און באַצאָלט אַפן סקווער. טו בעסער אָן און לאָמיר כאַפּן אַ שפּאַציר.

מאַלים ספקות האָבן זיך איַינגעשטילט, די פוטערנע הלבשה האָט זי באַרויִקט. גיַיוועדיק ווי אַ מלכה האָט זי געשפּאַנט איבער דער עוועניו באַ קינדס זיַיט.

די אומגעוויינטלעכע ניַיס פון רוסישן פוטערוואַרג האָט זיך צעטראָגן איבער די שכנים. טיר און פענצטער זיַינען באַלייגט געוואָרן מיט ניַיגער־ריקע. אויס און האָס האָבן זיך געהערט איבער דער לענג און ברייט פון גאַס. די אומגלויבלעכע פּריַיז איז געגאַנגען פון מויל צו מויל, שטיַיגנדיק איבערן וועג. באַ מאַלים רעכטן אָרעם האָט מאַרשירט ברעדי מיט שטאָלץ פון אַ בן־מלך. די האָרעוואַניע האָט ניט פאַרמינערט זיַין ליבע צו פּאָמפּ, אָנשטעל און תאווה צו יקר המציאות.

דריַי קוואַרטאַלן אונטער דעם באַוווּנדערטן פּאָרל האָט געשפּאַנט דעטעקטיוו ראַנסאַם פון צענטראַלן פּאָליציי ביוראָ, וועלכער פלעגט פון ציַיט קריגן דאָ אַ פּיפּס וועגן סודות, אין וועלכע ער האָט זיך געגראָבן.

— וואָס איז אַזאַ לעבעדיקייט אַף דער עוועניו? — האָט ראַנסאַם געפרעגט באַ אַ בלאַסן חברה מאַן אין אַ רויטן סוועטער.

— די בייטל־שניַידער קליַיבן זיך אַראָפּציִען פון ברעדים כלה די פּוּטער, פאַר וועלכער ער האָט באַצאָלט אַ טויזנטער.

— כ׳האָב דאָך געהערט, אַז קיד איז אָן אַרבעטער געוואָרן, ווי־זשע האָט ער געקענט צעלאָזן זיך אַזוי? — האָט דער דעטעקטיוו געפאָרשט.

— ער אַרבעט טאַקע, — האָט יענער צוגעגעבן. ער טוט אָבער, שמועסט מען, עפּעס באַ דער זיַיט, אַ סימן: ער, אַ האַנט באַ יענעם, האָט געקענט דערלאַנגען צו אַזאַ צאַצקעדיקער פוטער אַנצוטאָן אַף זיַין מיידל.

ראַנסאַם האָט אָפּגעשטעלט דאָס פּאָרל אין אַ ליידיקער גאַס באַם טיַיך. ער האָט אַ טאָרע געטאָן ברעדין באַם אָרעם.

— כ׳וויל דיך זען אַ רגע, קיד, — האָט ער שטיל אַ שעפּטשע געטאָן און בינע־ביי געכאַפּט אַ קוק אַף דער שאַרף, וואָס איז געלעגן גראַציעז אַף מאַלים נאַקן.

ברעדי האָט מיט אַ פאַרקרומטער מינע פון זיַין לאַנגיאָריקער שנאה צו אַ קנעפּל געמאַכט אַ פּאָר טריט צום ציוויל־געקליידטן פּאָליציסט.

— ביסטו געגאַנגען צו מיסעס היטקראָוט אַף זיבעטער גאַס צו פאַר־

ריכטן די רערן? — האָט דער דעטעקטיוו געפרעגט.

— געגאַן, — האָט ברעדי צוגעשאָקלט, וואָסי דען?

— יענער פרוים טויזנט דאָלערדיקער סויבל איז פאַרשווונדן אין איין צײַט מיט דיר. די באַשרײַבונג גראַמט מיט דעם וואָס דײַן ליידי טראָגט אַף זיך.

— גיי צו אַלדי... — האָט קיד אויסגעשריִען. דו ווייסט, איך שטעק שוין מער ניט מײַן נאָז צו יענע מיסחרים. די סויבל האָב איך געקויפט נעכטן באַ... ברעדי האָט זיך פאַרהאַקט.

— כ'ווייס, אַז דו האָסט לעצטנס געאַרבעט. — האָט יענער באַמערקט; כ'וועל דיר געבן יעדע געלעגנהײַט. קום מיט מיר אַהין, ווו האָסט געקויפט. דײַן פרײַלן קען מיטגיין און טראָגן דערווײַל די סויבל, קיינער זאָל ניט חושד זײַן אין גאַס.

— לאָמיר — האָט ברעדי מסכים געווען. נאָר גלײַך אָפּגעשטעלט זיך און אַ קוק־געטאָן מיט אַ קרומען שמייכל אַף מאַלים פול מיט חשד צערודערט פּנים.

— ס'טויג נישט — האָט קיד אַ מאַך געטאָן מיט אַנגסט. אמת, די פוטער איז יענער מאַדאַמס. וועסט מוזן עס אומקערן, מאַלי. סײַ־ווי איז עס דאָך דיר נישט צום האַרצן, ווײַל צו טײַער.

די מיידל האָט מיט צער צוגעדריקט זיך צו זײַן אַקסל:

— אוי, קידי, האָסט מײַן האַרץ צעבראָכן — האָט זי געשלוכצט. איך בין געווען אַזוי שטאָלץ מיט דיר, איצט וועלן זיי דיך... ווו איז אַהינגעקומען אונדזער תענוג, גליק?

— גיי אַהיים, — האָט ברעדי איבערגעשלאָגן ווילד, ראַנסאָם, קום, לאָמיר שפּאַנען.

פון אונטער אַ ראָג איז אָנגעקומען אַ פּאָליצײַ־מאַן קאָהן צו זײַן פּאָסטן באַם וואַסער. ראַנסאָם האָט אים געגעבן אַ צייכן אַף הילף. יענער איז צוגעשטאַנען צום געזעמל, באַקומענדיק אַ דערקלערונג פון קאָלעגע.

— יאָ, כ'האָב געהערט פון דער געגנבעטער פוטער, קאָהן האָט אָנגענומען די שאַרף און באַטראַכט.

— איך האָב אַמאָל פאַרקויפט פוטערוואַרג, דאָס זײַנען ביליקע פעלכלעך, די שאַרף איז ווערט צוועלף דאָלער און די מופטע...

באַץ! האָט אַ קלונג געטאָן אַ פּראַסק, וואָס קיד האָט אָפּגעשטעקט אין קאָהנס באַק. יענער האָט אַ וואַקל געטאָן, נאָר זיך דערהאַלטן. מאַלי האָט געהוכצט. ראַנסאַם מיטן אַנדערנס הילף האָט אַרויפגעוואָרפן קיי־טעלעך אַף ברעדיס הענט.

— די מופּטע דאַרף קאָסטן נײַן טאָלער, — האָט קאָהן פאַרגעזעצט. וואָס רעדט מען גאָר פון טויזנט?

ברעדיס פּנים איז געוואָרן טונקל־רויט.

— ריכטיק, סאָלאָמינסקי, — האָט ער צוגעגעבן עדותדיק, איך האָב באַצאָלט 20.50 פאַרן גאַרניטור. כ׳וואָלט ליבערשט געגאַנגען זיצן און נישט דערציילן דאָס.

ראַנסאַם האָט אומגעקערט מאַלין די פוטערוואַרג. זי האָט אַרומגע־וויקלט די שאַרף אַרום איר האַלדז און פאַרוואָרפן איין עק אַפן לינקן אַקסל מיט גראַציע פון אַ פּרינצעסן און שמייכלענדיק גליקלעך זיך גע־טוליעט צו קיד ברעדי.

דער פּרינץ און דער זייגער

דער בן־מלך מיכאַל פֿון מדינה וואַלעלונע איז געזעסן אַף זײַן באַליבטער באַנק אין פּאַרק. די קילקייט פֿון סעפּטעמבער־אָוונט האָט פֿאַרשנעלערט דאָס לעבן אין אים ווי אַ גוטער ווײַן. די בענק זײַנען נישט געווען אויסגעפּילט. די פּאַרק־באַזוכער זײַנען פֿילבאַר צו דער שאַרפֿער האַרבסט־לופֿט, זײַנען זיי דערפֿאַר אַנטלאָפֿן אַהיים. קינדער האָבן נאָך געלאַכט, געשטיפּט אַרום דעם שפּריצנדיקן פֿאָנטאַן. אין די שאָטנדיקע זײַטן האָבן סאַטירן און נימפֿעס געפּליסטערט. געמורמלט, ניט זעענדיק די בליקן פֿון די שטערבלעכע. די לבנה האָט באַזילבערט די דעכער פֿון מזרחדיקן הײַזער־פּירעק. איבער די ביימער האָט געשײַנט דאָס גרויסע רונדע פּנים פֿון אַ באַלויכטענעם זייגער אַפֿן טורעם פֿון אַ דערבײַיִקן געזעלשאַפֿטלעכן בנין.

דעם פּרינץ מיכאָעלס שיך זײַנען געווען צעלעכערט מער ווי די יכולות פֿון אַ געניטן שוסטער צו פֿאַרריכטן. שמאַטע־קלײַבער וואָלטן זיך צוריקגעהאַלטן צו פֿאַרהאַנדלען וועגן זײַנע טראַנטעס. זײַן צוויי־וואָכעדיקע באַרשט אַפֿן פּנים איז באַשטאַנען פֿון אַלערליי קאָלירן: גרוי, ברוין, רויט און גרינלעך, ווי צונויפֿגעקליבן פֿון איינצל־מתנות פֿון אַ מוזיקאַלישער קאָמעדיע־טרופּע. קיינער פֿאַרמאָגט נישט אַזויפֿיל קלינגערס צו קענען באַהויפּטן אַזאַ קאַפּעלוש ווי זײַנער.

פּרינץ מיכאָעל איז געזעסן און געשמייכלט. ס'איז אים געווען מחיהדיק צו טראַכטן, אַז ער איז פֿאַרמעגלעך גענוג אָפּצוקויפֿן יעדע צײַל פֿון די מחינות, באַלויכטענע פּאַלאַצן פֿון אַנטקעגן, ווען ער זאָל נאָר וועלן. ער קען זיך פֿאַרמעסטן אין גאָלד, צירונג, קונסט־אוצרות, נעכאַסים און נחלות מיט יעדן גביר פֿון זײַן גרויסאַרטיקן ניו־יאָרק און וואָלט נאָך ניט געגרייכט אַפֿילו דעם קלענסטן טייל פֿון זײַן עשירות. ער קען זעצן זיך צום טיש מיט רעגירער. די געזעלשאַפֿטלעכע וועלט, דעם עולם פֿון

קונסט, די אויסדערוויילטע, די חכמים־נאָכקרימערס, חניפהניקעס, זוכער פון כבוד, פון תענוגים, באַרימטקייט, — דער גאַנצער האַניק פון לעבן האָט געוואַרט אין די סטעלניק־קעמערלעך פון וועלט־בינשטאָק פאַרן בן־מלך מיכאָעל פון דער וואַלעלונע־מדינה, ווי נאָר ער וועט באַגערן דאָס אַלץ צו דערוועכן. אָבער ער וויל בעסער זיצן אין די צוויטן און אין קויט אַף דער פּאַרק־באַנק. ער האָט שוין פאַרזוכט פון עץ־החיים, פון לעבנס־בוים. און ווײַל ס'איז אים ביטער אין מויל געוואָרן, האָט ער אַרויסגעשפּאַנט צײַטווײַליק פון גן־עדן צו פאַרגעסן זיך אין לוסטלאָזן האַרץ פון דער וועלט.

די מחשבות האָבן געווירן אין פאַרטײַעטן מוח פון פּרינץ, בשעת ער האָט געשמייכלט אין זײַן קאָלירפולער באָרד אַרײַן. דער אָרעמסטער בעטלער פון פּאַרק האָט ליב געהאַט שטודירן די מענטשהייט. אין אַלט־רויזם, מענטשן־ליבע האָט ער געפונען מער הנאה ווי אין זײַן עשירות, ווי אין זײַן הויכן מצב און אַלע מעדני מלך וואָס דאָס לעבן האָט אים געגעבן. דעם גרעסטן נחת־רוח האָט ער געפילט אין אַרויסהייבן יחידים פון עגמת־נפש, טאָן טובות דעם, וועמ ס'האָט זיך גענייטיקט אין הילף, אויפבליצן פאַר די שלימזלדיקע מיט אומדערוואַרטער קעניגלעכער גרויס־קייט, צוגעטיילט און געשאָנקען מיט שכל און חקירות.

ווי פּרינץ מיכאָעלס אויג האָט גערוט אַף דעם לויכטנדיקן ציפער־בלאַט פון טורעם־זייגער, איז זײַן שמייכל, הגם פול מיט מענטשנליבע, געוואָרן עטוואָס פאַרטונקלט. גרויסע הירהורים האָבן אַ באַוועג געטאָן זײַן מוח: פאַרוואָס זאָל די וועלט זײַן אונטערגעוואָרפן די קאַפּריזנע צײַט־מעסטונגען. דעם מענטשנס קומען־און גיין אין יאָגעניש און פּחד צוליב די קליינע מעטאַלענע ווײַזערס האָט אים פאַרשאַפט צער.

דערווײַל איז אָנגעקומען אַ יונגערמאַן אָוונטדיק פאַרפּוצט און זיך געזעצט אַף אַ דריטער באַנק פון פּרינץ. אַקעגן אַ האַלבער שעה האָט ער שנעל, נערוועז גערייכערט און דערנאָך גענומען קוקן אַפן פּנים פון זייגער העכער די ביימער. דעם יונגמאַנס צערודערונג איז געווען דײַטלעך, און דער בן־מלך האָט וויטיקלעך זיך אָנגעשטויסן, אַז יענעמס געמיט איז פאַרבונדן אַפּנים מיטן פּאַמעלעכן דרייען זיך פון די ווײַזערס אַפן צײַט־מעכאַניזם.

זײַן האָכהײַט איז אויפגעשטאַנען און צוגעגאַנגען צום פרעמדנס באַנק.

— אַנטשולדיקט מיר פאַר װענדן זיך צו אײַך, — האָט דער פּרינץ געזאָגט — איך זע, אַז איר זײַט צעטרייסלט פון עפּעס. דערלויבט פאַר־ענטפערן זיך פאַר מײַן דרייסטקייט: איך בין פּרינץ מיכאל, דער יורש פון טראָן פון מדינה װאַלעלונע. איך דערשײַן פאַרשטעלט, געװײנלעך, װי איר קענט זען פון מײַן הוילעך. מײַן װילן איז אויסצושטרעקן הילף צו די װאָס זײַנען דאָס װערט. אפשר איז דער ענין, װאָס קימערט אײַך, אַזאַ, װאָס קען זײַן אונטערגעװאָרפן צו אונדזער ביידנס באַטראַכטונג?

דער יונגערמאַן האָט אַרויפגעקוקט צום פּרינץ מיט צעעפנטע אויגן. אָבער דער װערטיקאַלער שטריך פון איבעראַשונג צװישן זײַנע ברעמען, איז נישט פאַרװישט געװאָרן, אפילו װען ער האָט גענומען לאַכן.

— אײַנגענעם אײַך צו קענען, פּרינץ, האָט ער געזאָגט לאַכנדיק — יאָ, איר זײַט מאַסקירט גאַנץ פּויגלדיק. אַ דאַנק פאַר אײַער הילף־גרייט־קייט. בלויז כ'זע ניט, װוּ אײַער אַרײַנמישן זיך קען מיר נוצלעך זײַן. ס'איז מײַן פּריװאַטער עסק, פאַרשטייט איר; אַ דאַנק פונדעסטװעגן!

דער טראָן־יורש האָט זיך צוגעזעצט נאָך נענטער. אָפט איז ער גע־װאָרן אָפּגעשטויסן, נאָר קיינמאָל ניט באַליידיקט. זײַנע אײדעלע רייד און באַנעמונג האָבן געװירקט.

— די צײַט־מעסטער זײַנען קייטן אויף די פיס פון דער מענטשהײַט. איך האָב באַמערקט, װי איר קוקט שטאַרק אויפן ציפערבלאַט, דעם טיראַן. די נומערן דאָרט זײַנען פאַלשע װי פון אַ לאָטעריי־צעטל, די װײַזערס װי פון קאָרטן־שפּיל און קענען אונדז פאַרפירן אין שאול תחתיה. דערלויבט מיר העלפן אײַך אָדאָפּװאָרפן דעם דריקנדיקן יאָך פון האַנדלען לויט דער נאַרישער מאַשין פון בראָנדז און שטאָל.

— ס'רוב טו איך עס נישט, — האָט געענטפערט דער בחור — איך טראָג מײַן אייגענעם זייגער, אַ חוץ װען כ'בין פאַרפּוצט װי אַצינד.

— איך קען די מענטשלעכע נאַטור, װי איך קען די ביימער און גראָזן, האָט דער פּרינץ דערקלערט — איך בין אַ קענער פון פילאָזאָפיע, אַ געענדיקטער אין קונסט און פאַרמאָג דעם האָרן פון פאָרטונע. ס'זײַ־נען פאַראַן װיניק אַנגסט פון שטערבלעכע װאָס איך זאָל ניט קענען באַ־קומען. איך האָב געלייענט אויף אײַער פיזיאָנאָמיע אין געפונען דערין

ערנסטקייט און גרויסמוט ווי אויך קוועלונג, בעט איך אייך אָננעמען מיין ראַט און הילף. מאַכט ניט צום נאַר די אינטעליגענץ, וואָס איך זע אין אייער געזיכט; אורטיילט ניט לויט מיין אויסזען די פעיִקייט צו פאַר־לייכטערן אייערע שוועריקייטן.

דער יונגערמאַן האָט ווידער אַ בליק געטאָן אַפן זייגער און זיך חושבדיק פאַרקרימט. ער האָט איבערגעוואָרפן די אויגן צו אַ פירשטאָקיק, רויט־ציגלדיק הויז אַנטקעגן. טונקעלע פאָרהענגלעך זיינען געווען אַרונ־טערגעלאָזט און די אינעווייניקסטע שיין האָט שאָטנדיק זיך קוים דורכ־געזען.

— צען מינוט צו ניין! — האָט אויסגעשריִען דער יונגערמאַן ווי אין פאַרצווייפלונג. ער האָט זיך אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע און גע־מאַכט אַ פּאָר שפּאַן אין דער קעגנזעצלעכער ריכטונג.

— פאַרבלייבט! — האָט באַפוילן פּרינץ מיכאָעל מיט אַזאַ אימפּעט, אַז דער געשטערטער האָט זיך אויסגעקערעוועט מיט אַ יאושדיקן גע־לעכטער.

— איך וועל איר געבן די צען מינוט, דאַן פאַרלאָז איך, — האָט ער אַרויסגעשטאַמלט און דערנאָך געזאָגט הויך צום פּרינץ — איך וועל אינאיינעם מיט אייך, מיין פריינט, פאַרוואָרפן אַלע זייגערס און צולייגן אויך די פּרויען!

— זעצט אייך, האָט דער פּרינץ ווי געבעטן — איך נעם נישט אָן אייער צוגאָב. פרויען זיינען די נאַטירלעכע שונאים פון זייגער, ממילא פריינט פון יענע, וועלכע זוכן צו באַפרייען זיך פון די שדים, וואָס מעסטן די פעלערן און באַגרענעצן אונדזערע זיסקייטן. אויב איר האָט צוטרוי, באַקענט מיר, כ'בעט אייך, מיט אייער צער און צאָרן.

דער יונגערמאַן האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אַף דער באַנק מיט אַ צור־ריקגעהאַלטענעם געלעכטער.

— אייער קעניגלעכע הויכקייט, איך פאַלג, האָט ער געזאָגט מיט אַ געמאַכטער עניוות — זעט איר אָט יענע שטוב מיט די דריי אייבערשטע באַלויכטענע פענצטער? זעקס דעם זייגער בין איך דאָרט געשטאַנען מיט אַ יונג מיידל, מיט וועלכער איך בין, ריכטיקער כ'בין געווען... פאַרכנסט. איך האָב אָבער אָפּגעטאָן אַ נאַרישקייט, מיין טייערער פּרינץ, און זי האָט

זיך דערוווּסט. איך האָב איר געבעטן מיר מוחל זײַן, ווי מענער זוכן שטענדיק צו פֿאַרגעבן ווערן פֿון פֿרויען, ניט אַזוי, פּרינץ?

— איך וויל צײַט צו באַטראַכטן, האָט זי געטענהט — איינס פֿון די ביידע איז זיכער: אָדער איך שענק דיר דורכויס, אָדער איך וועל קיינמאָל מער דײַן פּנים נישט זען. קיין האַלבער וועג! דרײַסיק נאָך אַכט, האָט זי געזאָגט — פּינקטלעך קוק אַפֿן מיטלסטן פֿענצטער פֿון אייבערשטן גאָרן. אויך איך באַשטים דיר פֿאַרגעבן, וועל איך אַרויסהענגען פֿון פֿענצטער אַ ווײַסע זײַדענע שאַרף. פֿון דעם וועסטו וויסן, אַז אַלץ בלײַבט ווי געווען און דו מעגסט קומען צו מיר. אויב דו זעסט נישט די שאַרף, הייסט עס, אַז אַלץ צווישן אונדז איז פֿאַרענדיקט און אויף שטענדיק. דע־ריבער, האָט פֿאַרגעזעצט דער דערציילער, האָב איך אַזוי געקוקט אַפֿן זייגער. די צײַט פֿאַרן סיגנאַל איז אַריבער מיט דרײַ און צוואַנציק מינוט פֿריִער. חידושט איר זיך וואָס איך בין אַביסל צעטומלט, מײַן פּרינץ?

— לאָמיך איבערחזרן פֿאַר אײַך, — האָט געזאָגט פּרינץ מיכאַל מיט זײַן געמאָסטענעם געלאַסענעם טאָן: ווײַבער זײַנען די נאַטירלעכע פֿײַנט פֿון דער צײַט; מאַשין־זייגערס זײַנען אַ קללה, די פֿרויען — אַ ברכה. דער צייכן קען זיך נאָך באַווײַזן.

— קיינמאָל, אײַער פּרינצלעכע הויכקייט, — האָט אויסגעשריִען דער האָפֿענונגסלאָזער — איר קענט ניט מירימען, זי איז שטענדיק צו דער צײַט, צו דער רגע. דער שטריך אין איר האָט מיר דאָס ערשטע צוגעצויגן. האָב איך די ענטשקע אָנגעטאָן דעם שאַרף. שוין באַ 8.31 האָב איך באַדאַרפֿט וויסן, אַז מײַן גאַנדז איז אָפּגעקאָכט. 11.45 פֿאָר איך אַוועק מיטן באַן. אַ גוטע נאַכט, פּרינץ!

דער בן־מלך האָט געשמייכלט און אָנגעכאַפּט דעם יאָושדיקן פֿאַרן אָרבל. זײַנע אויגן האָבן געפֿינקלט.

— וואַרט, האָט ער געזאָגט, — ביז דער זייגער וועט קלינגען. איך פֿאַרמאָג רײַכטום, מאַכט און וויסן מער פֿון ס׳רוב מענטשן, נאָר ווען דער זייגער קלינגט, שרעק איך זיך. שטייט, כ׳בעט אײַך, לעבן מיר ביז דע־מאָלט. די מיידל וועט זײַן אײַערע. אָט האָט איר דאָס וואָרט פֿונעם יורש פֿון וואַלעלונער טראָן: אין טאָג פֿון אײַער חתונה גיב איך אײַך הונדערט טויזנט דאָלער און אַ פּאַלאַץ באַם האַדסאָן־טײַך. נאָר עס טאָר אין גע־

ביידע זיך נישט געפינען קיין זייגער, וואָס מעסט אונדזערע שוואַכקייטן און צוימט אונדזער נחת... זײַט איר מסכים?

— אוודאי, האָט געענטפערט דער יונגערמאַן כלומרשט אויפגעלייגט — זיי זײַנען אַן אומזין סיי־ווי־סיי, שטענדיק טיקן זיי און קלאַפּן זיי און מען פאַרשפּעטיקט איבער זיי. ער האָט ווידער אַ קוק געטאָן אַפן זייגער. די ווײַזערס זײַנען געשטאַנען באַ דרײַ מינוט צו ניין.

— איך דענק צולייגן זיך אַביסל. דער טאָג האָט מיך מיד געמאַכט, — האָט דער פּרינץ געזאָגט און זיך אויסגעצויגן אַף אַ באַנק. ווי אַ דערפאַרענער פּאַרק־שלאָפער — איך קענט מיר געפינען דאָ יעדן אָוונט אין אַ נישקשהדיקן וועטער — האָט דער פּרינץ אַרויסגעשעפּטשעט פאַר־שלאָפן: קומט ווען אײַער חתונה־טאָג וועט זײַן באַשימט, וועל איך אײַך געבן אַ טשעק אַפן געלט.

— אַ דאַנק, אײַער האָכהייט! — האָט דער יונגערמאַן געזאָגט סאַר־קאַסטיש — אָבער עס קוקט ניט אויס, איך זאָל דאַרפן אײַער פּאַלאַץ. נאָר איך דאַנק אײַך אַלצאַיינס פאַר אײַער גוטן ווילן.

פּרינץ מיכאַל האָט פאַרזונקען אין טיפן שלאָף. זײַן צעדרומזשע־טער קאַפּעלוש האָט זיך אַראָפּגעקײַקלט. דער יונגערמאַן האָט אויפגע־הויבן און געלייגט אַפן שלאָפנדיקנס פּנים און אויך אויסגעגלײַכט זײַן געלענק אין אַ באַקוועמערער פּאָזע.

— אָרעמער, נעבעך, — האָט ער געזאָגט און אים פאַרשפּילעט באַ דער ברוסט.

הויך האָט אויסגעקלונגען דער זייגער אַפן טורעם, און דער בחור האָט ווידער אַ זיפץ געטאָן, אויסגעדרייט זיך באַנײַס, געוואָרפן אַ קוק אַפן הויז פון זײַן פאַרוועלקטער האָפענונג און זיך געשאָלטן.

פון העכערן מיטלסטן פענצטער האָט אין טונקלקייט געבליט פלאַ־טערנדיק אַ שניי־ווײַסע וואונדערלעכע שאַרף — דער עמבלעם פון מחילה און דערוואַרטער פרייד.

אַ בירגער איז פאַרבײַגעגאַנגען מיט זיכערע טריט אַפן וועג אַהיים, נישט וויסנדיק פון צוזאָגנדיקע זײַדענע שאַרפעס באַם גרענעץ פון טונקל־באַלויכטענע פּאַרקן.

— ווילט איר אַזוי גוט זײַן און מיר זאָגן, ווי שפּעט ס'איז? — האָט געפרעגט דער געפּלעפטער יונגערמאַן.

יענער האָט אויסגעדרייט זײַן זייגער צום ליכט און געענטפערט:

— נײַן און צוואַנציק און אַ האַלבע מינוט נאָך אַכט, מיין הער!

דערנאָך, פון געוווינהייט אַ בליק טוענדיק אַפן טורעם־זייגער צו־געגעבן: ווי קומט דאָס, יענער ווײַזט מיט אַ האַלבע שעה פאָרויס?! דאָס ערשטע מאָל אין צען יאָר זע איך דעם זייגער אַזוי לויפן! מײַן זייגערל פלעגט קיינמאָל...

נאָר דער בירגער האָט שוין געערעדט צו דער ליידיקייט. ער האָט זיך אומגעקערט און געזען זײַן צוהערער — אַ שנעל פאַרשווינדנדיקן טונ־קעלן שטן, יאָגנדיק אין דער ריכטונג פון אַ הויז מיט דרײַ באַלויכטענע אייבערשטע פענצטער.

אינדערפרי זײַנען פאַרבײַגעגאַנגען צוויי פּאָליציי־לײַט. דער פּאַרק איז געווען פאַרלאָזט, מיטן אויסנאַם פון איין צעשוווּמענער פיגור, וואָס איז געשלאָפן אַף אַ באַנק.

— דאָס איז דער צעדרייטער מאַיק — האָט איינער געזאָגט — שוין צוואַנציק יאָר אַ פּאַרק־באָס.

דער צווייטער האָט זיך אָנגעבויגן און דערזען עפּעס אַ צעקנייטשט פּאַפּירל אין האַנט פון שלאָפנדיקן.

— זע נאָר, אַ פּופּציק דאָלערדיק פּאָזיטל!

דערנאָך: ראַפּ־ראַפּ־ראַפּ! — האָט דער פּאָליציי־קלאָב גענומען קלאַ־פּן אַף די פּאָדעשוועס פון מיכאל — דעם פּרינץ פון דער וואַוועלונע־מדינה.

דאָס לעצטע בלעטל

אין נאָוועמבער האָט אַ קאַלטער, אומגעזעענער אורח מיטן מעדיצי־נישן נאָמען „נעומאָניע" געשפּאַנט איבער דער שטאָט, געכאַפּט מיט זײַנע אײַז־פינגער איינעם דאָ, אַ צווייטן דאָרט. איבער די אָרעמע גאַסן פון דער איסט־סאַיד (מזרח־זײַט) האָט דער מחבל חוצפּהדיק געשפּרײַזט און געשטיקט זײַנע קרבנות מחנותווײַז, נאָר אין די קרומע געסלעך און „פּלעצלעך" פון דער קינסטלער־קאָלאָניע „גריניטש ווילעדזש" האָט די מגפה געהאַט מער אײַנזעעניש.

דזשאָונסין אָבער האָט דער אומגעבעטענער דערגרייכט. זי איז גע־לעגן, קוים רירנדיק זיך, אַף איר געפאַרבט בעטל און געקוקט דורך די שויבן אַף דער רויטער וואַנט פון שכנישן ציגל־הויז.

אין איינעם אַ פרימאָרגן האָט דער אײַלנדיקער דאָקטער אַ ווונק געטאָן מיט זײַן געדיכטער ברעם צו דער קראַנקערס חברטע, סואין, זי זאָל אַרויס נאָך אים אין קאָרידאָר.

— איר מעגלעכקייט צו ווערן געזונט איז, לאָמיר זאָגן, איינס קעגן צען, האָט דער רופא באַהויפּטעט, אַראָפּקלאַפּנדיק דערבײַ זײַן טערמאָ־מעטער, און דער תנאי איז: צו וועלן לעבן; נישט ווי אײַער פרײַנדן האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז ס'איז פאַר איר קיין רפואה נישטאָ. דאָס שטעלן זיך אין ריי בײַם באַגרעבער איז מבטל די גאַנצע פאַרמאַקאָפּיע. — האָט דאָס מיידל עפּעס אַ באַגער? האָט דער אַרצט צולעצט געפרעגט:

— זי טרוימט צו מאָלן דעם נעאַפּאָלער לאַנדשאַפט.

— מאָלן? בע, האָט דער דאָקטער אַוועקגעמאַכט. — האָט זי נישט, למשל, — אַ יונגנמאַן?

— ניין, דאָקטער, נישטאָ, — איז געווען סואיס ענטפער.

— נו, איך וועל טאָן אַלץ, וואָס די וויסנשאַפט הייסט מיר — האָט דער רופא פאַרגעזעצט. נאָר, ווען דער חולה הייבט אָן ציילן די לוויה־

באַגלייטער, צי איך אַראָפּ פופציק פּראָצענט פון דער מעדיצינס מעגלעכ־
קייטן. אויב איר קענט באַווירקן אײַער חברטע נאָכצופרעגן זיך, למשל,
וועגן די ווינטער־מאָדעס, וועלן זיך אירע שאַנסן הייבן צו איינס קעגן
פינף.

אַז דער דאָקטער איז אַוועק, האָבן סואים טרערן געמאַכט פיטש־נאַס
איר נאָזטיכל. נאָר זי האָט זיך אַרײַנגעשאַרט אין צימער, כלומרשט פּײַ־
פנדיק אַ ניגון.

דזשאונסי איז געלעגן שטיל; איר צודעק האָט זיך קוים געכוואַליעט.
סואי האָט אויפגעהערט פּײַפן, מיינענדיק, אַז די קראַנקע שלאָפט. זי האָט
צוגעגרייט איר מאָל־ברעט און גענומען צייכענען אַ געמעל צו אַ דערציי־
לונג פון אַ יונגן ליטעראַט פאַר אַ זשורנאַל; און געמאָלט מיט פּען און
טינט די פיגור פון העלד מיט אַ מאָנאָקל באַ איין אויג און אין שמאָלע
הויזן. דערהערנדיק אַ מורמל פון חולה, איז סואי גלײַך צוגעלאָפן.

דזשאונסיס אויגן זײַנען געווען אָפן. זי האָט געקוקט אין פענצטער
און געציילט אַף צוריק: „צוועלף“, שפּעטער אַביסל — „עלף“ און דער־
נאָך, „צען, נײַן“. דאַן „אכט“, „זיבן“ כמעט אינאיינעם.

סואי האָט געקוקט: וואָס ציילט זי? דורכן שויב האָט מען נאָר געזען
אַ רויטע וואַנט, באַצויגן פון אַ קריכנדיקן פלאַנץ מיט קליינע, דינע צווײַ־
געלעך און עטלעכע פאַרבליבענע פאַרביקע בלעטלעך.

— וואָס איז, טײַערע? האָט די חברטע געפרעגט.

— „זעקס“, האָט די קראַנקע געשעפּטשעט. זיי פאַלן גיכער איצט.
מיט דרײַ טעג פריִער זײַנען געווען באַ הונדערט, ס'האָט מיר ווי געטאָן
דער קאָפּ ציילנדיק. אַצינד איז לײַכטער. אָט פאַלט נאָך איינס. געבליבן
פינף.

— פינף וואָס? האָט סואי געוואָלט וויסן, — זאָג.

— בלעטלעך אַפןביימל. ווען דאָס לעצטע וועט אַראָפּפאַלן, וועל
איך אויך גיין. איך ווייס עס שוין זינט דרײַ טעג. האָט דער דאָקטער דיר
נישט געזאָגט אַזוי?

— אַזאַ נאַרישקייט האָב איך נישט געהערט, האָט סואי ווי ברוגז
געענטפערט. — וואָס קערן זיך אָן די פאַרוועלקטע בלעטלעך מיט דײַן
געזונט־ווערן? פלעגסט דאָך אַזוי ליב האָבן דאָסביימל? זײַ נישט קיין
נאַר, דזשאונסי; דער דאָקטער האָט מיר געזאָגט, אַז דײַנע מעגלעכקייטן

צו ווערן געזונט, זײַנען, לאָמיר זיך דערמאָנען פּינקטלעך, איינס קעגן צען. וואָס? פּונקט, ווי אַז מיר פאָרן אַפן טראַמוויַי, צי גייען פאַרבײַ אַ בנין, בעתן בויען. נעם בעסער אַ ביסל יויך, מילך און לאָז דײַן סואי צוריקגיין אַרבעטן; וועט זי קענען פאַרקויפן די צייכענונג און קריגן פאַרט־וויַין פאַר איר קראַנקן טעכטערל און חזיר־פליייש פאַר זיך, דער פרעסערן, האָט סואי געבעטן זיך.

— דאַרפסט מער נישט קיין וויַין, האָט דזשאָונסי שוואַך גערעדט. — אָט פאַלט נאָך איינס. כ׳וויל נישט קיין יויך. געבליבן נאָר פיר. כ׳וויל זען דאָס לעצטע בלעטל פאַלן, איידער ס׳ווערט פינצטער. דאַן וועל איך אויך אַוועק.

— דזשאָונסי, טײַערע, זאָג מיר צו, אַז וועסט נישט קוקן אין פענצטער, ביז איך וועל ענדיקן. האָט סואי געבעטן, איבערבייגנדיק זיך איבער איר קראַנקער פריינדן. איך דאַרף דאָס ליכט, אַנדערש וואָלט איך אַראָפּגעצויגן דאָס פאָרהענגל.

— קאָנסטו נישט מאָלן אין אַן אַנדער צימער? האָט די קראַנקע קאַלט געפרעגט.

— איך וויל בעסער זיַין לעבן דיר. ס׳געפעלט מיר אָבער נישט דײַן קוקן די פאַרוויאַנעטע בלעטלעך, האָט סואי געזאָגט מיט געפיל.

— זאָלסט מיר זאָגן, ווען וועסט ענדיקן, האָט דזשאָונסי פאַרלאַנגט. זי האָט צוגעמאַכט די אויגן און געלעגן שטיל און ווײַס ווי אַ סטאַטוע. זי האָט צוגעגעבן:

— כ׳וויל זען דאָס לעצטע בלעטל פאַלן. כ׳בין מיד צו וואַרטן און טראַכטן. איך וויל זיך פילן לויז און פאַלן אַראָפּ, אַראָפּ ווי די בלעטלעך.

— באַמי זיך אײַנשלאָפן, האָט סואי געבעטן. איך מוז גיין רופן בערמאַנען, ער זאָל פּאָזירן פאַר מיר אַלס מינען־אַרבעטער. זײַ אַ גוט מיידל, ביז איך וועל צוריקקומען, האָט זי פאַרענדיקט.

דער אַלטער בערמאַן, אויך אַ מאָלער אין די זעכציקער, וועלכער האָט געוווינט מיט אַ שטאָק נידעריקער, איז געווען אַ לא יוצלח. פערציק יאָר האָט ער געמײַסטרעוועט מיטן בערשטל און נישט באַוויזן צו באַ־רירן נאָענט דעם זוים פון מאַדאַם קונסטס מאַנטל. ער האָט כסדר גע־טרוימט צו שאַפן אַ גרויסע קונסט־ווערק, אָבער ווײַטער פון קאָמערציעלע אילוסטראַציעס איז ער נישט אַוועק. ער פלעגט אויך פאָזירן פאַר אָנפאַנ־

גער. ער האָט געטרונקען אַן אַ שיער און בשעת מעשה גערעדט וועגן באַרימטן בילד, וואָס ער גרייט זיך מאָלן. בערמאַן איז געווען אַ כעסן און נישט פאַרטראָגן קיין ווייכקייט אויך בײַ אַנדערע. ער האָט זיך געהאַלטן פאַרן אַפּוטרופּסות איבער זײַנע צוויי יונגע שכנות.

סואי האָט געפונען בערמאַנען אין זײַן קליינעם, טונקעלן צימער, וואָס'האָט געשמעקט מיט ווײַן. אין ווינקל איז געשטאַנען אַ לײַוונט, וואָס האָט געוואַרט שוין פינף און צוואַנציק יאָר אויף דעם ערשטן שטריך פון הויכער קונסט. סואי האָט אים דערציילט וועגן איר חברטעס שלאָפֿקייט און דימיונות און אויסגעפירט, אַז זי־ענדיק שוואַך ווי אַ בלעטל, זאָל זי חלילה טאַקע נישט פליִען, אויב איר פאַרבינדונג מיטן לעבן זאָל שוואַכער ווערן.

דעם אַלטנס אויגן האָבן זיך צעשאָסן מיט פײַער. ער האָט אויפגעצאָרנט פון דער קראַנקערס טראַכטענישן און פאַרבינדונג פון איר לעבן מיט די פאַלנדיקע הארבסט־בלעטלעך. ער האָט זיך אָפּגעזאָגט פּאָזירן פאַר סואין איבער איר חברטעס פלאַפּלערײַען.

— אויב איר ווילט נישט אַרבעטן פאַר מיר, איז נישט! האָט סואי ווי זיך געבייזערט, דערקלערנדיק בערמאַנען, אַז דער חולה איז אָפּגעשוואַכט פון היץ און דערפון אירע מאָדנע געדאַנקען.

— ביסט אַ נאַר! האָט בערמאַן געשריִען. ווער זאָגט, אַז איך וויל נישט פּאָזירן פאַר דיר? גיי שוין, גיי! אַ האַלבע שעה, ווי איך טענה מיט איר, אַז איך גיי. כ'זאָג נאָר, אַז ס'איז נישט דאָס פּלאַץ און נישט די צײַט פאַר דער ליבער דזשאָונסין צו ליגן קראַנק און קלערן פון טויט. אָט איך, ווען כ'וועל שאַפן מײַן גרויס ווערק, וועל מען גיין.

בײַ זייער אַרײַנקומען איז די קראַנקע געשלאָפן. סואי האָט אַראָפּגעצויגן דאָס פאָרהענגל און אַ ווונק געטאָן צו בערמאַנען, ער זאָל אַרײַן אין צווייטן חדר. אינדרויסן איז געפאַלן אַ געדיכטער רעגן געמישט מיט שניי. זעענדיק דאָס ביימל מיט די פּאָר פאַרחלשטע בלעטלעך, האָבן זיי זיך איבערגעקוקט טרויעריק. בערמאַן אין זײַן אַלט בלויען העמד האָט זיך געזעצט אויף אַן איבערגעקערטן טאָפּ פאַר אַ שטיין און פאַרגעשטעלט דעם מינען־אַרבעטער צום געמעל.

ווען סואי האָט נאָך איין שעה שלאָפן זיך אויפגעוועקט אין דער פרי,

האָט זי געטראָפן דזשאָונסין ליגן מיט ברייט־צעעפנטע אויגן אָנגעשטעלט אַפן גרינעם פאַרצויגענעם פאָרהענגל.

— צי עס אַרויף, האָט זי געבעטן.

סואי האָט נישט גערן געפאָלגט.

און וווּנדער! נאָכן באַנאַכטיקן רעגן און ווינט איז נאָך אַלץ געהאַנגען אַ בלעטל באַ דער וואַנט. ס'איז געווען טונקל גרין, די ברעגן געלע עס איז העלדיש געהאַנגען אַן ערך צוואַנציק פוס איבערן באָדן.

— ס'איז דאָס לעצטע. האָט די קראַנקע קוים גערעדט. דער ווינט האָט עס נישט אָפּגעריסן? הײַנט וועט עס זיכער אַראָפּפאַלן און איך וועל נאָכגיין.

— מײַן טײַערע, האָט אויסגערופן די חברטע, אָנשפּאַרנדיק איר מידן קאָפּ אָפן קישן. טראַכט פון מיר, אויב דו ווילסט נישט וועגן זיך. וואָס וועל איך טאָן?

דזשאָונסי האָט נישט געענטפערט.

דער טאָג איז פאַריבער; און אַפילו פאַרנאַכט האָט מען נאָך אַלץ געזען דאָס בלעטל.

אינדערפרי האָט די פאַרעקשנטע קראַנקע ווידער געהייסן אַרויפציִען דעם גרינעם גאַרדין. דאָס בלעטל איז נאָך געווען. זי האָט לאַנג געקוקט דערויף און אַ רוף געטאָן סואין, וועלכע האָט געקאָכט אַ יאַיכל פון עוף אַפן גאַז־ברענער.

— איך בין געווען אַ שלעכטע, האָט דזשאָונסי געזאָגט. דאָס העלדישע בלעטל לערנט מיך, אַז ס'איז אַ זינד צו וועלן שטאַרבן. גיב מיר אַביסל יויך מיט מילך און ווײַן אָבער פריִער וויל איך זיך אָנקוקן אין שפּיגעלע. נאָכן נעמען אין מויל האָט דזשאָונסי פאָרגעזעצט — סואי, איך וועל נאָך מאָלן דעם נעאַפּאָל־ברעג.

נאָכמיטאָק איז געקומען דער דאָקטער. סואי איז אים נאָכגעגאַנגען באַ זײַן אָפּשייד.

— די מעגלעכקייטן זײַנען איצט גלײַך אַף גלײַך, האָט ער געזאָגט, טרייסלענדיק סואים האַנט. מיט גוטן אויפּפּאַס וועט איר די שלאַכט געווינען. איצט דאַרף איך גיין צו איינעם, בערמאַן, האָט דער רופא געזאָגט. אויך דער אַלטער שוואַכער מאַן ליגט מיט לונגען־אָנצינדונג. ער איז אין סכנה, ממש האָפענונגסלאָז, מ'נעמט אים אין שפּיטאָל.

אין אַ טאָג אַרום האָט דער דאָקטער פאַרזיכערט, אַז דזשאָונסי איז אויסער געפאַר. איַיער גוטע באַהאַנדלונג האָט עס געטאָן, האָט ער געזאָגט קלאַפנדיק סואין אין פּלייצע.

באַטאָג איז סואי צוגעקומען צו איר חברטעס געלעגער און, אַרומנעמענדיק זי, געזאָגט, אַז בערמאַן איז געשטאָרבן.

דער הויז־וועכטער האָט אים געפונען אַ דורכגעווייקטן. מ'האָט ניט פאַרשטאַנען, ווו איז ער געווען אין אַזאַ ביטערער, רעגנדיקער נאַכט. שפּעטער האָט מען געפונען אַ לאַמטערן נאָך ברענענדיקן, אַ לייטער און צעשאָטענע בערשטלעך מיט פאַרבן.

— זע טיַיערע, האָט סואי אָנגעוויזן דאָס לעצטע בלעטל אויף דער וואַנט; דו האָסט זיך געחידושט, וואָס ס'פלאַטערט ניט פון ווינט און ס'איז ניט אַראָפּגעפאַלן. ליבע, ס'איז בערמאַנס גרויס קונסט־ווערק! ער האָט דאָס אָנגעמאָלן, ווען דאָס לעצטע בלעטל איז אַראָפּגעפאַלן.

אינהאַלט

אָ. הענרי — 3
די צויבער מתנה — 7
צוויי בירגער אין „דאַנק טאָג״ — 13
סאָופים מזל — 19
קאַבאַלעראָס וועג — 27
שפּורן — 37
דאָס לעבן אַ שפּיל — 43
דער „ניט - גוטער״ — 51
ווי פּל ? — 59
די ציגלשטויב־גאַס — 65
אין דינסט פון ליבע — 73
דער מיטשולדיקער — 79
דער נעפּל — 87
נישט געטראָפן — 91
אין די פעדערן — 95
אַ טשיקאַווע מעשה — 103
דער דרייעק — 105
דער דאָפּלטער — 111
היתכן ? — 123
דער געפאַנגענער — 127
קיין מעשה נישט — 137
פאַרשיידענע ליכט — 145
שעמראָק דזשאָלנעס און מאיקאָמאַשמע — 151
וואָסער וועג? — 157
מאַמאָן און קופּיד — 163
אַ סוד — 171
רוסישער סויבל — 185
דער פּרינץ און דער זייגער — 191
דאָס לעצטע בלעטל — 199

Este libro se terminó de imprimir el día 14 de abril de 1955, en los Talleres Gráficos "Optimus" S. R. L., Valentín Gómez 2715-19 - Buenos Aires.